# ש. אנ-סקי

# געזאמעלטע שריפטן



№ 83.
J.

ש. אַנ-סקי

(שלמה־זַנוויל ראַפּאָפּאָרט)

# געזאַמעלטע שריפטען

## זיבעטער באַנד

## נאָוועלען

פֿערלאַג „אַנ־סקי"

ווילנא־ווארשא־ניו־יאָרק תרפ"ט—1929

אויסגעפירט דורכן פערלאַג ש. שרעבערק

פערקויף געזעלשאַפט „צענטראַל" ווארשא

Printed in Poland

SZ. AŃ—SKI.

tom siódmy

# NA STARYCH ZASADACH

Warszawa, 1922

Wydawnictwo „AN—SKI“ Wilno–Warszawa–Nowy-Jork.

SH. AN—SKY

seventh volume

# ON THE OLD PRINCIPS

Warsaw 1922

3
Bibliotheca Universitatis Tartuensis
4941:6990
23484

Publishing Company „AN-SKY“ Vilno–Warsaw–New-York

Druk: Sz. Sikora i I. Milner Warszawa Nowolipki 5.

# אויף די אַלטע יסודות

איבערדרוקען און איבערזעצען אָהן דער ער
לויבעניש פֿון אויטאָרס צואה־פערזו־לכבי
איז שטרענג פֿערבאָטען.

Copyright Dr. Ch. Zhytlowsky
Marquand Ave Bronxville
New-York. U. S. A.

הילע פֿון יוסף זיידענבייטעל.

צינקאָקלישען אויסגעפֿיהרט דורך ח. גאָלדבערג.

דעם זאַץ האָט אויסגעפֿיהרט פֿייגע שריפֿטגיסער.

# חנה די קעכין

# א.

—האָסט געזעהן?...

די אַלטע דבורה האָט אַרויסגערעדט די ווערטער שטיל, עפנענדיג קוים איהרע דינע, בלאַסע ליפען. זי איז געזעסען אונבעוועגט אויף דער לעזשאַנקע און אויסערליך אויסגעוויזען גאַנץ רוהיג. נאָר דער צאָרנדיגער בליק פון די גרויע, אויסגעלאָשענע אויגען און דער גיפטיגער טאָן, מיט וועלכען די פראַגע איז געווען אַרויסגעזאָגט, האַבען בעוויזען, אַז די אַלטע איז שטאַרק אויפגערעגט.

מיט דער פראַגע האָט זיך דבורה געווענדט צו איהר שנור, מלכה׳ן, אַ וויבעל פון אַ יאָהר עטליכע און דרייסיג, מיט אַ ברייטען פלאַכען פנים און אַ קעלבערנעם אויסדרוק אין די אויגען. מלכה האָט זיך אָבגעקעהרט און מיט א וויינענדיג קול געענטפערט:

—צי איך האָב געזעהן? יאָ, געזעהן! און ווען איך וואָלט נישט זעהן, וואָלט איך נישט געוואוסט, וואָס פאַר אַ גזלנ׳טע זי איז?... איך וויים גוט. אַז די בעל-הבית׳טע אין שטוב איז זי, נישט איך...

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי צוגעגעבען מיט אַ טיפער פערביטערונג:

—די גאַנצע וואָך האָב איך זיך ביי איהר געבעטען, ווי פון אונטער אַ מעסער: „חנה, לאָזט די גאַלאַנע הוהן אויף פסח און אויף שבת קוילעט די שוואַרצע". און זי, די גזלנ'טע, האָט גענומען און דוקא, אויף צו להכעיס, געקוילעט די גאַלאַנע! נו, קאָן מען נישט צופּלאַצט ווערען?

די אַלטע האָט זיך עטוואָס אויפגעהויבען פון אָרט און דורך דער אָפענער טיר אַריינגעקוקט אין קיך, וואָס האָט זיך אָפּגעפונען נעבען דער לעזשאַנקע. דאָרט איז אויף דער באַנק גע-לעגען אַ גרויסע, נאָך נישט אָבגעפליקטע הוהן. די אַלטע האָט אויסגערופען מיט אַ שטאַרקער אויפרעגונג:

—הערסטו? אָט שווער איך דיר, זאָלען מיר די הענד אָב-דאַרען, אויב איך וועל זיך שבת צוריהרען צו דער הוהן! זאָל זי זי אַליין פרעסען, די מרשעת!

—אָ! איהר וועט איהר שטאַרק אָבטהון דערמיט!—האָט גע-ענטפערט מיט אַ ביטערן שמייכעל מלכה, און באַלד צוגעגעבען פערטרויערט—איך וואַרט אויף ברוך'ן, ווי אַ פרומער יוד וואַרט אויף משיח'ן! ווען ער וועט קומען, וועל איך איהם אַלץ דער-צעהלען!

—ברוך!—האָט אויסגעשריען מיט פעראַכטונג די אַלטע,— אויך מיר אַ מענש, ברוך! ווערסט איהם זאָגען איינס, וועט ער טהון פונקט פערקעהרט... ניין, עס איז שוין, אפנים, בעשערט אָבצוקומען פון דער גזלנ'טע!

די גאַס-טיר האָט זיך האַסטיג אויפגעעפענט פון אַ קלאַפּ מיט'ן פוס פון דרויסען און, צוזאַמען מיט קנוילען קאַלטער לופט, איז אין הויז אַריין אַ יודענע פון אַ יאָהר פופציג, נישט קיין הוי-כע, אַ ברייט-ביינינגע, מיט אַ קיילעכדיגען, געזונטען פנים, אַ די-קער נאָז און גרויע, גוטמוטיגע אויגען. זי האָט אַריינגעטראָגען אַ גרויס בינטעל פערשנייט, געפרוירען האָלץ, וועלכעס זי האָט קוים אַרומגענומען מיט ביידע הענט. צוקלאַפּענדיג מיט אַ גע-שיקטען שטויס פון פוס די טיר צוריק, איז זי, איינגעבויגען אין

דרייען אונטער דער משא, געשווינד אַריינגעלאָפען אין קיך, אַ וואָרף געטהון דאָס האָלץ נעבען אויווען און אומגעקעהרט זיך אין שטוב, אַנ׳אויפגערעגטע, אַ בייזע.

—אַ דונער זאָל איהם איינשלאָגען!—האָט זי גענומען שריי-ען—אַ מיתה משונה זאָל ער איינגעמען, דער גזלן, דער שכור! געהערט אַ מעשה? דער זייגער האָט געשלאָגען ניין, ניין געשווי-רען זאָלען זיך איהם זעצען אויפ׳ן לייב!—און ער האָט מיר נאָך קיין טראָפּען וואַסער נישט געבראַכט! היינט—קאָך! זאָל ער זיך נור ווייזען! ווי איך בין אַ יודישע טאָכטער, איך וועל איהם פערגיסען די אויגען מיט וואַר!...

און, נישט וואַרטענדיג אויף אַנ׳ענטפער אָדער אויסדרוק פון מיטגעפיהל, האָט זי זיך אַ וואָרף געטהון צוריק אין קיך, גע-כאַפּט אַ קרוג און אַרויסגעלאָפען פון שטוב צום טייך.

—איוואַן שוין שולדיג!—האָט אַרויסגערעדט גיפטיג די אַלטע.

אַרויסלויפענדיג פון שטוב, האָט די קעכין דערזעהן אי-וואַנע׳ן, וועלכער האָט געטראָגען אויפ׳ן פּלייצע אַ קאַראָמיסליק מיט צוויי עמער וואַסער. זי האָט זיך אָבגעשטעלט און אָנגעהוי-בען פון דער ווייטען שרייען צו איהם:

—פּגר׳ן זאָלסט, שכור, פּאַסקודניק! איך וועל דיר די פּאָמאָיניצע אויסגיסען אויפ׳ן קאָפּ! ווען טראָגסטו עס מיר וואַ-סער?

—נו, נו, חנ׳קע, שריי נישט.—האָט איהר רוהיג, מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעל געענטפערט איוואַן.—ביי מיר האָט זיך נעכ-טען דער קאַראָמיסליק צובראָכען. היינט קוים אויסגעבעטען ביי מאַשקען...

—דער קאַראָמיסליק צובראָכען? זאָל זיך ביי דיר...—האָט אָנגעהויבען חנה, נאָר, דערמאָנענדיג זיך, אַז זי האָט גענוג אַר-בייט חוץ דעם שילטען איוואַנע׳ן, האָט זי איבערגעריסען די רייד, אומגעקעהרט זיך אין קיך און גענומען אַריינלעגען האָלץ אין אויווען.

איוואַן האָט אַריינגעגאָסען ביידע עמער וואַסער אין פּע-

סעל, וואָס איז געשטאַנען אין פאָרהויז, איז אַריין אין שטוב, אָהעקגעשטעלט אויף דער ערד די עמער און גענומען פונאַנדער-רויכערן די ליולקע.

—וואָרט פּאַסקודניק!—האָט צו איהם אויסגעשריען פון קיך חנה,—מיינסט, איך וועל דיר שבת עפּיס געבען? חלה וועל איך דיר געבען? אַ גלעזעל בראָנפען וועל איך דיר געבען? טריאַסצע וועל איך דיר געבען, כוואָראָבע וועל איך דיר געבען. אָט וואָס איך וועל דיר געבען!

איוואַן האָט רוהיג, מיט אַ ברייטען גוטמוטיגען שמייכעל אויסגעהערט די דראָהונגען, האָט אויסגערויכערט די ליולקע, אויסגעטרייסעלט, בעהאַלטען זי אין בוזים און גענומען אויף די פּלייצעס דעם קאָראָמיסליק מיט די עמער. אַרויסגעהענדיג, האָט ער אַ פרעג געטהון:

—נאָך צוויי עמער?

—צוויי,—האָט איהם שוין רוהיג אָבגעענטפערט חנה.

פונאַנדערהייצענדיג דעם אויוועז, איז חנה אַריין אין שטוב און אַרומגעקוקט זיך, אויב אַלץ איז אין אָרדנונג, האָט אַריינגעצויגען אין רינג דאָס האַנדטוך, וועלכעס האָט זיך געוואַלגערט אויף אַ שטול, און איז צוגעגאַנגען צו דער בעל-הבית׳טע און איהר שוויגער.

—כ׳לעבען, מלכה,—האָט זי אָנגעהויבען מיט אַ טאָן פון געבעט,—איהר טהוט אַלץ איינס גאָרנישט; וואָלט איהר פעררכט דעם יונגעל אַ העמדעל. מאָרגען וועט ער דאַרפען געהן אין מרחץ, און ער האָט נישט קיין גאַנץ העמדעל... כ׳לעבען, נעהמט אַ נאָדעל...

—ביזט פון זינען אַראָב, גוי׳ע?!—האָט אויסגעשריען מיט כעס די אַלטע,—האָסט פערגעסען, אַז היינט איז ראש־חודש?

—דעם אמת זאָגענדיג, טאַקע פערגעסען...—האָט געענטפערט פערשעמט חנה. נאָר זי איז באַלד געקומען צו זיך און צוגעגעבען:—נו, און אַז ראש-חודש, איז וואָס? אַ גרויסער יום־טוב! כ׳האָב אַליין געזעהן, ווי מען נייהט אום ראש-חודש...

—אַוועק פון מיינע אויגען, טרטה׳ניאַטשקע!—האָט אויפגע-

רעגט אויסגעשריען די אלטע.—זי האָט אַליין געזעהן! אפשר האָסטו געזעהן, ווי מען נייהט אום שבת?

מלכה האָט זיך אויפגעהויבען פון בענקעל און אָנגעהויבען מיט אַ ברוגז׳ן פאָרוואורף:

—איהר, חנה, האָט ליב צו טהון פונקט אַלץ פערקעהרט, ווי מען זאָגט אייך. וויפיל מאָל האָב איך אייך געזאָגט, וויפיל מאָל האָב איך מיך ביי אייך געבעטען, איהר זאָלט קוילען אויף שבת די שוואַרצע הוהן און די גאַלאַנע לאָזען אויף פסח...

—איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איך וועל די שוואַרצע הוהן נישט טראָגען צום שוחט!—האָט געענטפערט ענטשידען חנה—איך קאָן נישט טראָגען צום שוחט אַ הוהן, וואָס לייגט זיך. דאָס איז אַ רציחה! איהר זאָרגט וועגען פסח? ביז פסח וועל איך אייך אויסהאָדעווען פינף גאַלאַנע היהנער...

—נו, גענוג שוין, גענוג! דו ביזט דאָך אַלע מאָל גערעכט!—האָט איהר דבורה אומגעדולדיג איבערגעשלאָגען די רייד.

חנה איז אַוועק אין קיך, נאָר האָט גלייך זיך אומגעקערט געאיילט צוריק.

—זעהט, מלכה, וואָס טראַכט איהר זיך?—האָט זי אַרויסגערעדט נישט הויך און אויפגערעגט,—היינט וועט דאָך קומען ברוך! וואָס געהט איהר נישט אין...

זי האָט נישט פערענדיגט דאָס וואָרט „מקוה״, נאָר מלכה האָט זי פערשטאַנען און איז רויט געוואָרען.

—צרות מיינע גרויסע! גאָר פערגעסען!—האָט זי אַרויסגעשטאַמעלט שטיל און פערשעמט.

—פיינער מענש!... האָט איהר אויפגעוואָרפען דבורה.

—נו, געהט שוין, געהט, מאַכט קיין שהיות נישט,—האָט צוגעגעבען חנה,—היינט הייצט מען די באָד.

—איך וועל אויך געהן אין באָד,—האָט אַרויסגעזאָגט מעלאַנכאָליש די אַלטע,—כ׳וועל זיך שוין אָבבּאָלען אויך. לאַנג נישט געגאָלט זיך... אַ שאָד, וואָס ס׳איז דאָנערשטאָג, כ׳וועל נישט קאָנען אָבשניידען די נעגעל...

# ב.

חנה איז געבליבען אליין אין הויז און גענומען קאכען ווארמעס. ארבייטענדיג, האט זי גערעדט פאר זיך, האט נאכ-אמאל אויסגעזידעלט איוואנע׳ן און דערקלערט זיך אליין, פאר-וואס זי האט געקוילעט די יאלאנע הוהן.

האלבען טאג איז געקומען צולויפען פון חדר מלכה׳ס זוהן, לייבקע, א יונגעלע פון א יאהר ניין, א הויכער, אנ׳איי-דעלער, מיט א בלאסען, נערוועזען פנים און לעבעדיגע, שווארצע אויגלעך.

ער האט געטראגען אנ׳אויסגעריבען קעצען-פוטער׳ל, וואס איז צו איהם אריבער פון עלטערן ברודער, וועלכער האט גע-לערנט אין דער ישיבה אין אנ׳אנדער שטאדט.

אראברייסענדיג געשווינד פון זיך דאס פוטער׳ל, האט ער עס א ווארף געטהון אויף א שטול און געאיילט אריין אין קיך.

—מומע! גיט מיר עסען, איך חלש עסען!—האט ער אויס-געשריען, אנכאפענדיג חנה׳ן פאר׳ן פארטוך.

חנה איז איהם נישט געווען קיין מומע. שוין איבער צעהן יאהר האט זי געדיענט ביי מלכה׳ן. אויף איהרע הענד איז לייב-קע געבארען געווארען און זיך געהאדעוועט. מיט עטליכע יאהר צוריק איז ער געפערליך קראנק געווארען. מען האט איהם צו-געלייגט א נאמען „חיים״ און, חוץ דעם, האט איהם חנה פאר צוויי עדות אבגעקויפט ביי דער מוטער פאר א פיטאק. דערמיט האט מען געוואלט אבנארען דעם מלאך המות. ער וועט קומען נאך דער נשמה פון לייבקע, מלכה׳ס זוהן, נאר אנשטאט איהם וועט ער געפינען חיים׳ן, חנה׳ס זוהן... דאס מיטעל האט זיך איינגעגעבען. דער מלאך המות איז אוועק מיט גארנישט, און לייבקע איז געזונד געווארען. פון דעמאלט אן האט לייבקע אנ-געהויבען רופען חנה׳ן „מומע״. ביי א צארטער שטימונג פלעגט חנה רופען לייבקען: „זונעלע״ און „קופל׳אניק״. ווען זי איז אבער געווען ברוגז אויף לייבקען, האט זי געשריען: „כ׳וועל

אָבנעהמען ביי דער מאַמען דעם פּיעטאַק און—אויס מומע! איך וויל דיך מעהר נישט קענען!״

—שאַ! שד פון בלאָטע! רייס מיר נישט דעם פאַרטוך!— האָט גוטמוטיג אָנגעשריען אויף איהם חנה,—דער וואַרמעס איז נאָך נישט פאַרטיג.

זי האָט איהם אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנד און צוגעגרייט זיך מיט׳ן ברעג פאַרטוך אָבווישען איהם די נאָז. לייבקע האָט געהאָרכזאַם אונטערגעשטעלט דאָס געזיכט, נאָר שטאַרק צוגעמאַכט די אויגען, פיהלענדיג, אַז די אָפּעראַציע וועט זיין נישט קיין גרינגע. אָבפאַרטיגענדיג זיך מיט דער נאָז, האָט חנה בעקוקט דאָס יונגעל פון קאָפּ ביז די פיס.

—ווייטער דאָס העמדעל פון הינטען? וואָס, ווייטער געשמיסען?—האָט זי געפרעגט.

—ניין, נישט געשמיסען!—האָט זיך פרעהליך אָבגערופען לייבקע.

—„נישט געשמיסען״... קאָנטעט!—האָט שוואַך פראָטעסטירט חנה.

זי האָט אָבגעשניטען אַ שטיק ברויט, אָנגעשמירט מיט פּוטער און עס דערלאַנגט דעם יונגעל.

—נאַ, עס דערווייל. די באָבע מיט דער מאַמען קאָנען זיך פערזוימען. עס, און לאָז מיך צו-רוה.

נאָר לייבקע איז פערבליבען אין קיך. ער האָט געגעסען דאָס ברויט, געקוקט אין אויוועז און אַ ביסעל אונטערגעשפּרונגען.

—מומע! איהר ווייסט, נאָך וואַרמעס וועל איך נישט געהן אין חדר. חיינט איז ראש-חודש, לערנט מען נור אַ האַלבען טאָג.

—גוט, גוט! איך זעה, ווי דו האָסט ליעב צו געהן אין חדר!—האָט איהם חנה אויפגעוואָרפען און צוגעגעבען ווייכער:— ראש-חודש! וואָלסט כאָטש מיט מיר אָבגעזאָגט יעלה ויבא.

—די רגע, מומע!—האָט דערפרעהט אויסגעשריען לייבקע, האָט אַ וואָרף געטהון אויפ׳ן טיש דאָס ניט-דערעסענע שטיקעל ברויט, שנעל דערשלונגען, וואָס ס׳איז געווען אין מויל, און לאַנגזאַם, וואָרט ביי וואָרט געגומען פּאָרזאָגען יעלה ויבא. חנה איז געשטאַנען מיט אַראָבגעלאָזטע הענד, אַנ׳ערנסטע און אַ גע-

האָוכזמע, און נאָכגעזאָגט וואָרט ביי וואָרט.

נאָכדעם האָט זי אַ גלעט געטהון לייבקען איבער׳ן באַק און געזאָגט צאַרט:

—גערה, זוהנעלע, שפּיעלען זיך. באַלד וועט קומען די מאַ-מע מיט דער באָבען, וועלען מיר עסען וואַרמעס.

—איך וועל בעסער זיין דאָ אין קיך, מומע!—האָט לייבקע געענטפערט, נעהמענדיג זיך ווידער פאַר׳ן ברויט.

חנה איז ווידער צוגעטראָטען צו דער איבערגעריסענער אַרבייט. לייבקע האָט אויפמערקזאַם און פערטראַכט געקוקט אין אויווען, וואו דאָס פייער, אַרומכאַפּענדיג אַ צעהנדליג שייטלעך האָלץ, האָט זיך געוואָרפען, גישט געפינענדיג קיין אויסוועג.

—מומע, איהר ווייסט, וואָס דאָס איז אַזוינס פייער?—האָט לייבקע מיט אַמאָל אַ פרעג געטהון, קוקענדיג פערטראַכט אין אויוּוען.

—פייער?—האָט זיך פערוואונדערט חנה.—וואָס הייסט, וואָס איז פייער? פייער איז פייער... פייער ברענט...

—ניין, מומע, פייער איז גאָט!...—האָט דאָס יונגעל גע-ענטפערט פער׳חלומ׳ט, כמעט ווי פאַר זיך.

—גאָט?—האָט חנה אויסגעשריען דערשראָקען, און באַלד צוגעגעבען שטרענג:—רעד נישט קיין נאַרישקייטען! מען טאָר דאָס נישט רעדען! גאָט! גאָט איז אויפ׳ן הימעל!

—ניין, מומע, איהר ווייסט נישט. גאָט—איז פייער.—איז לייבקע געשטאַנען אויף דאָט זייניגע.—איך האָב אַליין געלערנט אין חומש: „און משה האָט דערזעהן אַ פערדאַרטען בוים, וועלכער האָט געברענט און איז נישט פערברענט געוואָרען”. משה האָט געמיינט, אַז דאָס איז פייער, נאָר דאָס איז געווען גאָט...

—נו, נו! גענוג שוין דיר, גענוג! אַלץ ווייסטו!—האָט איהם חנה שנעל איבערגעשלאָגען די רייד מיט אַנ׳אונצופרידענעם טאָן. נישט האָבענדיג די מעגליכקייט אָבצולייקענען זיינע רייד, האָט זי געוואָלט גיכער איבעררייסען דאָס געשפּרעך אויף דאָס גע-פעהרליכע טעמאַ:

—דערצעהל מיר בעסער עפּיס פון חומש,—האָט זי צוגע־געבען.

—די רגע, מומע!—האָט מיט פרייד איינגעשטימט לייבקע. ער האָט געשווינד אַרויפגעקלעטערט אויפ׳ן קיך-טישעל, געזעצט זיך און אַ פרעג געטהון:

—ווייטער וועגען משה׳ן, מומע?

—וועגען משה׳ן האָסטו דאָך שוין דערצעהלט.

—ניין, מומע! די מעשה האָט איהר נאָך נישט געהערט. דאָס איז אַ נייע, פון רש״י, זעהר אַ שענע מעשה!

—נו, נו, דערצעהל.

—ווען משה איז געווען אַ קליינינקער,—האָט לייבקע אָנ־געהויבען לאַנגזאַם,—איז ער אַמאָל געזעסען אויף די הענד ביי פרעה׳ן. מיט אַמאָל האָט ער אַראָבגעכאַפּט ביי איהם פון קאָפּ די קרוין און אַ וואָרף געטהון אויף דער ערד. איז פרעה אין כעס געוואָרען און געהייסען צונויפרופען אַלע מכשפים, זיי זאָלען אויספּרובען משה׳ן, צי ער איז אַ קלוגער, אָדער אַ נאַר. האָבען די מכשפים געבראַכט צוויי טעלער. אויף איינעם איז גע-ווען גאָלד, און אויפ׳ן צווייטען—הייסע קויהלען. זיי האָבען גע-וואָלט זעהן, וואָס משה וועט כאַפּען. וועט ער כאַפּען די גאָלד—איז ער אַ קלוגער, דאַרף מען איהם הרג׳ענען...

—פאַרוואָס-זשע דאַרף מען איהם הרג׳ענען, ווען ער איז אַ קלוגער?—האָט זיך חנה פערוואונדערט.

—נו, וואָס פערשטעהט איהר דאָ נישט? אויב ער איז אַ קלוגער, האָט ער דאָך בכיון אַבאָבגעכאַפּט די קרוין ביי פרעה׳ן פון קאָפּ, איז ער ווערט, מען זאָל איהם הרג׳ענען... און אויב ער וועט כאַפּען די קויהלען, איז אַ סימן, אַז ער איז אַ נאַר און מען דאַרף איהם לאָזען לעבען... משה האָט געוואָלט כאַפּען די גאָלד, נאָר עס איז געקומען צופליהען אַ מלאך און איהם אַ שטויס געטהון די האַנד, האָט ער געכאַפּט די קויהלען. ער האָט זיך אָבגעבערענט די האַנד און אַ כאַפּ געטהון די קויהל אין מויל און אָבגעבערענט זיך די צונג... פון דע-נ-ס-ט-מ-אָ-ל

אָן איז משה געוואָרען אַ זאַי-ק-ע!—האָט ער פערענדיגט מיט אַ ניגון.

חנה איז געשטאַנען, ווי פערגליווערט, מיט דער קאָטשערע אין האנד און אויפמערקזאַם אויסגעהערט די מעשה. ווען לייבקע האָט געענדיגט, האָט זי איהם אַ גלעט געטהון איבער'ן קעפעל און אַ קוש געטהון אין באַק.

—אָט, אַז דו ביזט אַ וואויל יונגעל, האָב איך דיך ליעב!—האָט זי געזאָגט צאַרט,—ווען דו וועסט גוט לערנען, וועלען דיך אַלע ליעב האָבען. און אַז דו וועסט אויסוואַקסען אַ גרויסער, וועסטו זיין אַ רב און מען וועט דיר געבען אַ שענע כלה...

צי האָבען אויף דעם יונגען למדן געמאַכט אַנ'איינדרוק דער קוש און די צאַרטע ווערטער, אָדער דער צוזאָג פון רבנות און אַ שענע כלה,—נאָר ער האָט זיך מיט אַמאָל דורכגעדרונגען מיט אַ צאַרטער ליעבע צו חנה'ן. ער האָט מיט ביידע הענטלעך אַרומגעכאַפּט איהר קורצען, דיקען האַלז און אָנגעהויבען לײדענשאַפטליך קושען זי אין באַק.

—אוי, מומע, ווי איך האָב אייך ליעב!—האָט ער אויסגעשריען.

—ער איז אַראָבגעשפרונגען פון טישעל, האָט זיך אַנידערגעשטעלט געגען חנה'ן מיט פינקלענדיגע אויגען און אויסגעשריען מיט התלהבות:

—הערט, מומע! איך וועל אייך איבער'חזר'ן אַלץ, וואָס כ'האָב היינט געלערנט אין חדר! אַלץ!

פאַנאַנדערשאָקלענדיג זיך מיט'ן גאַנצען דינעם גופ'על'ע, האָט ער אָנגעהויבען אויסשרייען מיט אַ ניגון:

—„און עס האָט געזאָגט גאָט צו משה'ן אַזוי צו זאָגען: „נעהם זיך אַ בהמה, אַ רויטע, אַ גאַנצע, אָהן אַ מום".

וואָס ווייטער ער האָט גערעדט, האָט ער זיך אַלץ מעהר דורכגעדרונגען מיט התלהבות און זיין שטים איז געוואָרען אַלץ שטאַרקער און זיכערער. לייבקע האָט זיך אין דעם מאָמענט געפיהלט פאַר אַ מעכטיגען גבור. פאַר איהם איז איצט געשטאַנען נישט דער שטרענגער רבי, וועלכער פאָרשט נאָך יעדעס וואָרט,

ווי אַ יעגער און האַלט גרייט אין האַנד דעם קאַנטשיק... ניין, פאַר איהם איז געווען אַ יודענע, אַ פּראָסטע, אַנ'אומוויסענדע, וועלכע האָט צוגעהערט זיינע ווערטער מיט אַ טיעפען גלויבען, מיט אַנ'אָפען האַרץ און אַ צאַרטער ליעבע. ער האָט עס גע־פיהלט, געפיהלט זיין לומדישע איבערמאַכט, און דאָס האָט איהם ווי פער'שכור'ט.

חנה איז געשטאַנען אומבעוועגט, אַ צופלאַמטע פון אויפ־רעגונג, זי האָט זיך דורכגעדרונגען מיט'ן מוזיקאַלישען ריטם פון די אונפערשטענדליכע ווערטער, און איהר האַרץ האָט געקוואָלען פון נחת. פאַר איהר אין איצט געשטאַנען ניט אַ יונגעל, ניט דער שטיפער לייבקע, נאָר אַ יוד, אַ תלמיד־חכם, אַ למדן. אויב לייבקע וויים איצט אַזוי פיעל, וואָס־זשע וועט זיין שפּעטער, ווען ער וועט אויסוואַקסען אַ גרויסער! און אין דער פאָרשטע־לונג פון דער אָרימער פרוי האָט זיך אויסגעמאָלט די געשטאַלט פון אַ גרויסען רב, אַ שטרענגען און אַנ'אַלוויסענדען... ער וועט נישט פערגעסען אויך זי, די זינדיגע און אונוויסענדע. ער וועט דערוואַרימען איהר נשמה מיט זיין הייליגען פייער, בעלויכטען זי מיט זיין גלאַנץ. ער וועט זי אַרויסציהען פון טיעפען גיהנום און צוגרייטען פאַר איהר אַ ווינקעלע אין ליכטיגען גן־עדן.

און ביי איהר אין האַרצען איז געוואַקסען אַ שטאַרק גע־פיהל, אַ פייערליכס און אַ גליקליכס...

מלכה און דבורה האָבען זיך אומגעקעהרט פון באָד צו־היצטע, ערנסטע און צופריעדענע. מלכה האָט זיך אַ ביסעל געשעמט, געפיהלט זיך אונהיימיש. זי איז אומגעגאַנגען איבער דער שטוב מיט אַ זייט און געהאַלטען אַראָבגעלאָזט די אויגען. די אַלטע איז געווען אין אַ געהויבענער שטימונג.

—צו רפואה אייך!—האָט זיי געוואונשען חנה.

—אַ דאַנק!

—אַ גוטע באָד געווען?

די אַלטע האָט אַ קוועטש געטהון מיט די פּלייצעס, ווי זי וואָלט נישט קאָנען אויסדריקען מיט ווערטער איהר צופריעדענקייט.

—אַ גן-עדן, נישט קיין באָד! איך זאָג דיר, נאָך אַזאַ באָד איז נישט געווען: גערוים, קיין ברעקעל טשאַד—אַ מלוכה! די פּאַרע איז זיך צוגאַנגען איבער אַלע ביינער! אַ שטיק געזונד איז מיר צוגעקומען.

ביי וואַרמעס איז די גאַנצע רייד געווען וועגען דעם קומען פון בעל-הבית, מלכה'ס מאַן, וועלכען מען האָט ערוואַרטעט אין אָווענד. מען האָט איהם ערוואַרטעט מיט אָנשטרענגונג, אָבער אָהן אַנ'איבריגער פרייד.

ברוך האָט געדיענט אַלס אַנ'אָנגעשטעלטער ביי אַ נישט רייכען געהילץ הענדלער. ער איז געווען אַנ'אויפזעהער איבער דער אַרבייט אין אַ וואַלד, יועלכער האָט זיך געפונען ביי אַ הונדערט וויאָרסט פון דער ווייס-רוסישער שטעטעל, וואו דאָס געזינד האָט געוואוינט. ברוך פלעגט אָבזיצען אין וואַלד חדשים לאַנג. נאָר, ווען עס איז געווען נייטיג צו קויפען פּראָוויזיע פאַר די אַרבייטער, אָדער וועלכע עס איז מאַטעריאַלען, פלעגט ער קומען אויף אַ טאָג צוויי אַהיים. זיין געהאַלט איז געווען צוואַנציג רובל אַ חודש, נאָר דער בעל-חבית פלעגט זיי איהם אויסצאָהלען זעהר נישט פּינקטליך. עטליכע רובל אַ חודש פלעגט נאָך פערדיענען מלכה. זי האָט פונאַנדערגעטראָגען איבער די הייזער אַ בעזונדערן סאָרט ביליגע ליינווענט, וואָס זי פלעגט בעקומען פון מאָסקוואַ דורך אַ קרוב. אויף אַזאַ אופן איז מען ווי נישט ווי דורכגעקומען מיט דער חיונה. אין שטאָדט האָט מען ברוכ'ן געהאַלטען פאַר אַ פיינעם בעל-הבית: צוואַנציג רובל אַ חודש האָט זיך גערעכענט פאַר אַ גרויסען פערדיענסט. דערצו האָט נאָך ברוך געהאַט אַנ'אייגען הייזעל, וועלכע מען האָט געשאַצט אין פיר-פינף הונדערט רובל.

ברוך פלעגט בעצייטענס אָנזאָגען, ווען ער וועט קומען. ערוואַרטענדיג איהם, פלעגט מען אין שטוב וואַשען און רייניגען,

ווי פאַר אַ יום-טוב. געוועהנליך פלעגט ער קומען פֿרײַטיק שבת, פלעגט מען קוילענען אַ הוהן, מאַכֿען אַ פעטען קוגעל און צו-גרייטען אַ פערטיל פלאַש ראָזינקעס-וויין.

ריידענדיג וועגען ברוכ׳ס קומען, האָבען די ווייבער אָנגע-ריהרט די אָנגעוועהטאָגסטע פראַגע: צי וועט ברוך ברענגען געלד און וויפיעל? דערביי האָט מלכה מיט שרעק דערמאָהנט זיך וועגען „וואָכערניק״, ווענען זי האָט די לעצטע צייט זעהר נישט פינקטליך געצאָהלט, און ער האָט שוין געדראָהט דערלאַנגען דעם וועקסעל. מלכה׳ן האָט איבערהויפט געשראָקען, וואָס ער האָט זיך שוין צוויי וואָכען נישט געוויזען. דאָס איז אַ שלעכטער סימן. ווען ברוך וועט ברענגען אַ ביסעל געלד, וועט מען איהם דעם ערשטען דאַרפען איינצאָהלען פאַר עטליכע וואָכען מיט אַמאָל...

ווען מען האָט אָבגעגעסען וואַרמעס, האָט זיך לייבקע אָב-גערופען:

—מאַמע, איך וויל געהן צו מענדלען, שפּיעלען זיך. ווי איך בין אַ יוד, אַז איך וועל נישט שטיפען!

—„שפּיעלען זיך״!—האָט פּראָטעסטירט די אַלטע,—ביז וואַנען וועט דיר ליגען אין קאָפּ דאָס שפּיעלעניש? ווי ווערט עס דיר נישט מיאוס! אַ יונגעל פון ניין יאָהר, אַ יונגעל, וואָס לערנט שוין גמרא, און קלערט וועגען שפּיעלען-זיך! ביזטו פריי—זעץ זיך און חזר-איבער, וואָס דו האָסט געלערנט, אָדער זאָג תהילים...

—באָבע! ווי איך בין אַ יוד, אַז דער רבי אַליין האָט אונז געלאָזען אַ ביסעל שפּיעלען-זיך! נאָכדעם וועלען מיר געהן אין חדר און אָהן דעם רבי׳ן חזר׳ן די גמרא.

—נו, גוט, גוט, וועסט געהן!—האָט מלכה געגעבען איהר הסכמה,—דערווייל בענטש אָקאָרשט אָב.

לייבקע האָט גיך אָבגעבענשט און אין אַ פּאָר מינוט אַרום אויסגעשריען הויך די לעצטע ווערטער פון בענשען.

—שוין אָבגעבענשט?—האָט אויסגעשריען מיט שרעק דבורה.

—באָבינקע! ווי איך בין אַ יוד, אַז איך האָב קיין איין וואָרט נישט דורכגעלאָזט!—האָט לייבקע געענטפערט דערשראָקען.

—גוט! זעהר גוט! אַ פיינער בענשען!—האָט די אַלטע אַרויס-געדעדט מיט אַ בייזער איראָניע און, אַ קלאַפּ טהועדיג מיט'ן דאַרען פינגער איבער'ן טיש, האָט זי צוגעגעבען:—קלויב, קלויב, לייבעלע, מעשים טובים! וועסט מאָרגען פאַר אַלץ בעקומען פון טאַטען אַ גוטען לוין! איך וועל איהם אַלץ דערצעהלען. מיינסט, איך האָב עפּיס פערגעסען? איך האָב גאָרנישט פערגעסען. איך וועל איהם דערצעהלען, אַז דו שפּיעלסט מיט דער קאַץ, אַז דו האָסט אום שבת צובראָכען אַ שטעקען, אַז דו דאַוונסט אויס-ווענינ, אַז דו שטיפּסט,—אַלץ, אַלץ וועל איך דערצעהלען! גרייט זיך צו אַ גוטע באָד!

—באָבינקע! איך האָב דאָך... ווי איך בין אַ יוד, איך וועל מעהר נישט טהון!

—זאָל מיר גאָט אַזוי דערלענגערן די יאָהרען, ווי איך וועל אַלץ דערצעהלען דעם טאַטען!

—באָבינקע, הערט!—האָט לייבקע אויסגעשריען פערצווייפעלט, צוגעהענדיג צו דער אַלטער,—אָט גיב איך אייך אַ האַנד אויף מיין חלק לעולם-הבא (ער האָט איהר אויסגעשטרעקט זיין הענטעל), אַז פון היינט אָן וועל איך ווערען אַ מענש און וועל טהון אַלץ, וואָס מען וועט מיר הייסען.

די אַלטע האָט געקוקט אויף איהם שטרענג און אַ ווייל געטראַכט. ענדליך האָט זי זיך צוגעריהרט צו זיין הענטעל און אַרויסגערעדט שטרענג:

—געדענק!... דאָס לעצטע מאָל גלויב איך דיר.

לייבקע האָט זיך דערפרעהט און געמאַכט אַ בעוועגונג אַוועקצוגעהן, נאָר די אַלטע האָט איהם אָנגעכאַפּט ביי דער האַנד און אַוועקגעזעצט צוריק אויפ'ן שטוהל.

—זיץ! לויף נישט! זאָג פריהער אָב דאָס בענשען נאָכאַמאָל, אויפ'ן קול, פון סדור! ווען נישט, וועסטו נישט געהן.

לייבקע האָט געפאָלגט, האָט נאָכאַמאָל אָבגעבענשט פון סדור, און האָט ענדליך בעקומען די ערלויבניש צו געהן שפּיעלען.

## ד.

ברוך איז געקומען אין אָווענד. געקומען איז ער, ווי גע־וועהנליך, אַ בייזער, אַ צורייצטער, און באַלד נאָכ׳ן ערשטען גוט־נ׳אָווענט האָט ער גענומען זידלען און שילטען דעם בעל-הבית, די שטעל ביי איהם און די פויערים, מיט וועלכע ער האָט צו טהון. די לאַנגע חדשים פון איינזאַמען און ביטערן לעבען אין וואַלד, די שטענדיגע רייסעניִשען מיט די פויערים, די בעליידי־גונגען פון דעספּאָטישען בעל-הבית,—פון דאָס אַלץ האָט זיך אָנ־געזאַמעלט ביי ברוכ׳ן אַ טיעפע אויפּרעגונג, וואָס ער האָט גע־דאַרפט צו ווּעמען-עס-איז אויסלאָזען. און צו ווּעמען האָט ער עס געקאָנט אויסלאָזען, אויב נישט צום אייגענעם געזינד? זיי לעבען זיך דאָ רוהיג, אין דער וואַרים, אָהן שום זאָרג,—זאָלען זיי אויך פיהלען, ווי גרינג עס איז צו פערדינען פון זייערטוועגען דאָס שטיקעל ברויט! זאָלען זיי אָבשאַצען זיין מיה און מאַטערניש...

דאָס ווייב און די מוטער האָבען איהם אויסגעהערט שוויי־גענדיג, אומעטיג, האָבען געזיפצט און געשאָקעלט מיט די קעפּ. נאָר אָנשטאָט רחמנות און מיטגעפיהל, האָט זיך ביי זיי געשאַפען אַ דריקענדע שווערקייט און, אונבעוואוסטזיניג, האָבען זיי געגאַרט, ברוך זאָל שוין גיכער אָװעקפאָהרען און דאָס לעבען זאָל אָנהוי־בען געהן רוהיג, ווי פריהער.

נאָך עטליכע שעה צורייצטע טענות, איז ברוך געוואָרען אַ ביסעל ווייכער. זיצענדיג ביים אָווענד־ברויט, האָט ער אָנגעהוי־בען אינטערעסירען זיך מיט אַלערליי בעל-הבתישע ענינים: האָט מען שוין אָבגעגעבען איבערניצעווען זיין אַלטען סורדוט? ווּעט קלעקען ביז פסח געזאַלצענע אוגערקעס און צי הויבען זיי נישט אָן פוילען? וואו האָט זיך געפינען דער פערפאַלענער זילבערנער לעפעל?... ביי ברוכ׳ן איז געווען זילבער: פיער זילבערנע לע־פעל און אַ בעכער, וואָס האָבען איבערגעלעבט די שרעקליכסטע צייטען. ווען ברוך איז דאָס לעצטע מאָל געווען אין דער היים, איז פערפאַלען געוואָרען אַ זילבערנער לעפעל, און דאָס אומ־

גליק האָט פערסמ׳ט דאָס לעבען אי ברוכ׳ן, אי זיין הויז-געזינד. נאָך זיין אָבפאָהרען האָט זיך דער לעפעל געפונען אויפ׳ן הויף אין מיסט, און מען האָט וועגען דעם גלייך מודיע געווען ברוכ׳ן.

ווען אַלע היימישע און שטאָדטישע נייעס זענען געווען אויסגעשעפט, האָט מלכה פערפיהרט אַ געשפרעך וועגען בעל-הבית, כדי צו דערגעהן, וויפיעל געלד ברוך האָט געבראַכט. ברוך האָט אָבער פערשטאַנען, וואָס זי מיינט און, וועלענדיג אַ ביסעל פייניגען מלכה׳ן איידער אויסזאָגען איהר דעם סוד, האָט ער דאָס געשפרעך אַריבערגעפיהרט אויף לייבקע׳ן.

—נו, וואָס, פיינער בחור?—האָט ער זיך געווענדט צו איהם,—וואָס הערט זיך מיט דיר? עפּיס זיצסטו מיר צו-שטיל. אַ שלעכטער סימן...

דעם פאָטערס טאָן איז געווען נישט קיין שטרענגער, פונדעסטוועגען האָט זיך לייבקע דערשראָקען, האָט זיך איינגעצויגען, אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגען.

—האַ?—האָט ברוך איבערגע׳חזר׳ט, ווענדענדיג זיך צו אַלעמען מיט אַ פרעגענדיגען בליק,—ווייזט-אויס, אָנגעקליבען זיך אויף איהם גענוג מעשים-טובים?... נו, וואָס-זשע שווייגט איהר אַלע, ווען איך פרעג?—האָט ער פערענדיגט שוין אַ ביסעל צורייצט.

—וואָס איז דאָ צו דערצעהלען?—האָט זיך מלכה אָבגערופען אונבעשטימט,—עס פערשטעהט זיך, ער איז נאָך נישט קיין מענש, ווי עס געהער צו זיין. נאַר, ווייס איך, ער האָט צוגעזאָגט...

—ער האָט מיר געגעבען אַ האַנד!—האָט דבורה אַרויסגעזאָגט מיט פעראַכטונג,—דו קענסט זיינע צוזאָגענישען? כל זמן דו וועסט זיין אין דער היים, וועט ער זיין אַ מענש, און ווי נור דו וועסט אַוועקפאָהרען, וועט ער זיך נעהמען פאַר די אַלטע שטיק.

—ווי איך בין אַ יוד, באָבינקע, אַז ניין!—האָט לייבקע אויסגעשריען.

—שווייג, ווען מען פרעגט דיך נישט!—האָט דער פאָטער

אויף איהם אָנגעשריען.

—ניין! האָט זיך ענטשיעדען אָבגערופען די אַלטע,—זאָל ער טאַקע דיר געבען אַ האַנד, וועט ער דעמאָלט אפשר גע-דענקען.

לייבקע האָט זיך אויפגעמונטערט און צוגעגרייט זיך גע-בען דעם פאָטער „אַ האַנד“. ער וואָלט גערן געגעבען הונדערט הענד און הונדערט שבועות, אַבי וואָס גיכער פטור ווערען פון דער געפעהרליכער פראַגע.

—נו, איך וועל זיך פרובען!—האָט ברוך כמעט פייערליך אַרויסגערעדט.

ער האָט גענומען אין זיין האַנד לייבקעס הענטעל און געפרעגט:

—אויף וואָס גיסטו אַ האַנד?

—אויף מיין חלק לעולם הבא!

—אַז וואָס?

—אַז איך וועל פון היינטיגען טאָג אָן ווערען אַ מענש און וועל נישט שטיפען,—האָט לייבקע אַרויסגעזאָגט געשווינד, ווי אַ פער׳חזר׳טען פזמון.

—אַז דו וועסט דאַוונען נישט אויסוויינינ, נאָר פון אַ סדור,—האָט צוגעגעבען די מוטער.

—אַז איך וועל דאַוונען נישט פון אויסווייניג, נאָר פון אַ סדור,—האָט איבערגע׳חזר׳ט נאָך איהר לייבקע.

—וואַרט! וואַרט!—האָט אויסגעשריען די אַלטע, מורא האָ-בענדיג דורכצולאָזען אַ גינסטיגען מאָמענט,—וואַרט! לאָז ער דיר צוזאָגען, אַז ער וועט יעדען טאָג נאָכ׳ן דאַוונען זאָגען אַ צוויי—דריי קאַפּיטלעך תהילים. נישקשה, דאָס וועט איהם נישט פער-שאַטען.

לייבקע האָט, פערשטעהט זיך, דאָס אויך צוגעזאָגט.

—נו, געדענק-זשע!—האָט געזאָגט דער פאָטער, אַרויסלאָ-זענדיג לייבקעס הענטעל,—געדענק, אַז איצט איז אין מיינע הענד דיין גאַנצע עולם הבא... וועסטו שטיפען אָדער דורכלאָזען אַ וואָרט אין דאַוונען—ביזטו פערפאַלען! וועסט אַריין אין גיהנום

און אייביג קאַכען זיך אין אַ קעסעל מיט זודיגען פעך און שוועבעל!

די שרעקליכע פערספעקטיוו האָט אָבער אויף לייבקע׳ן קיין שום איינדרוק נישט געמאַכט; פערקעהרט, ער איז געוואָרען פרעהליכער, דערפיהלענדיג, אַז אַלץ האָט זיך געענדיגט בשלום. ברוכ׳ן איז דאָס נישט געפעלען געוואָרען און ער האָט צוגע-געבען:

—וואַרט, נישט פרעה זיך נאָך! מיר וועלען נאָך זעהן, וואָס וועט שבת זאָגען דער רבי. ווערסט נאָך אפשר כאַפּען אַזאַ באָד, אַז...

—אָבער גענוג שוין פייניגען דאָס יונגעל!—האָט נישט אויסגעהאַלטען חנה.

—פיעשטשעט איהם, צולאָזט איהם!—האָט איהר ברוך גע־ענטפערט מיט פאָרוואורף.—איהר וועט פון איהם מאַכען אַ לייט! ער וואַקסט שוין אַזוי אויך אויפ׳ן וואַלד!

—צולאָזט ווי אַ חזיר, ווי אַ בן-יחיד,—האָט אַרויסגערעדט די אַלטע.—ער וואָלט זיך בעסער אָבלערנען פון ברודער.

לייבקעס ברודער, גרשון, אַ יונגעל פון אַ יאָהר דרייצעהן, האָט געלערנט אין דער ישיבה אין אַ גרויסער שטאָדט און גע-געסען טעג. די עלטערן פלעגען איהם פון צייט צו צייט שיקען עטליכע רובל. דערמאָנענדיג זיך איצט וועגען איהם, האָט ברוך אַ פרעג געטהון:

—נישט געווען פון גרשונ׳ען קיין בריף?

—וואָס זאָל ער שרייבען? ר׳וועט קומען אויף פסח,—האָט געענטפערט די מוטער.

ברוך האָט אַ זיסען געניץ געטהון און זיך אַרומגעקוקט.

—נו, און וואָס מאַכט איהר, חנה?—האָט ער געפרעגט גוט־מוטיג און בעל-הבת׳יש.

—וואָס הייסט, וואָס מאַך איך? איך לעב!—האָט חנה אָב-געענטפערט, אַ מאַך טהוענדיג מיט דער האַנד.—עס, מען זינדיגט, ווי אַלע מענשען...

זי האָט נישט ליעב געהאַט צו רעדען וועגען זיך. ביי איהר זענען געווען אייגענע נישט-פערהיילטע וואונדען. דריי

יאָהר נאָך דער חתונה האָט זי דער מאַן אַוועקגעוואָרפען און איז ערגעץ-וואו נעלם געוואָרען. זי איז געבליבען אַנ׳עגונה מיט צוויי יונגלעך, וועלכע זי האָט אויפגעהאָדעוועט. דער עלטערער איז געשטאָרבען פון שווינדזוכט. דער צווייטער האָט איהר דאָס לעבען פערביטערט מיט זיין שלעכטער אויפפיהרונג. סוף כל סוף האָט מען איהם פאַר אַ שווערען פערברעכען אַרעסטירט, גע-משפט און פערשיקט אויף קאַטאָרגע. דאָס האָט קיינער נישט געוואוסט, און חנה האָט שווייגענדיג געטראָגען אין האַרצען איהר גרויס אומגליק.

—אַ ביטערער צער!—האָט זי אויסגעשריען,—געמאַכט אויף וויעטשערע בלינטשיקעס און קיין צייט נישט געהאַט זיי אָבצו-פרעגלען. שוין דאַרפען בלייבען אויף מאָרגען.

—ווענען מיר זיך בעגעהן היינט אָהן בלינטשיקעס,—האָט ברוך גוטמוטיג איינגעשטימט,—זעהט אַקאָרשט, אַז אויף שבת זאָל זיין אַ געראָטענער קוגעל.

—וועגען קוגעל זאָרגט נישט!—האָט חנה געענטפערט,— ס׳וועלען זיין אפילו צוויי קוגלען, אַ לאָקשענער און אַ זיסער. זאָלט איהר נאָר פערדיענען, זיי זאָלען זיין געראָטענע...

—ווי הייסט, פערדיענען?—האָט מיט אַ שמייכעל געפרעגט ברוך.

—פשוט: האָט איהר געבראַכט געלד, וועט איהר זיין אַ גוטער גאַסט און די קוגלען וועלען זיין געראָטען.

מלכה האָט אַ ציטער געטהון. זי אַליין וואָלט קיינמאָל נישט געוואגט אַזוי אַוועקשטעלען די פראַגע וועגען געלד. ברוך וואָלט אַרויס פון די כלים, וואָלט אָנהויבען שרייען, מאַכען פאַר-וואורפען און ענטפערן, אַז ער האָט קיין געלד נישט געבראַכט. בלויז פאַר׳ן אָבפאָהרען וואָלט ער איהר אַ וואָרף געטהון, ווי אַ הונד אַ ביין, די עטליכע רובל. גאַנץ אַנדערש האָט ער זיך בע-צויגען צו חנה׳ס ווערטער. ער איז צומאָל נישט געוואָרען אין כעס, נאָר איבער׳ן פנים איז ביי איהם דורכגעלאָפען אַ שאָטען.

—אַ סך געלד געבראַכט!—האָט ער געענטפערט מיט אַ גע-פאַלענעם טאָן, זאָל דער גזלן נישט מעהר לעבען אויף דער

וועלט! קוים מיט צרות, מיט לייד, אויסגעוויינט בּ איהם פופ־צעהן רובל...

—פופצעהן רובל?!—האָט חנה אויסגעשריען דערשראָקען,—וואָס איז עס פאַר אַ געלד? עס וועט דאָך נישט סטייען אויף איין צאָהן!

—דער קרעמערקע אַליין קומט זיעבּען רובל מיט קאָפּי־קעס. דער עיקר איז אָבער דער „וואָכערניק”. איהם מוז מען בע־צאָהלען פאַר עטליכע וואָכען!—האָט טרויעריג צוגעגעבּען מלכּה.

—נו, איז וואָס ווילט איהר? איך זאָל געהן גנבה׳נען? גנבה׳נען וועל איך נישט געהן! זאָגט אַ דאַנק, וואָס כ׳האָב דאָס געבראַכט. נישט גרינג איז עס מיר אָנגעקומען.

—אָבּער דיר קומט דאָך פון דעם גזלן אַ גאַנץ אייגענס?—האָט זיך אָבּגערופען די אַלטע.

—און אַז עס קומט, איז וואָס? מיר קומט פון איהם פיר־ציג רובל, ווי איין קאָפּיקע. אָבּער ווי רייסט מען זיי אַרויס ביי איהם? איך וואָלט אייך שיקען רעדען מיט איהם.

—פּש־ש!—האָט חנה אויסגעשריען מיט פעראַכטונג,—ווי איך בין אַ יודישע טאָכטער, אַז איך וואָלט ביי איהם דאָס גאַנצע געלד ביז איין קאָפּיקע אויפגעמאָהנט. וואָס, איהר בעט ביי איהם אַ נדבה? דאָס איז דאָך בּלוטיג פערדיענט געלד! איך וואָלט איהם די צייהן אויסגעריסען.

—אַי, רעדט נישט קיין נאַרישקייט!—האָט זי ברוך איבּער־געשלאָגען.

ער האָט זיך אַ ציה געגעבּען און ווידער אַ געניץ געטהון, אָבּער איצט שוין אָהן פערגעניגען, האָט געוואַשען מים אחרונים און גענומען בענשען. לייבקע האָט געבענשט פון אַ סדור אויפ׳ן קול, וואָרט ביי וואָרט.

די נאַכט פון דאָנערשטאָג אויף פרייטאָג איז חנה אויפגע־שטאַנען פונקט האַלבּע נאַכט, האָט פערקנעטען חלה, אויסגעוואַ־שען די פּאָדלאָגע, אויסגעשייערט די מעשענע לייכטער און נאָך פאַר בעגינען איז זי אַוועק אין מאַרק און געבראַכט פון דאָרט אַ גרויסען שלייען. ווען מלכּה און ברוך האָבּען זיך אויפגעכאַפּט,

איז דער אויוון שוין געווען אויסגעהייצט, אין קיך איז געשטאַנען אַ מילטער, פול מיט שענע פערברוינטע חלות, און חנה האָט געפּילט פּיש.

אַרום האַלבען טאָג, ווען קיינער, חוץ חנה׳ן, איז אין שטוב נישט געווען, איז לייבקע געקומען פון חדר. דאָס מאָל איז ער נישט אַריינגעלאָפען אין שטוב, נאָר אַריין לאַנגזאַם מיט אַן׳אַראָבגעלאָזען קאָפּ. נישט אַ בליק טהוענדיג אפילו אין דער זייט פון קיך, איז ער אַוועק אין שלאָף-צימער און האָט זיך לאַנג געפּאָרעט, אַראָבגעהמענדיג דאָס פוטער׳ל.

—לייבקע, קום אַהער!—האָט חנה איהם אַ רוף געטהון.

נישט געאיילט, ווי נישט ווילענדיג, אָלץ מיט אַן׳אַראָבגעלאָזען קאָפּ, איז לייבקע אַריין אין קיך. מיט זיין גאַנצען אויסזעהן האָט ער דערמאָהנט אַ פויגעל מיט איבערגעשלאָגענע פליגעל.

—שאַ! וואָס איז שוין?—האָט איהם חנה בעגעגענט מיט אַן׳אונרוהיגען אויסגעשריי.—וואָס איז מיט דיר? אַ?

זי האָט איהם אָנגענומען פאַר דער גאָמבע, אויפגעהויבען דעם קאָפּ און, דערזעהענדיג דאָס פערוויינטע געזיכט, האָט זי אַ פרעג געטהון:

—וואָס האָסטו געוויינט? דאָס קעפּעלע טהוט וועה?

—ניין...—האָט לייבקע קוים-קוים געענטפערט, אָננעהמענדיג זיך מיט׳ן הענטעל פאַר חנה׳ס פאַרטוך.

—וואָס-זשע? שקצים האָבען דיך געשלאָגען?

—נ... ניין!—האָט לייבקע נאָך שטילער, כליפּענדיג, אַרויסגערעדט.

—געשמיסען?—האָט חנה זיך ענדליך געכאַפּט.

—יאָ...אָ!—האָט דאָס יונגעל אַרויסגעבראָכען מיט אַ ביטער געוויין, ציטערנדיג מיט׳ן גאַנצען דאַרינקען גופ׳ל און זיך איינגראָבענדיג מיט׳ן פּנים אין חנה׳ס פאַרטוך.

—פערברענט זאָל ער ווערען, דער אַלטער גזלן!—האָט חנה אויפגערעגט אויסגעשריען.—עס געהט נישט דורך אַ טאָג, ער זאָל נישט קאַלעטשען דאָס יונגעל.

זי האָט אָבגענומען לייבקע׳ס פערוויינט פּנים פון פאַרטוך און אָנגעהויבען שטיל און אונרוהיג:

—נו, שאַ! שאַ! שטילער! גענוג צו וויינען! די באָבע וועט דערהערען! דער טאַטע און די מאַמע וועלען באַלד קומען, וועלען דערזעהן דיין פערוויינט פּנים, וועט ערגער זיין... נו, האַלט זיך איין, פויגעלע מיינס! גיב, איך וועל דיר איינוואַשען דאָס פּנים...

רעדענדיג אַזוי, האָט זי געגלעט דאָס יונגעל איבער׳ן קאָפּ, און דאָס האָט איהם אַ ביסעל בערוהיגט. זי האָט איהם אָבגע־וואַשען, נאָר דאָס פּנים איז געבליבען פערוויינט און די אויגלעך רויט פון די טרעהרען. מורא האָבענדיג, אַז צו וואַרמעס וועט דער טאַטע בעמערקען זיין פערוויינט פּנים און איהם נעהמען פייניגען מיט זיינע שאלות, האָט חנה איהם גענעבען בעזונדער וואַרמעס און אָבגעשיקט שפּיעלען-זיך צו אַ חבר, נעהמענדיג אויף זיך די גאַנצע פעראַנטוואָרטליכקייט.

## ה.

די זון איז פערגאַנגען. ביי ברוך׳ן אין הויז איז געווען צוגעקליבען, ריין און וואַרים, אויף אַלץ איז געלעגען די רוה פון שבת. דער טיש איז געווען געגרייט מיט אַ ריינעם טישטוך. עס האָבען געברענט עלף ליכט אין שווערע מעשענע לייכטער: אַכט ליכט האָט געבענשט די אַלטע דבורה, און דריי—מלכה. אין קיך איז אויך געווען צוגעקליבען און דאָרט האָבען געברענט צוויי ליכט, וועלכע חנה האָט געבענשט.

ברוך מיט לייבקע׳ן זענען געווען אין שוהל. מלכה און דבורה, איינגעוואַשענע, אין שבת׳דיגע בגדים, זענען געזעסען ביים טיש איבער גרויסע צוריסענע סדורים און לאַנגזאַם, מיט אַ נגון, מקבל-שבת געווען.

חנה, אָבגעוואַשען, אין אַ ריינעם סיצענעם פאַרטוך, איז געזעסען אויף דער לעזשאַנקע. עס האָט זי געצויגען צום שלאָף,

נאָר זי האָט זיך געראַנגעלט געגען דעם. צוהערענדיג זיך אָנגע־שטרענגט צו מלכה׳ס תפילה, האָט זי אונטערגעכאַפּט בעזונדערע, דייטליך אויסגעשפּראָכענע ווערטער און שטילערהייד נאָכגעזאָגט. זי האָט גערעכענט, אַז פון בעזונדערע ווערטער קאָן אויך צו־נויפגעשטעלט ווערען אַ גוטע תפילה, וואָס וועט דערגרייכען צו גאָט.

ברוך און לייבקע זענען געקומען פון שוהל, געזאָגט „גוט שבת!״ און ביידע, אַהינטען פערלעגט די הענד, אָנגעהויבען אַרומגעהן הין און צוריק איבער דער שטוב, זינגענדיג „שלום עליכם״ און „אשת חיל״.

ברוך האָט געמאַכט קדוש און מען האָט זיך געוואַשען עסען. די פיש האָבען אַלע געגעסען שווייגענדיג. ווען חנה האָט דערלאַנגט די לאָקשען־יויך, האָט ברוך בעמערקט, אַז לייבקע עסט שטעהענדיג.

—זעץ זיך!—האָט ער איהם בעפוילען רוהיג און גענומען עסען.

לייבקע האָט אַ ציטער געטהון, איז בלייך געוואָרען, נאָר געבליבען שטעהן אויפ׳ן אָרט. ברוך האָט ווידער אַ קוק געטהון אויף איהם און, שוין שטרענג, אַרויסגערעדט:

—הערסט, וואָס מען זאָגט דיר? זעץ זיך! וואָס איז דאָס פאַר אַנ׳עסען שטעהענדיגערהייד?

לייבקע, אַ דערשראָקענער, האָט אינסטינקטיוו אויפגעהויבען דעם עלענבויגען, ווי ער וואָלט זיך פערטיידיגען פון אַ קלאַפּ, האָט זיך אָבגערוקט, נאָר איז אַלץ געבליבען שטעהן.

ברוך איז שטאַרק אין כעס געוואָרען, האָט אַ קלאַפּ גע־טהון איבער׳ן טיש און אויסגעשריען:

—שקץ!! טויב ביזטו, הערסט נישט, וואָס איך הייס דיר? די הויט וועל איך פון דיר אַראָבשינדען! זאָלסט זיך באַלד זעצען!

לייבקע, אַ מטושטש׳ער, האָט זיך מיט אַמאָל אַ וואָרף גע־טהון צו חנה׳ן און אָנגעכאַפּט זיך פאַר איהר פאַרטוך.

—וואָס מאַכסטו פאַר אַ שטיק? פאַרוואָס זעצטו זיך נישט?

זעך זיך!—האָט חנה איהם שטיל בעפוילען.

לייבקע האָט אויפגעהויבען צו איהר זיין בלייך פּנים׳ל, האָט זיך אַ ציה געטהון צו איהר מיט׳ן גאַנצען איידעלען גופ׳ל און אָנגעשטעלט אויף איהר אַ בליק פון צער און געבעט. ער האָט געעפענט דאָס מויל, געוואָלט עפּיס זאָגען, נאָר נישט גע-קאָנט. מיט אַמאָל האָט זיך ביי איהם אַרויסגעריסען אַ יאָמער-געשריי:

—מומע! כ׳קאָן זיך נישט זעצען!!

חנה האָט גלייך פערשטאַנען, האָט אָנגעכאַפּט דאָס יונגעל פאַר׳ן האַנד און האַסטיג אַוועקגעפיהרט איהם אין קיך. אין אַ מינוט אַרום איז זי אַרויסגעלאָפען פון קיך מיט אַ געשריי:

—אַי! אַ דונער האָט מיך געטראָפען! ער האָט צוקאַלע-טשעט דאָס יונגעל! וואו איז ער, דער אַלטער הונד, דער גזלן, כ׳וועל איהם די באָרד אויסרייסען!

—שאַ! וואָס איז דאָרט?—האָט ברוך אויסגעשריען דער-שראָקען, אויפשפּרינגענדיג פון אָרט.

מלכה האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט, אַ דערשראָקענע. בלויז די אַלטע איז געבליבען אויף איהר אָרט און האָט זיך אפילו נישט אומגעקוקט אין דער זייט פון קיך.

—ער האָט איהם צוקאַטעוועט!—האָט חנה נישט אויפגע-הערט שרייען,—ער האָט איהם צוהאַקט אויף שטיקער!

אָנכאַפּענדיג ברוכ׳ן פאַר דער האַנד, האָט זי איהם אַ ציה געטהון צו דער קיך.

—קומט, אדרבה, גיט אַ קוק!

לייבקע, ציטערנדיג און בעגיסענדיג זיך מיט טרעהרען, איז געשטאַנען איינגעגראָבען מיט׳ן פּנים אין חנה׳ס בעט. דאָס העמדעל ביי איהם איז פון הינטען געווען אויפגעהויבען און האָט ענטפּלעקט דאָס געזעסעל, וואָס איז אינגאַנצען געווען אויפגעלאָ-פען מיט בלויע און רויטע צייכענס און ערטערווייז בעדעקט מיט פערגליווערט בלוט.

ברוך און מלכה זענען געווען ערשיטערט. ברוך האָט זיך אָנגעבויגען צו לייבקע׳ן און געפרעגט:

וועץ האָט מען דיך געשמיסען,

היינט...—האָט לייבקע אַרויסגעכליפּעט.

—פאַרוואָס?

לייבקע האָט נישט געענטפערט און ברוך האָט מעהר נישט געפרעגט, נאָר אַ קוק טהוענדיג נאָכאַמאָל אויף לייבקעס צוקאַ-טעווטען גוף, האָט ער אויפגערעגט אויסגעשריען:

—אַ שרעק! מען דאַרף דאָך האָבען אַ האַרץ פון אַ גזלן, אַזוי צו שמייסען אַ קינד! נו, איך וועל זיך שוין מיט איהם מאָרגען אָברעכענען!

און, בערוהיגט זיך, האָט ער זיך אומגעקעהרט צום טיש.

מלכה האָט זיך אָנגעבויגען צו לייבקע׳ן, האָט איהם אַ גלעט געגעבען, איבער׳ן קאָפּ און צאַרט אַרויסגערעדט:

—נו, וויין נישט, זוהנעלע, וויין נישט! איך וועל זאָגען דעם רבי׳ן, ער זאָל דיך מעהר נישט שמייסען.

און דערביי צוגעגעבען:

—פאַרוואָס, נאַרעלע, האָסטו באַלד נישט געזאָגט, אַז מען האָט דיך געשמיסען?

—דער רבי האָט נישט געהייסען...—האָט לייבקע, נאָך אַלץ כליפּענדיג, געענטפערט.

די מוטער האָט צורעכט געמאַכט אויף איהם דאָס העמדעל און איהם גענומען פאַר דער האַנד.

—נו, קום צום טיש. וועסט עסען שטעהענדיגערהייד...

—לאָזט איהם צו-רוה! איך וועל איהם דאָ געבען עסען,—האָט זיך שטרענג אָבגערופען חנה.

זי האָט אויסגעטהון דאָס יונגעל און אַוועקגעלעגט איהם צו זיך אין בעט.

—איך וועל דיר אַהער דערלאַנגען עסען. וועסט שלאָפען דאָ מיט מיר.

—זעה נור, די וועלט עקט זיך!—האָט מיט אַ גיפטיגער איראָניע אַרויסגערעדט די אַלטע.—געהערט דאָס אומגליק, וואָס דאָ האָט געטראָפען? מען האָט דאָס יונגעל אָבגעשמיסען! אומ-זיסט שמייסט מען נישט. מן הסתם, איז ער עס ווערט געווען...

—„אָבגעשמיסען!"—האָט חנה מיט כּעס איהר איבערגע־קרימט,—טהוט אַקאָרשט אַ קוק, ווי ער האָט דאָס קינד צוקאַ־טעוועט.

און זי האָט אַ ציה געטהון דער אַלטער פאַר'ן פאַרטוך צו דער קיך צו.

דבורה האָט מיט כּעס אַ ריס געטהון ביי איהר פון האַנד דעם פאַרטוך.

—וואָס רייסטו מיר פאַר'ן פאַרטוך? וואוהין שלעפּסטו מיך? וואָס ווילסטו מיר ווייזען? אַ געשמיסענעם אָחור? גענוג שוין גע־זעהן אין מיין לעבען געשמיסענע אָחור'ס! שלעפּט מיך פאַר'ן פאַרטוך! אַ חבר'טע! אינאיינעם מיט דיר חזרים געפּאַשעט?

און, אָבקעהרענדיג זיך, האָט זי אָנגעהויבען מיט אַ פער־ביטערונג צו שאָקלען מיט'ן קאָפּ.

—שענע צייטען! מען טאָר שוין אַ קינד נישט שמייסען, מען דאַרף עס לאָזען וואַקסען אויפ'ן וואַלד. ביי לייטען שמייסט מען נישט נור קינדער, אפילו חתנים, יונגעלייט—טאַטעס פון קינדער שמייסט מען... איך געדענק ווי היינט, ווען ביי מיין זלמן ניסנ'ען איז געבוירען געוואָרען דאָס ערשטע מיידעל,—איך בין דעמאָלט אַלט געווען פירצען יאָהר,—איז ער געווען אין חדר. מיין יאַכנע, אַ ליכטיגען גן-עדן זאָל זי האָבען, איז תיכף אַוועקגעלאָפען, אָבגעבען איהם מזל-טוב. זי קומט אין חדר, זעהט זי, ווי זלמן-ניסן ליעגט אויפ'ן בענקעל מיט אַ פעררייסען העמד און דער רבי שמייסט איהם, אויף וואָס די וועלט שטעהט. נו, האָט זי אָבגעוואַרט ביז דער רבי האָט איהם אָבגעשמיסען און געזאָגט איהם: „מזל-טוב דיר, זלמן ניסנקע, דיין ווייב האָט אַ מיידעל געהאַט!" און ער, דער נאַר, שטעהט מיט אַ פעררייסען העמד, רעוועט ווי אַ בהמה און ענטפערט נישט, האָט דער רבי אויף איהם אָנגעשריען און געהייסען ענטפערן. האָט ער זיך איינגעהאַלטען און געענטפערט, ווי עס געהער צו זיין: „מיט מזל זאָלט איהר לעבען, מומע!" איז וואָס? אַ שלעכטער יוד פון איהם אויסגעוואַקסען? הלואי, אויף לייבקע'ן געזאָגט געוואָרען!

די „זיסע ערינערונגען" פון דער אַלטער דבורה האָבען

אָבער אויף ברוכ׳ן און מלכּה׳ן קיין איינדרוק נישט געמאַכט. זיי זענען געזעסען ביים טיש, שווייגענדיגע און בייזע. חנה האָט צום טיש נישט דערלאַנגט, זאָגענדיג מלכּה׳ן, זי זאָל אַליין דער-לאַנגען. נאָכ׳ן עסען זענען ברוך מיט מלכּה׳ן אַריינגעגאַנגען אויף אַ ווײַלע אין קיך, אַ קוש געטהון לייבקע׳ן און געזאָגט איהם אַ „גוטע-נאַכט״. דבורה איז אַ ווײַלע געשטאַנען ביי דער טהיר פון קיך. איהר האָט זיך אויך געוואָלט אַרײַנגעהן דערמאָהנען לייב-קע׳ן, ער זאָל נישט פערגעסען לייענען קריאת-שמע, נאָר זי האָט נישט געוואָלט בעגעגענען-זיך מיט חנה׳ן און האָט פון ווייטען אַ געשריי געטהון:

—לייבקע! קריאת-שמע!

חנה איז געלעגען אין די קליידער אויפ׳ן ברעג בעט נעבען לייבקע׳ן און האָט איהם דערצעהלט אַ מעשה. דאָס קינד, בערו-היגט און דערוואָרימט, האָט אָנגעהויבען איינשלאָפען. ביי חנה׳ן האָבען זיך די אויגען געקלעבט, נאָר זי האָט ריטמיש און צאַרט געקלאַפּט לייבקע׳ן איבער׳ן פּלייצע און שלעפּערדיג, מיט אַ טרויעריגען נגון איהם געזונגען דאָס וויעג-ליעד:

„סטאַרי אַבראַם, סיווי אַבראַם,
שטאָ טי זאַזשוריוּוסיאַ?
סינאַ סוואָיעוואָ וויאַל נאַ עקדה,
דאַראָם פּאָטרודיוּוסיאַ״...

•

אויף מאָרגען פריה זענען אַלע, חוץ לייבקע׳ן, אויפגע-שטאַנען נאָך פאַרטאָג. עס איז געקומען איוואַן, האָט אַראָבגענו-מען פון טיש די לייכטער און בעקומען, ווי געוועהנליך, אַ גלע-זעל בראָנפען און אַ שטיק חלה. חנה האָט פערגעסען איהר נעכ-טיגע שבועה, אַז, אָנשטאָט בראָנפען מיט חלה, וועט זי איהם געבען טראַסצע און כּחאָראָבע. דער אויוון איז געווען אָבגע-חתמ׳ט. חנה האָט פון דאָרט אַרויסגענומען אַ ליאַק מיט הייס

וואַסער און מען האָט געטרונקען טהיי. נאָכדעם זענען אַלע, חוץ לייבקע׳ן, ווען דער פאָטער האָט ערלויבט דאַוונען אין דער היים, אַוועק אין שוהל.

אַ זייגער עלף איז מען געקומען פון דאַוונען. דער טיש איז געווען געגרייט: עס איז געשטאַנען אַ קליינער גראַפינטשיק מיט בראָנפען, אויף אַ טעלער זענען געלעגען פינף שטיקלעך לע-קעך; אויף אַנדערע טעלער איז געווען צוגעגרייט געהאַקטע הע-רינג, קאַלטע פיש, פעטשאָ און צימעס־פלייש. נאָך ברכה האָט מען זיך געוואַשען עסען. מען האָט געפּרובט אַוועקזעצען לייב־קע׳ן אויף אַ קישען, נאָר ער האָט אָנגעהויבען שרייען פון ווער-טאָג און מען האָט איהם ערלויבט עסען וואַרמעס שטעהענדיגער־הייד. קיינער האָט נישט דערמאָהנט וועגען דעם שמייסען, נאָר נאָך דעם צאַרטען בעגעהן-זיך מיט לייבקע׳ן איז געווען צו בע-מערקען, אַז די עלטערן געדענקען וועגען דעם. ווען מען האָט דערלאַנגט דעם פעטען לאָקשען-קוגעל, האָט זיך צווישען ברוכ׳ן מיט מלכה׳ן אָבגעשפּיעלט אַ ריהרענדע סצענע. מלכה האָט איהם אַרויפגעלייגט אויפ׳ן טעלער כמעט אַ האַלבען קוגעל.

—וואָס, ביזטו פון זינען אַראָב?—האָט ברוך אויסגעשריען,— וואָס גיסטו מיר אַוועק דעם גאַנצען קוגעל?

און, אָבשניידענדיג אַ העלפט פון זיין שטיק קוגעל, האָט ער עס מיט דער האַנד צוריק אַוועקגעלעגט אויף מלכה׳ס טעלער.

—נו, לאָז געמאַך! עס געזונד!—האָט מלכה פּראָטעסטירט און אומגעקעהרט דעם קוגעל צוריק אויפ׳ן מאַנ׳ס טעלער.—דער קוגעל צוגעהט ממש אין מויל. מעגסט עסען אַ גרעסער שטיקעל.

—בהמה! איך וועל דאָך אַזוי פיעל נישט אויפעסען!—האָט ברוך געענטפערט שוין גאָר צערטליך,—איך בין אַזוי אויך זאַט ווי אַנ׳אינדיק.

און דער קוגעל איז ווידער אַריבער אויף מלכה׳ס טעלער. מען האָט זיך נאָך אַ ווײַלע געדינגען, ביז ברוך האָט צוטיילט דאָס שטיק קוגעל צווישען מלכה׳ן און לייבקע׳ן.

נאָך וואָרמעס האָבען דבורה, ברוך און מלכה, זיך געלעגט אָברוהען. אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט ברוך זיך אויפגעכאַפּט אַ

צורודערטער, מיט אַ שווערען קאָפּ און מיט אַ זויערן טעם אין מויל.

—טהיי...—האָט ער קוים אַרויסגערעדט.

מלכּה האָט אַרויסגענומען פון אויוען אַ ליאַק און פער-בריהט טהיי, וואָס איז געווען לעבליך און זויער. ברוך האָט אָבגערוקט דאָס גלאָז טהיי און געטראַכט וועגען טהיי פון סאַ-מאָוואַר.

איוואַן איז געווען אין שטוב. ער איז געשטאַנען אויף די קניה און געהייצט דאָס אויוועלע. ברוך האָט אויף איהם אַ קוק געטהון און בעת מעשה געטראַכט: ווען איוואַן וואָלט האָבען שכל און וואָלט, נישט פרעגענדיג, שטעלען דעם סאַמאָוואַר פאַר זיך וועגען און אויסגעטרונקען אַ גלאָז טהיי און נאָכדעם „מכבד געווען" מיט טהיי ברוכ'ן און מלכּה'ן! נאַר, ווי קומט איוואַן צו אַזעלכע איידעלע בעגריפען! ער וועט דאָס קיינמאָל נישט פער-שטעהן.

און, צולעגענדיג זיך ברייט אויף דער קאַנאַפּע, האָט ברוך זיך געווענדט צו איוואַנ'ען מיט אַ שמייכעל פון טיעפער פער-אַכטונג:

—איוואַן! זאָג מיר, ביזט געזונד, אַ?

איוואַן האָט זיך אויסגעדרעהט און פערוואונדערט אַ קוק געטהון אויף ברוכ'ן. בעמערקענדיג אויף זיין פּנים דעם פעראַכ-טענדען שמייכעל, האָט ער געענטפערט טרוקען:

—פאַרוואָס זאָל איך זיין נישט געזונד? פערשטעהט זיך, געזונד... אפשר איז עמיצער אַנדערש אַ קראַנקער, אָבער נישט איך...

אין דעם ענטפער איז געווען אַ שטאָך ברוכ'ן און זיין הויזגעזינד, ווען איוואַן פלעגט אונטער די אויגען רופען די „געפּגר'טע". נאָר ברוך האָט דעם שטאָך נישט פערשטאַנען און ווייטער געפרעגט אין דעם פריהערדיגען טאָן:

—הער זיך איין, איוואַן: אפשר טהוט דיר וועה דער בויך, אַ?

—זאָלען מיינע שונאים די בייכער וועה טהון, און מיר

סהוס דער בויך נישט ווערה!—האָט זיך שוין בעליידיגט איוואַן, און, אויפשטעהענדיג פון ד'ערד, האָט ער גענומען אָבטרייסלען דעם שטויב פון פעלץ.

—אַ גוי'אישקער קאָפּ...—האָט מלכה אַרויסגעזאָגט אויף יודיש מיט אַ טרויעריגען שמייכעל.

ברוך האָט אַ קוועטש געטהון מיט די פּלייצעס, ווי ער וואָלט זאָגען, אַז ער האָט קיין אַנדער זאַך נישט ערוואַרט פון איוואַנ'ען, און כדי נאָך מעהר צו אונטערשטרייכען איוואַנ'ס טעמפּקייט, האָט ער איהם גלייך געשטעלט די פראַגע:

—אפשר ווילסטו טהיי, איוואַן, אַז דו האָסט דאָך ליעב טהיי פון סאַמאָוואַר? אַ!

—פערשטעהט זיך!—האָט געענטפערט איוואַן,—אָט הייס נור שטעלען דעם סאַמאָוואַר און זיי מיר מכבד מיט אַ גלאָז טהיי.

ברוך און מלכה האָבען זיך הויך פונאַנדערגעלאַכט. געטראָפען ווי אַ בלינד פערד אין גראָבען. ברוך האָט פעראַכטענד אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד און אַרויסגערעדט גוטמוטיג:

—געה שלאָפען, איוואַן!

און האָט גענומען טרינקען דעם קאַלטען זויערן טהיי פון ליאַק.

ז.

אין שטוב איז אַריין אַנ'אַלטער יוד, אַ הויכער מיט אַ גרויער באָרד. אַ קוש געטהון די מזוזה, האָט ער פייערליך אַרויסגערעדט:—גוט שבת.

דער אַלטער האָט זיך געהאַלטען שטרענג און רוהיג. צוגעהענדיג צום טיש, האָט ער דערלאַנגט ברוכ'ן די האַנד.

—שלום עליכם!

—עליכם שלום,—האָט ברוך איהם טרוקען געענטפערט און, אַנווייזענדיג מיט דער האַנד אויף אַ בענקעל, געבעטען זיצען.

דער אַלטער האָט פאַנאַנדערגעפּענט די פּאָלעס פון זיין

פערשמאָלצענעם, אויסגעריבענעם פוטער, זיך געזעצט און אַ פרעג געטהון: אויף לאַנג זענט איהר געקומען?

—ווי געוועהנליך, אויף שבת.—האָט ברוך ווידער געענט-פערט טרוקען.

דער אַלטער האָט נישט בעמערקט דעם טרוקענעם טאָן און ווייטער געפרעגט:

—וואָס הערט זיך נייעס אויף דער וועלט?

ער האָט געוואוסט, אַז ברוך איז געקומען פון וואַלד. נאָר ווי אַזוי שטעלט מען נישט אַ ניי-געקומענעם מענשען די סקאַר-באָווע פראַגע.

—עט! כע! וואָס פאַר אַ נייעס, ווילט איהר, זאָל זיך הע-רען? די וועלט איז געשלאָגען. קיין געשעפטען זענען נישטאָ...

מלכה האָט דערלאַנגט דעם אַלטען אַ גלאָז טהיי. ער האָט געדאַנקט, איינגעטונקט דאָס שטיקעל צוקער אין טהיי, געמאַכט לאַנגזאַם אויפ׳ן קול אַ ברכה און גענומען טרינקען.

ברוך האָט געשוויגען און געפיהלט זיך עפּיס אונהיימליך. דער אַלטער איז געוועזן לייבקעס מלמד.

ברוך האָט ביי זיך בעשלאָסען שאַרף אויסרעדען איהם פאַר דעם, וואָס ער האָט אַזוי אכזריות׳דיג געשלאָגען לייבקע׳ן. נאָר איצט, זעהענדיג פאַר זיך דעם אַלטען חשוב׳ן יוד מיט דער גרויסער גרויער באָרד, האָט ער נישט געפונען אין זיך קיין מוטה אָנהויבען רעדען מיט איהם שטרענג און מאַכען איהם אַ פאָרוואורף.

געענדיגט טרינקען טהיי און מאַכענדיג די ברכה אחרונה, האָט דער אַלטער אַרומגעקוקט דעם חדר און אַ פרעג געטהון:

—וואו איז דאָס לייבעלע?

פון לייבקעס וועגען איז ער געקומען, צו פערהערען איהם פאַר דעם פאָטער.

—לייבקע ליגט, ער איז קראַנק...—האָט ברוך געענטפערט מיט אַ געדריקטען קול און דערביי אַראָבגעלאָזט די אויגען.

—קראַנק?—האָט מיט אַנ׳אונרוהיגען קול איבערגעפרעגט דער מלמד און צוגעגעבען:—וואָס איז איהם? אפשר אַנ׳עין-הרע.

ברוך האָט זיך אָנגענומען מיט מוטה. ער איז אויפגעשטאַנען פון שטוהל, איז דורכגעגאַנגען עטליכע מאָל איבער'ן חדר און אָנגעהויבען מיט אַ ביסעל אַנ'אויפגערעגטען קול:

—איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, ר' בער. איך האָב זיך דאָס נישט געריכט אויף אייך. איהר האָט דאָך צו'מזק'ט דאָס יונגעל... גוט, מען דאַרף שמייסען, נאָר אַלץ דאַרף דאָך האָבען אַ שעור! איהר האָט דאָך איהם קיין געזונט אָרט אויפ'ן לייב נישט איבערגעלאָזט. ער קאָן זיך דאָך נישט זעצען.

דער אַלטער האָט זיך געהאַלטען גלייך און רוהיג און געקוקט אויף ברוכ'ן מיט אַ קאַלטען שטרענגען בליק. ער האָט, ווייזט אויס, נישט געריכט זיך אויף אַזאַ קבלת-פנים.

הערט אויס, ר' ברוך!—האָט ער אָנגעהויבען רוהיג און ענטשיידען, אַרויפלעגענדיג אויפ'ן טיש זיין גרויסע, פערוואַקסענע האַנד.—ערשטענס, מוז איך אייך זאָגען, אַז נישט איך האָב געשמיסען דאָס יונגעל, נאָר דער קאַנטשיק. אַ קאַנטשיק, דאַרפט איהר וויסען, איז נישט קיין האַנד. מיט אַ קאַנטשיק קאָן מען נישט טרעפען. אַנ'אַנדערש מאָל קומט אַרויס אַ שמיץ שטאַרקער, ווי מען וויל, און לאָזט איבער אַ צייכען. איך שלאָג נישט די קינדער—נישט אין האַרץ, נישט אין קאָפּ. פון שמיץ ווערט מען נישט קראַנק. און אויב מען וויל, אַז פון אַ קינד זאָל אַרויסוואַקסען אַ מענש, מוז מען איהם שמייסען!... דאָס איז ערשטענס.

דער אַלטער האָט אַרויסגעלאָזט אַ זיפץ, ווי אַ פאַך-מענש, וועמען עס קומט אויס צו ערקלערען זיינע פּראָפעסיאָנעלע מעטאָדען פאַר איינעם, וואָס פערשטעהט דעריין גאָרנישט.

—און צווייטענס,—האָט ער פאָרטגעזעצט, שוין האַרטער און שטרענגער.—וואונדערט מיך, וואָס איהר רעדט וועגען דעם שמייסען און איהר פרעגט נישט, פאַרוואָס האָב איך איהם געשמיסען.

—נו, פאַרוואָס?—האָבען ברוך און מלכה אונרוהיג איבערגעפרעגט.

—אָט זעצט זיך און הערט,—האָט שוין ווייכער געענטפערט דער מלמד,—דאָנערשטאָג, ראש-חודש, האָב איך אָבגעלאָזט די קינדער נאָך וואַרמעס פריי, נאָר איך האָב זיי געהייסען קומען

אין חדר, איבער׳חזר׳ן פאַר זיך, וואָס זיי האָבען געלערנט. איך האָב פיינט, קינדער זאָלען אומגעהן ליידיג. נאָך וואַרמעס האָב איך בעדאַרפט אַריינקוקען אין אַ ספר, וואָס איך האָב איבערגע-לאָזט אין חדר. איך בין אַוועק אַהין. איך געה צו צום חדר און הער, אַז אויפ׳ן הויף איז אַ רעש. איך האָב גלייך פערשטאַנען, אַז חברה שטיפט. אַריין אין חדר, זעה איך: אויפ׳ן טיש ליעגען די חומשים אָפענע, און קיין איין נפש איז נישטאָ. איך געה אַרויס אויפ׳ן הויף און הער, אַז די קינדער זענען אַלע אין שפייכלער. איך בין צוגעגאַנגען, האָב האַסטיג געעפענט די טהיר,—און, וואָס מיינט איהר, האָב איך דערזעהן?

ער האָט זיך צוגעבויגען צו ברוכ׳ן, אַרויפגעלעגט איהם די האַנד אויף דער קניה און אָנגעהויבען לאַנגזאַם ווייטער דער-צעהלען:

—אין שפייכלער האָב איך דערזעהן, ווי מיינע תּלמידים, צוזאַמען מיט אַ גאַנצער חברה שקצים און שיקסעס, האָבען גע-מאַכט אַ קאַראָהאָד, האַלטען זיך פאַר די הענד און דרעהען זיך אַרום אַ פאַס, אויף וועלכער עס זיצט אַ שיקסע און זינגט גוי׳-אישע לידער... נו? וואָס וועט איהר אויף דעם זאָגען? געדאַרפט זיי דערפאַר אַ גלעט טהון איבער׳ן קעפּעלע?

—אַ שרעק!—האָט אַרויסגערעדט ברוך.

דער מלמד האָט אַ זיפץ געטהון, האָט אויפגעהויבען די אויגען אין דער הויך און אויף זיין פּנים האָט זיך אויסגעדריקט אַ טיעפער אומעט. נאָכדעם האָט ער זיך אויסגעגלייכט און אָנ-געהויבען ענערגיש און ענטשיעדען:

—הערט, ר׳ ברוך!—איך וועל אייך זאָגען איין מאָל פאַר אַלע מאָל, איהר מעגט אויף מיר פאַראיבעל האָבען וויפיעל איהר ווילט, נאָר מיט מיינע תּלמידים וועל איך זיך בעגעהן, ווי איך פערשטעה. איך בין נישט געוועהנט, מען זאָל מיך לערנען. איך בין שוין פערציג יאָהר מלמד און, דאַנקען גאָט, בין נאָך קיינ-מאָל נישט געגאַנגען בעטען תּלמידים. פערקעהרט, בעלי-הבתּים בעטען זיך ביי מיר. זאָג איך אייך נאָכאַמאָל: קינדער מוז מען שמייסען. אויב אויפ׳ן לייב בלייבט אַ צייכען, איז דאָס

נישט קיין גרויס אומגליק. דער צייכן וועט פערגעהן און פאר׳ן קינד וועט עס זיין א פעולה. ער וועט בעסער געדענקען...

## ח.

חנה האט זיך אויפגעכאפּט פון שלאף און איז עטליכע מי־נוט געזעסען אויפ׳ן בעט. זי האט דערהערט דעם מלמד׳ס קול, איז זי געווארען שטארק אין כעס און האט געוואלט אריינלויפען אין צווייטען חדר. נאר דער רוהיגער און בעפעהלערישער טאן פון דעם מלמד האט זי אויף א ווײַלע אבגעשטעלט און זי האט זיך גענומען צוהערען צו זיינע רייד. ביי די לעצטע ווערטער האט זי נישט אויסגעהאלטען, האט זיך א ריס געטהון פון ארט, איז אריינגעלאפען אין חדר, וואו עס זענען געזעסען ברוך, מלכה און דער מלמד, ווי זי איז געווען, אין זאקען מיט אנ׳אראבגע־רוקטער אויף א זייט „ליאמקע", דורך וואס עס האבען זיך ארויסגעזעהן איהרע גרויע, לאנג נישט געגאלטע, האאר פון קאפּ.

—א צייכענדעל?! אלטער גזלן! זאלען ביי אייך דאס גאנ־צע לעבען זיין אויפ׳ן לייב אזעלכע צייכענדלעך, ווי איהר האט געמאכט דעם יונגעל! איהר רעדט נאך? איהר קאנט נאך קוקען גלייך אין די אויגען? איהר זענט א גזלן, א תלין!

—חנה! איהר זענט פון זינען אראב!—האט ברוך אויסגע־שריען מיט שרעק.

—אי! חנה! ביי דיר זעהען זיך די האהר!—האט מלכה אויסגעשריען, אויפשפּרינגענדיג פון ארט.

חנה האט זיך אווארף געטהון צוריק אין קיך, ארויפגע־ווארפען אויפ׳ן קאפּ א טיכעל און זיך גלייך אומגעקעהרט אין חדר.

—איך בין פון זינען אראב?—האט זי אויסגעשריען צו ברוכ׳ן.—דאס זענט איהר אלע פון זינען אראב, גזלנים; וואס, אייך ארט גארנישט, וואס מען האט דאס קינד צוקאלעטשעט! צוהאקט ביים קינד דאס לייב, און ער קומט צוגעהן און זיצט

ווי אַ פריץ, גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט געשעהן! און מען איז איהם נאָך מכבד מיט טהיי!... די באָרד און פאות וועל איך איהם אויסרייסען, דעם אַלטען גזלן!—האָט זי אויסגעשריען מיט אַ שטאַרקער אויפרעגונג.

—שווייגט, חנה!—האָט ברוך אויסגעשריען אַ שטאַרק אויפגערעגטער אויפשפרינגענדיג דערביי פון אָרט.

דער מלמד האָט זיך אויפגעהויבען און איז געשטאַנען אַ בלייכער און אַנ׳ערשיטערטער. אויף אַזאַ אָנפאַל, און נאָך פון אַ יודענע, האָט ער זיך בשום אופן נישט גערעכט.

—„ווער איז דאָס די חצופה, די משוגע׳נע?”—האָט ער שטיל, ווי פאַר-זיך אַרויסגערעדט, נישט ווענדענדיג זיך צו קיינעם.

און, נישט בעקומענדיג קיין ענטפער, האָט ער אַ שטאַרקען קוועטש געטהון מיט די פלייצעס, אַ שפיי געטהון אָן אַ זייט און געאיילט אַרויס פון שטוב.

—חנה!—האָט ברוך ווילד אויסגעשריען.—איהר זענט משוגע, צי חסר-דעה! ווי זאָגט מען דאָס אַזעלכע ווערטער אַנ׳אַלטען יוד מיט אַ גרויער באָרד?...

—לאָז ער דאַנקען גאָט, וואָס ער איז אַוועק גאַנץ מיט דער באָרד! ווי איך בין אַ יודישע טאָכטער, איך וואָלט זי איהם אויסגעריסען!—האָט איהם חנה איבערגעשלאָגען.

—וואָס איז דאָס, באמת!—האָט מיט אַמאָל אויסגעשריען אויסער זיך פון כעס ברוך, אַ קלאַפּ-טהוענדיג מיט׳ן קולאַק אי-בער׳ן טיש.—ווער איז דאָ בעל-הבית אין שטוב: איך, אָדער איהר? ווער בין איך אייך: אַ גאַסען-יונג? וואָס מישט איהר זיך נישט אין אייער זאַך? אייער אָרט איז אין קיך—אַהין געהט!

דער שטרענגער אויסרייד האָט אָבער אויף חנה׳ן קיין שום איינדרוק נישט געמאַכט.

—איהר קאָנט זיך שרייען וויפיעל איהר ווילט,—האָט זי אַרויסגערעדט שוין רוהיג, אָבער פעסט און זיכער.—איך זאָג אייך נאָכאַמאָל: איך וועל נישט דערלאַזען, אַז דער גזלן זאָל ציקאַלעטשען דאָס יונגעל!

—דאָס איז נישט אייער זאַך!—האָט ברוך, פונאַנדערציהענ-דיג די ווערטער געענטפערט זעהר צורייצט.

דאָס איז מיין זאַך!—האָט איהם אין דעמזעלבען טאָן גע־ענטפערט חנה,—דאָס יונגעל וועט מעהר נישט געהן צו דעם רוצח אין חדר!

—וואָס?!—האָט ברוך אויסגעשריען ערשטוינט.—צונעהמען דאָס יונגעל אין מיטען זמן פון חדר? וואָס, איהר וועט איהם שיקען חזרים פאַשען?

—בעסער חזרים פאַשען, איידער לערנען ביי אַזאַ גזלן. זאָרגט נישט: אין מיטען זמן וועט זיך אויך געפונען אַ מלמד, וואָס וועט מיט איהם אַזוי גוט לערנען ווי דער, און וועט איהם דערביי נישט קאַלעטשען. איך וועל אַליין איהם געפינען אַ מלמד.

—רעדט נישט קיין נאַרישקייט, חנה!—האָט ברוך אויסגע-שריען,—לייבקע וועט געהן נאָר צו דעם מלמד אין חדר!

—ער וועט צו איהם נישט געהן!—האָט מיט זיכערקייט אַרויסגעזאָגט חנה.—בלוט מעג זיך גיסען און איך וועל איהם נישט לאָזען אין חדר צו אָט דעם מלמד.

—ער וועט געהן אין חדר צו דעם מלמד!—האָט אויסגע-שריען ברוך שוין מיט מעהר כעס און אַ קלאַפּ געטהון מיט'ן קולאַק איבער'ן טיש.—איך וועל נישט לאָזען, אַז איהר זאָלט מיר קריכען אויפ'ן קאָפּ!

—און איך זאָג אייך, אַז ער וועט צו דעם מלמד נישט געהן!—האָט חנה זיך געהאַלטען ביי דאָס איהריגע.

—אָט וועלען מיר זעהן!

—וועלען מיר זעהן!

—גוט, גוט! מיר וועלען זעהן, ווער עס וועט אויספיהרען!

און ביידע געגנער, זיכער אין זייער כח און גרייט צו פיהרען דעם קאַמף ביז'ן סוף, זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען, ברוך אין היגטערשטען חדר און חנה—אין קיך.

ביים טיש איז געבליבען איין מלכה, וועלכע האָט קיין שום ראָליע נישט געשפּיעלט אין דעם גאַנצען סכסוך.

## ט.

אין הויז האָט זיך אָנגעהויבען אַ מלחמה-צושטאַנד. עס האָבען זיך פאָרמירט צוויי פיינדליכע לאַגערן. פון איין זייט איז געווען ברוך, מלכה און דבורה, פון דער צווייטער זייט—חנה, וועלכע האָט געהאַט איהרע סימפּאַטיקער, איוואַנ׳ען און לייבקע׳ן.

אַלע דריי, חנה, לייבקע און איוואַן, זענען געזעסען אין קיך. די טהיר איז געווען צוגעמאַכט. חנה און איוואַן זענען געזעסען ביים טיש און געטרונקען טהיי פון לעצטען כלאַפּ. חנה האָט רוהיג דערצעהלט איוואַנען די גאַנצע געשיכטע מיט דעם מלמד. דערביי האָט זי אין געשפּרעך, ווען איהר האָבען אויסגעפעהלט ווערטער, אַריינגעשטעלט יודישע ווערטער, וועלכע איוואַן האָט גוט פערשטאַנען. איוואַן, אָנלעהנענדיג זיך מיט ביי-דע הענד אויפ׳ן טיש, האָט זי אויפמערקזאַם אויסגעהערט. טיעף אין האַרצען האָט ער אייגענטליך גאָרנישט געהאַט געגען דעם מלמד, האַלטענדיג, אַז אַ חדר, ווי יעדע שוהל, איז דער עיקר בעשאַפען דערויף, צו שמייסען דאָרט קינדער. נאָר די אַכטונג צו חנה׳ן און דאָס מיטגעפיהל צו איהר האָבען איהם אינגאַנצען גע-שטעלט אויף איהר זייט.

—הער מיך אויס, חנה׳קע!—האָט ער זיך אָבגערופען, ווען זי האָט געענדיגט,—דערין איז אַלץ שולדיג די אַלטע מכשפה, פגר׳ן זאָל זי! דאָס האָט זי עס אָנגעלערנט דעם מלמד. און איצט האַלט זי זיך אָן אַ זייט.

חנה איז נישט גאָר איינשטימיג געווען מיט איוואַנ׳ס אומ-גערעכטער מיינונג, נאָר זי איז געווען צופריעדען פון דעם מיט-געפיהל, וואָס איוואַן האָט איהר אויסגעדריקט.

לייבקע האָט נישט גענומען קיין אָנטייל אין דעם גע-שפּרעך, נאָר ער האָט פערשטאַנען, אַז די לאַגע איז אַנ׳אויסער-געוועהנליכע און האָט זיך געפיהלט איצט אין קיך מעהר אונ-בעריהרבאַר, ווי אַנ׳אַנדערשמאָל. ער איז האַלב געלעגען אויף דער פּאָדלאָגע און פונאַנדערגעלעגט קאָלירטע פּאַפּירלעך, יארלי

קען פון בראָנפען-פלעשער—זיין איינציג שפילצייג, וואָס איז איהם געווען זעהר טייער און וואָס ער האָט געהאַלטען בעהאַל-טען פון דער באָבען ביי חנה׳ן אונטער׳ן קישען.

אין קיך האָט זיך געפונען נאָך אַ פריינד חנה׳ס, אַ פּאַסי-ווער, נאָר אַ טרייער: די קאַץ אייזע, וועלכע האָט געהאַט אַ יו-דישען נאָמען און פערשטאַנען אַלץ, וואָס מען האָט גערעדט אויף יודיש. אייזע האָט זיך געפונען אין הויז אין דער לאַגע פון אַנ׳אומריינער חיה. פערשטעהענדיג איהר לאַגע, האָט זי אויסגע-מיטען די חדרים, וואו די בעלי-הבתים האָבען זיך געפונען. ביי יעדער בעגעגעניש מיט דער אַלטער פלעגט אייזע בעקומען אַ שטויס מיט׳ן פוס אין זייט. עטליכע מאָל איז אפילו אויפגעהוי-בען געוואָרען די פראַגע, מען זאָל אייזע׳ן דערטרונקען אָדער פערטרייבען, נאָר יעדעס מאָל האָט זיך חנה פאַר איהר איינגע-שטעלט, אויפווייזענדיג איהרע פערדיענסטען אין די מלחמות מיט די מייז. אייזע האָט געפיהלט אַ טיעפע דאַנקבאַרקייט צו חנה׳ן, און ביי אַ סאַנטימענטאַלער שטימונג האָט זי זיך געריבען אָן איהר פוס, גוטמוטיג אויפגענומען אַ גרינגען שטויס מיט׳ן פוס און פלעגט אַוועקגעהן אַ זיכערע, אַז דאָס, וואָס עס וועט בלייבען פון וואַרמעס און וועטשערע, וועט חנה קיין אַנדערן חוץ איהר נישט אָבגעבען.

צווישען לייבקע׳ן און אייזע׳ן זענען די בעציהונגען גע-ווען מעהר קאָמפּליצירטע. אין דער אָנוועזענהייט פון פרעמדע האָבען זיי נישט געקענט איינער דעם צווייטען. פאַרבייגעהענדיג פאַרביי דער קאַץ, פלעגט לייבקע מאַכען אַ גלייכגילטיגע מינע און קוקען אָן אַ זייט. אייזע, נישט ריהרענדיג זיך פון אָרט, פלעגט איהם אויך בעגלייטען מיט אַ גלייכגילטיגען בליק. דער-פאַר אָבער, ווען זיי פלעגען בלייבען אויג אויף אויג, פלעגען זיי פריי אויסדריקען זייערע געפיהלען. לייבקע פלעגט זיך דאַן לעגען אויף דר׳ערד, צאַרט אַרומנעהמען די קאַץ, גלעטען זי, לעגען איהר דעם קאָפּ אויפ׳ן רוקען און זי רופען „אייזיטשקע״ און עהנליכע צאַרטע נעמען. אייזע פלעגט רייבען דאָס קעפּעל אָן זיין האַנד, פלעגט איהם צאַרט אָנריהרען מיט דער לאַפּקע

און מיט אַ טיפֿען געפֿיהל מיאוקען. נאָר איין איוואַן האָט גע־וואוסט פֿון דער פֿערבּרעכערישער פֿריינדשאַפֿט. איוואַן, ווי אַ גוי, האָט קיין אַהנונג נישט געהאַט, אַז אייזע איז אַנ׳אומריינע חיה, און לייבּקע מיט אייזע׳ן האָבען זיך בּענוצט מיט זיין אונווי־סענהייט.

איצט, ווען די קיך האָט פֿאַרגעשטעלט מיט זיך אַ מין פֿעסטונג, וואוהין נישט די עלטערן, נישט די באָבּע, האָבּען נישט געקאָנט אַריינדרינגען, האָבּען לייבּקע און אייזע געפֿיהלט זיך גאַנץ רוהיג. אין דער אָנוועזענהייט פֿון חנה׳ן האָבּען זיי נישט געוואַגט דערנעהנטערן זיך איינער צום צווייטען, נאָר זיי האָבּען זיך דורכגעוואָרפֿען מיט פֿריינדליכע בּליקען. אייזע איז געזעסען אויף די הינטערשטע פֿיסלעך נישט ווייט פֿון לייבּקע׳ן און פֿלעגט פֿון צייט צו צייט אָנריהרען מיט דער לאַפּקע די קאָ־לירטע פּאַפּירלעך; לייבּקע פֿלעגט אַ בּליק טהון אויף חנה׳ן און, אויבּ זי האָט נישט געקוקט אין זיין זייט, פֿלעגט ער מיט אַ פֿריידיג-שמייכעל, נאָכמאַכענדיג די בּעוועגונג פֿון דער קאַץ, אָנ־ריהרען איהר לאַפּקע.

גאָר אַנ׳אַנדער שטימונג האָט געהערשט אין צווייטען לאַ־גער. אין לעצטען חדר זענען געזעסען בּרוך, מלכּה און די אַל־טע דבורה. דבורה איז נאָר-וואָס אויפֿגעשטאַנען פֿון שלאָף, און די שנור האָט איהר שטילערהייד דערצעהלט אַלץ, וואָס איז פֿאָרגעקומען צווישען חנה׳ן מיט׳ן מלמד. די אַלטע האָט געשאָ־קעלט מיט׳ן קאָפּ, איז געווען אויסער זיך, האָט אָבּגעשפּיגען אָן אַ זייט און יעדעס מאָל אויסגעשריען: מרשעת, חציפה, הולטייקע! בּרוך איז געזעסען בּיים פֿענסטער מיט׳ן תּהילים אין האַנד און זעהר גיך געזאָגט דעם שבּת׳דיגען תּהילים, צוהערענדיג זיך אין דערזעלבּער צייט צום געשפּרעך צווישען די ווייבּער.

—ניין!—האָט ער ענדליך אויסגעשריען, אָוועקלעגענדיג דעם תּהילים אָן אַ זייט.—גענוג! צייט מאַכען דערצו אַ סוף! גענוג שוין אָנגעליטען זיך פֿון איהר! מאָרגען זאָל איהר שליאַד נישט זיין אין מיין שטוב.

און, ווענדענדיג זיך צו מלכה׳ן, האָט ער שטרענג צוגע-געבען:

—הערסט, מאָרגען זאָל זיין אַ נייע דיענסט!

—אוי, מיין זוהן,—האָט די אַלטע אָנגעהויבען מיט אַ שוואַ-כען ווייינענדיגען קול,—אויב דו האָסט כאָטש אַ ביסעלע רחמנות אויף מיר, נעהם צו פון אונז די גזלנ׳טע! זי פערקירצט מיר די יאָהרען, זי טרייבט מיך פאַר דער צייט אין קבר...

—עס געהט נישט דורך אַ טאָג, מען זאָל מיט איהר נישט דאַרפען מלחמה האַלטען,—האָט צוגעגעבען מלכה,—וואָס מ׳זאָל איהר נישט זאָגען, טהוט זי אַלץ פערקעהרט. איך בין פון איהר געבליבען אָהן כחות!

—דערצעהל איהם, דערצעהל איהם וועגען דער הוהן!—האָט אויסגעשריען די אַלטע,—דערצעהל איהם, זאָל ער וויסען.

מלכה האָט דערצעהלט די מעשה מיט דער הוהן. ברוך האָט אומגעשפרייזט איבער׳ן צימער מיט גרויסע טריט, אַנ׳אויפ-גערעגטער און אַ דערצאָרנטער.

—דוכט זיך, אויף דער גאַנצער וועלט זענען נישטאָ נאָך אַזעלכע משוגעים ווי מיר! עס איז אפילו אַ חרפה ווערמען-עס-איז צו דערצעהלען! און פאַרוואָס אַלץ? ווייל אין שטוב איז נישטאָ קיין בעל-הבית׳טע, ווייל דו לאָזט זיך קריכען אויפ׳ן קאָפּ,—האָט ער זיך מיט אַמאָל אָנגעוואָרפען אויף מלכה׳ן.—נאָר איצט וועט נעהמען אַ סוף דערצו. נאָך הבדלה וועל איך איהר זאָגען קורץ און שאַרף, אַז זי קאָן זיך געהן געזונטערהייד.

דבורה האָט צונויפגעלעגט די הענד, ווי צו אַ תפלה, האָט פערגלאָצט די אויגען און געזאָגט:

—רבונו-של-עולם! איך זאָג-צו צוואַנציג קאָפּיקעס אויף ר׳ מאיר בעל-הנס, איך זאָג-צו צוויי תעניתים, אויב דו וועסט מיך אויסלעזען פון דער חציפה!

ברוך האָט זיך דערמאָהנט, אַז חנה האָט שוין אָנדער-טהאַלבען יאָהר נישט בעקומען קיין געהאַלט פון איהם און אַז מען האָט נאָך ביי איהר געליהען עטליכע רובל. נאָר דאָס האָט איהם נישט בעאונרוהיגט. ער קאָן, פערשטעהט זיך, נישט בע-

צאָהלען איהר מיט אַמאָל צוואַנציג—פינף-און-צוואַנציג רובל. וועט זי אָבוואַרטען אַ ביסעל, קיין בייז נישט. פאַר צעהן יאָהר האָט זי נישט וועניג געלד איבערגענומען ביי איהם...

ער האָט אָנגעטהון דעם אוי־בער-בגד, איז אַרויס פון הדר און, פערבייגעהענדיג פאַרביי דער קיך, האָט ער אַ געשריי געטהון:

—לייבקע! אַהער קום! אין שוהל!

לייבקע איז אויפגעשפרונגען פון אָרט, האָט געשווינד בע-האַלטען די קאָלירטע פאַפירלעך, אָנגעטהון דאָס פוטער׳ל און איז אַוועק מיט׳ן פאָטער צו מנחה.

# י.

נאָך הבדלה זענען אַלע געזעסען ביים טיש און שווייגענ-דיג געטרונקען טהיי פון סאַמאָוואַר, וואָס חנה האָט דערלאַנגט. ברוך איז געווען געשטימט זעהר ערנסט און האָט יעדע ווייל געוואָרפען אַ בליק צו דער קיך, פון וואַנען עס האָט געראַרפט אַרויסגעהן חנה. מלכה און דבורה זענען געזעסען ביים טיש שטילע און דערשראָקענע, נישט זענענדיג זיכער, אַז ברוך וועט אויסהאַלטען די ראָליע, וועלכע ער האָט אויף זיך גענומען.

חנה האָט פערשטאַנען, אַז ברוך האָט זיך צוגעגרייט צו אַן׳ענדגילטיגער שלאַכט און איז אַרויס פון איהר פעסטונג. זי איז צוגעגאַנגען צום טיש, האָט געגעבען טהיי לייבקע׳ן, האָט אָנגעגאָסען זיך אַ גלאָז טהיי, צוהאַקט אַ שטיקעל צוקער אויף קליינע שטיקלעך, געזעצט זיך צום טיש און גענומען רוהיג טרינ-קען טהיי פון טאַס.

נאָך דעם ערשטען גלאָז טהיי האָט ברוך אויפגעהויבען דעם קאָפּ, אַ גלעט געטהון די באָרד און עפּעס אַ ברום געטהון פאַר זיך. ער האָט נישט געפונען קיין פאַסיגע ווערטער אויף אָנצוהויבען דאָס געשפרעך מיט חנה׳ן. בעמערקענדיג, אַז לייב-קע, אויסטרינקענדיג זיין טהיי, איז אַוועק אין קיך, האָט ער שטרענג אַ געשריי געטהון:

—לייבקע! אהער געה! וואס טהוסטו דארט אין קיך? צו איז דארט דיין ארט?

דאס האט געדאַרפט דיענען פאַר דעם ערשטען אריינטריט אין געשפרעך מיט חנה'ן, און באַלד נאָכדעם האט ער אַרויס-געלאזט די ערשטע קויל. ווען לייבקע האט זיך אומגעקעהרט פון קיך, האט ער צו איהם שטרענג א זאג געטהון:

—געה שלאפען! האסט פערגעסען, אַז דו דאַרפסט מארגען פריה געהן אין חדר?

און ער האט א ווארף געטהון אין חנה'ס זייט אַנ'אַרויסרו-פענדען בליק. חנה איז געבליבען רוהיג און לאַנגזאם געזופט די טהיי פון טאס. ווען זי האט געענדיגט טרינקען, האט זי אוועקגעשטעלט די טאס אויפ'ן טיש און ארויסגערעדט נישט הויך און רוהיג, ווי פאַר זיך:

—זאלען מיינע שונאים אזוי לעבען, ווי דאס יונגעל וועט געהן מארגען אין חדר.

און זי האט גענומען רוהיג אנגיסען טהיי פון גלאז אין טאס.

ברוך האט דערפיהלט א שטראם פון כעס, און דאס האט איהם צוגענומען מוטה און ענטשלאסענקייט. ער האט זיך אנ-געלעהנט מיט ביידע הענד אויפ'ן טיש און אנגעהויבען רוהיג, אבער ענדשיעדען:

—הערט, חנה! איך וויל זיך מיט אייך נישט קריעגען און איך וויל נישט שרייען און נישט זידלען זיך. איך וויל אייך נאר זאגען, אז איך וויל מעהר פון אייך נישט ליידען...

—אי! לאזט מיך, איך בעט אייך, צו-רוה! ס'נעהמט-אן א חלשות צו הערען!—האט איהם מיט אמאל איבערגעשלאגען די רייד חנה מיט אנ'אונגעדולדיגען פעראכטענדען טאן.—כע! זי ליידען פון מיר! שעמען װאלט איהר זיך צו רעדען אזוי!

—וואס רעדסטו מיט איהר, מיט דער חצופה, האלבע ווער-טער?—האט מיט אמאל אויסגעשריען, אויפהויבענדיג זיך פון ארט דבורה.—ווען זי דען נעהמען מיט ווערטער? זאג איהר קלאר,

אַז זי זאָל צונויפנעהמען איהר בעט-געוואַנד און זאָל זיך געהן געזונטערהייד!

חנה איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט, האָט איינגעשפּאַרט די הענד אין די זייטען און, ווענדענדיג זיך צו דער אַלטער, האָט זי אויסגעשריען מיט אַ פעראַכטענדער איראָניע:

—אַי, אַי, אַי! דערשראָקען מיך אויף טויט! איהר זאָגט מיר אָב פון אָרט? נו, וואָס-זשע וועל איך נעבעך איצטער טהון? ווי רעכענט איהר, וועל איך געפונען אַן׳אַנדער אָרט? אוי! שעמען וואָלט איהר זיך אין אייער ווייטען האַלז! אַן׳אַלטע יודענע, און רעדט נאַרישקייטען ווי אַ קליין מיידעל! אָנשרעקען ווילט איהר מיך? האָט קיין מורא נישט, איך בין נישט קיין שרעקיגע!

—געה אין כּף-הקלע מיט דיין צונג, מכשפה!—האָט אויסגעשריען מיט כּעס די אַלטע, האָט אַ שפּיי געטהון אין דער זייט און שנעל אַוועק אין שלאָפצימער.

חנה האָט זיך אַ קעהר געטהון צו ברוכ׳ן און אָנגעהויבען מיט פאָרוואורף טענה׳ן:

—שעמען דאַרפט איהר זיך! איהר האָט דאָך אַליין געדאַרפט אויסרייסען די באָרד דעם אַלטען רוצח. אָנשטאָט דעם, האָט איהר זיך נאָך איינגעשטעלט פאַר זיין כּבוד!... איהר ווילט איך זאָל אַוועקגעהן פון אייך? גוט, איך וועל אַוועקגעהן! מאָרגען פריה געה איך אַוועק! ווי איך בין אַ יודישע טאָכטער! פיהרט זיך די שטוב ווי איהר ווילט, ווערט פערוואַקסען מיט בלאָטע! וואָס בין איך באמת אַזאַ נאַר? וועלכע נישטגוטע האַלטען מיך דאָ? שוין לאַנג געדאַרפט געבען דריי שפּיי און אַוועקגעהן. זאָרגט נישט, איך וועל זיך נישט וואַלגערן אויפ׳ן גאַס. באַלד אויף מאָרגען האָב איך צעהן ערטער, ווען איך זאָל נאָר וועלען.

די בעלי-הבתים האָבען דאַס גוט געוואוסט. זיי האָבען געוואוסט, אַז אַלע שכנות זענען זיי מקנא מיט אַזאַ איבערגעגעבענער דינסט ווי חנה, זיי האָבען געוואוסט, אַז מען האָט אָפט אונטערגעשיקט צו חנה׳ן מעקלערקעס, וועלכע האָבען איהר פאָרגעלעגט צוואַנציג רובל אַ יאָהר, אָנשטאָט די צוועלף, וועלכע זי

האָט בעקומען ביי ברוכ׳ן. יעדעס מאָל דערוויסענדיג זיך וועגען דעם, האָט מלכּה מורא געקריגען, אַז חנה זאָל באמת נישט אַוועקגעהן פון איהר און פלעגט אָנהויבען איהר חנפה׳נען און אָנרעדען אויף די שכנות. חנה פלעגט דאַן גראָב אַוועקטרייבען די מעקלערקעס און געמאַכט זיך נישט בעמערקען מלכּה׳ס חניפות און גוטע רייד.

ברוך האָט מיט אַמאָל פערשטאַנען, אַז ער האָט מיט זיין דראָהונג נישט דערגרייכט זיין ציעל. חנה קאָן באמת מאָרגען געפונען אַנ׳אַנדער אָרט, אַ בעסערס. ברוך האָט דערפיהלט, אַז ער פערלירט דעם מוטה און ווייס נישט וואָס צו ענטפערן חנה׳ן. דערפאַר איז חנה געוואָרען אַלץ דרייסטער.

—איך וועל פון אייך אַוועקגעהן.—האָט חנה גערעדט מיט אַ דראָהענדען טאָן.—נאָר נישט מיינט, אַז ווען איך וועל אַוועק-געהן, וועל איך אייך לאָזען טהון וואָס איהר ווילט און מאַכען דאָס יונגעל פאַר אַ קאַליקע. דאָס וועט נישט זיין! איך זאָג אייך איינמאָל פאַר אַלעמאָל: דאָס וועט נישט זיין. איך וועל געהן אין חדר און וועל פון דאָרט צונעהמען דאָס יונגעל, מעג זיך דאָרט שטעהן כאָטש אַ פאָלק סאָלדאַטען! בלוט מעג זיך גי-סען און דאָס יונגעל וועט צו דעם מלמד נישט געהן מעהר אין חדר. איהר הערט, וואָס איך זאָג אייך?

ברוך האָט פערשטאַנען, אַז דאָס זענען נישט קיין פוסטע ווערטער. דער געגנער, וועלכען ער האָט מיט אַ האַלבע שעה צוריק גערעכענט מיט איין וואָרט צו פערניכטען, איז איצט גע-שטאַנען פאַר איהם אַנ׳אומבאָהענגיגער, אַ שטאַרקער און אַנ׳-ענערגישער, אַ גרייטער אַריבערצוטראָגען דעם קאַמף אין דרויסען, אין גאַס. ברוך האָט מיט אַמאָל דערפיהלט אַ שוואַכקייט אין אַלע אברים און אַנ׳איבעל: ער איז אויפגעשפּרונגען פון שטוהל, האָט מיט כעס אַ וואָרף געטהון דאָס שטיקעל צוקער, וואָס ער האָט געהאַלטען אין האַנד און איז אַרויסגעלאָפען אין צווייטען חדר.

לייבקע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ביים וואַנד, האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו די רייד, און אין זיינע בריים-

פונאַנדערגעפּענטע אויגלעך האָט זיך אויסגעדריקט אַ ליידענ-שאַפטליכער אומעט. זיין האַרץ האָט זיך צונויפגעדריקט פון שרעק, אַז חנה וועט אַוועקגעהן. ביי איהם האָט געציטערט די אונטערשטע ליפּ און ער איז געווען גרייט יעדע מינוט פאַנאַנ-דערוויינען זיך.

נאָך ברוכ׳ס אַוועקגעהן איז חנה צוגעגאַנגען צו לייבקע׳ן און איהם גענומען פאַר׳ן האַנד.

צייט צו שלאָפען געהן!

לייבקע האָט אויפגעהויבען אויף איהר זיינע מיט טרעהרען פערלאָפענע אויגען, אין וועלכע עס האָט זיך אויסגעדריקט אַ ליידענשאַפטליכע אונרוהיגקייט.

—נו! וואָס האָסטו שוין אָנגעבלאָזען די ליפּען?—האָט אויף איהם אָנגעשריען חנה.—האָסט נישט וואָס צו וויינען, איך געה נאָך נישט אַוועק! זאָלען מיינע שונאים אַזוי לאַנג ליעגען אויף איין זייט, ווי לאַנג איך וועל נאָך פון דעם כּף-הקלע נישט אַוועקגעהן!

און האָט אַוועקגעפיהרט דאָס יונגעל אין שלאָפצימער.

## יא.

ברוך איז עטליכע מינוט אומגעגאַנגען הין און צוריק אי-בער׳ן חדר, וואוהין ער איז אַנטלאָפען פון חנה׳ן. ער איז גע-ווען שטאַרק אויפגערעגט. אין דער גאַנצער וועלט איז נישטאָ נאָך אַזאַ אונדאַנקבאַרע משפחה, ווי ביי איהם איז! אין דער גאַנצער וועלט איז נישטאָ נאָך אַזאַ אומגליקליכער מענש, ווי ער, ברוך איז.

די געדאַנקען האָבען אַרויסגערופען ביי ברוכ׳ן אַ געפיהל פון רחמנות צו זיך אַליין. און דאָס האָט איהם אַ ביסעל בערו-היגט. די טריט זענען געוואָרען לאַנגזאַמער, די געדאַנקען קלע-רער, ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און אַרויסגעקוקט אויפ׳ן גאַס. אַ רוהיגע, פער׳חלומ׳טע נאַכט האָט זיך פערשפרייט איבער

די אָרימע הייזלעך, איבער די פערשאָטענע מיט שניי קרומע געסלעך. עס איז געווען עפּעס אונענדליך טרויעריגעס און אין דערזעלבער צייט אַזוינס, וואָס האָט בערוהיגט, אין דער פער׳חלום׳טער שטילקייט, אין דעם מעלאַנכאָלישען שיין פון די שטערן און אין די שאַרף אָבגעצייכענטע שאָטענס פון די הייזער אויף דעם ווייסען גלאַנציגען שניי. ביי זיך אין וואַלד פלעגט ברוך קוקען שעה׳ן-לאַנג אויף דער אַרומיגער נאַטור, האָט זיך איינגעלעבט מיט איהר און, אונבעוואוסטזיניג, זי ליעב בעקומען. זיינע געדאַנקען האָבען זיך אָבגעשטעלט און די נשמה האָט אָנגעהויבען דורכדרינגען זיך מיט דעם רוהיגען אומעט פון דער שטילער נאַכט. ער האָט טיעף אַ זיפץ געטהון, איז פערטראַכט אָבגעגאַנגען פון פענסטער, אַ ווײַלע געשטאַנען אויף איין אָרט, ווי ער וואָלט זיך צו עפּעס צוגעהערט, און האָט זיך רוהיג אומגעקעהרט אין עס-צימער, געזעצט זיך צום טיש און געבעטען מלכה׳ן זי זאָל איהם אָנגיסען נאָך אַ גלאָז טהיי.

אין שטוב איז אַריין אַ יוד פון אַ יאָהר פערציג. נישט קיין הויכער, מיט אַ שוואַרץ רונדיג בערדעל און אַ רוהיגען אויסדרוק פון געזיכט. די שוואַרצע אויגען האָבען געקוקט קאַלט און שאַרף. דער גאַסט האָט געטראָגען אַנ׳אָנשטענדיגען פוטער, אַ קאַראַקולענעם היטעל און שטיוועל מיט הויכע גומענע קאַלאָשען. דער יוד איז אַריינגעגאַנגען לאַנגזאַם, אָבגעגעבען: אַ „גוט וואָך!״ און איז צוגעגאַנגען צום טיש.

ברוך און מלכה האָבען זיך נישט דערפרעהט מיט דעם גאַסט, נאָר זיי זענען איילינג אויפגעשטאַנען איהם אַנטקעגען. מלכה איז געווען דערשראָקען. ברוך איז בלייך געוואָרען, נאָר ער האָט זיך בעמיהט בלייבען רוהיג און אפילו אויסגעדריקט אויפ׳ן פנים אַ ליבליכען שמייכעל.

— אַ גוטע וואָך, אַ גוט יאָהר, ר׳ עקיבאַ! זיצט.

ר׳ עקיבא איז געווען דער „וואָכערניק״, פאַר וועלכען מלכה האָט אַזוי מורא געהאַט. ער איז געווען בעוואוסט אין שטאָדט אונטער׳ן נאָמען „דער שוואַרצער״, מיט וועלכען ער האָט זיך אונטערגעשיידט פון דעם צווייטען וואָכערניק דעם „גע-

לען״. דער „שוואַרצער״ און דער „געלער״ האָבען געהאַלטען אין זייערע הענד אַ האַלבע שטאָדט. יעדער אָרימער בעל־הבית, וועלכער האָט געהאַט אַ הייזעל, אַ שטיקעל ערד, אַ קרעמעל, האָט גענומען געלד ביי איינעם פון זיי, אָדער בייביידע מיט אַמאָל, און נישט איינמאָל האָט געטראָפען, אַז דער אָרימאַן פלעגט זיך דערנאָך אָבזוגענען מיט זיין ביסעל גוט׳ס.

דער „שוואַרצער״, וועלכער האָט אָנגעהויבען זיין געשעפט מיט אַ יאָהר צוואַנציג צוריק מיט עטליכע הונדערט רובל, איז איצט געווען אַ גביר פון אַ פאַר הונדערט טויזענד רובל און גע-האַט אין שטאָדט ביי טויזענד קליענטען. די שטאָדט איז ביי איהם געווען צוטיילט אויף זעקס טיילען און יעדען טאָג פלעגט ער אַרומגעהן אַנ׳אַנדער טייל. ער פלעגט געהן שטענדיג מיט אַ גרויסען לייווענטענעם זעקעל אין דער רעכטער האַנד און מיט אַ שוואַרצען רייסטער אונטערן אָרעם. ער פלעגט געהן פון הויז צו הויז, אָפטמאָל נישט דורכפעהלענדיג קיין איינס פון זיי, און פון יעדען הויז פלעגט ער אַוועקגעהן מיט אַ פולערן זעקעל. די קליענטען האָבען געוואוסט די שעה און דעם טאָג פון זיין קו-מען, איהם אָבגעוואַרט און אָבגעגעבען אַ פופציגסט הלק פון דער הלואה מיט אַ צוגאָב פון פראָצענט, 25—30 קאָפּיקעס פון רובל. דער „שוואַרצער״ פלעגט איבערצעהלען דאָס געלד, אַראָבלאָזען אין זעקעל, פערשרייבען אין ביכעל און אַוועקגעהן ווייטער. נאָר נישט ביי אַלעמען איז דאָס צוגעגאַנגען אַזוי גלאַט. אַנדערע בעלי-חובות פלעגען בעגעגענען דעם „שוואַרצען״ מיט אַנ׳אונרו-היגען געזיכט, פלעגען זיך נעהמען פערענטפערן, וואָס זיי האָ-בען נישט געקאָנט צוגרייטען דעם וואָכער; בעצאָהלט פראָצענט און געשוואוירען זיך, אַז דאָס צווייטע מאָל וועלען זיי איינ-צאָהלען פאַר צוויי וואָכען. דער „שוואַרצער״ פלעגט רוהיג אויס-הערען די פערענטפערונגען, נעהמען דעם פראָצענט, אָדער צו-שרייבען איהם צו דער קומענדיגער וואָך און זאָגען:

—נישט פערגעסט צוגרייטען אין אַ וואָך אַרום.

זיין קאַלטער טאָן האָט ווי אַ מעסער געשניטען אין האַר-צען די בעלי-חובות און זיי פלעגען זיך מיט אַלע כחות בעמיהען

צוגרייטען איהם געלד צו דער קומענדיגער וואָך. זיי האָבען זעהר גוט געוואוסט, אַז נאָך עטליכע רוהיגע הזהרות, וועט ער מיט דער זעלבער רוהיגקייט „דערלאַנגען" אין געריכט. דער „שוואַרצער" וועט קיין רחמנות נישט האָבען.

מיט צוויי יאָהר צוריק האָט ברוך געליהען ביי דעם „שוואַרצען" צוויי הונדערט רובל, מיט וועלכע מלכה האָט גע-עפענט אַ קרעמעל. דאָס קרעמעל האָט קיין פרנסה נישט גע-געבען און אין אַ יאָהר צייט האָט מען אויפגעגעסען די סחורה און די קראָם פערמאַכט. דער חוב איז אָבער געבליבען און ביי דעם „שוואַרצען" זענען געלעגען וועקסלען אויף זעקס הונדערט רובל. די ערשטע צייט האָט מלכה געצאָהלט זעהר פינקטליך די צוויי רובל מיט זעכציג קאָפּיקעס אַ וואָך, (דאָס געלד איז גע-וועזען גענומען אויף צוויי יאָהר אויסצאָהלען). אָבער אויפ׳ן צוויי-טען יאָהר האָט זי אָנגעהויבען דורכלאָזען „וואָכען". דער „שוואַר-צער" פלעגט אַלץ אָבזאָגען זיין געוועהנליכען פסוק:

—נישט פערגעסט צוגרייטען אין אַ וואָך אַרום.

אָבער אַז זי האָט איינמאָל דורכגעלאָזט צוויי וואָכען נאָכ-אַנאַנד, האָט ער צו זיין געוועהנליכער פראַזע צוגעגעבען נאָך די ווערטער:

—נישט פערגעסט, אַז איך האָב וועקסלען...

מלכה האָט זיך דערשראָקען און בעמיהט זיך אַ געוויסע צייט צו צאָהלען פינקטליך, נאָר אויף דער פינפטער-זעקסטער וואָך האָט זי ווייטער אָנגעהויבען דורכלאָזען די צאָהלונג, און דער „שוואַרצער" האָט איהר איינמאָל שוין שטרענג אַ זאָג געטהון:

—הערט: צאָהלט! ווען נישט, דערלאַנג איך די וועקסלען.

זי האָט ווייטער עטליכע וואָכען געצאָהלט פינקטליך און ווידער דורכגעלאָזען אַ וואָך־צוויי. דאָס מאָל האָט דער „שוואַר-צער" שוין גאָרנישט געזאָגט, אפילו קיין אַ גוטען טאָג, ער האָט זי נאָר דורכגענומען מיט זיינע קאַלטע אויגען, איז אַוועק און זיי וואָכען נישט געקומען.

מלכה האָט געוואַרט אויף ברוכ׳ס קומען. זי האָט בעשטימט

אַוועקצוטראָגען צום „שוואַרצען״ אַהיים פּאַר עטליכע וואָכען מיט אַמאָל. ס׳ווייזט אויס, אַז דער „שוואַרצער״ האָט אויך געוואַרט אויף ברוכ׳ס קומען. זיין אַריינקומען איצט, אין דער נישט בע-שטימטער צייט, האָט זעהר איבערגעשראָקען ברוכ׳ן און מלכה׳ן.

דער „שוואַרצער״ האָט אַוועקגעלעגט אויפ׳ן טיש זיין רייי-סטער, האָט זיך צוגעזעצט און געזאָגט רוהיג און זאַכליך:

—כ׳בין געקומען בערעכענען זיך מיט אייך, מיר קומט נאָך אַרויס פון אייך אַ ביסעל געלד...

ער האָט פאַנאַנדערגעעפענט דעם רייסטער מיט די פּאַר-שמאָלצענע אויסגעבויגענע ברעגעס, האָט אויפגעזוכט אַ זייטעל וואו עס איז געווען ברוכ׳ס רעכנונג, אָנגעוויזען אַהין מיט׳ן פינגער און מיט׳ן בליק אַ רוף געטהון ברוכ׳ן ער זאָל צוגעהן. ברוך איז ווי אַ פער׳משפט׳ער צוגעגאַנגען צום טיש און אַריינ-געקוקט אין רייסטער, נישט זעהענדיג וואָס דאָרט שטעהט.

—איהרדר זעהט,—האָט געזאָגט דער „שוואַרצער״,—דאָ איז פערשריבען, אַז איהר האָט איינגעצאָהלט פּאַר 79 וואָכען, עס בלייבט נאָך 21. צו צוויי רובל מיט זעכציג קאָפּיקעס, מאַכט עס אויס 54 רובל מיט 60 קאָפּיקעס. איך פאָדער, אַז איהר זאָלט מיר גלייך בעצאָהלען דאָס גאַנצע געלד.

—79 וואָכען?—האָט זיך ברוך געווענדעט מיט אַ פראַגע צו מלכה׳ן, נישט אַזוי פיעל כדי קלאָר צו מאַכען דעם רעכנונג, ווי כדי צו געוואונען אַ ביסעל צייט און קומען צו זיך.

—יאָ,—האָט געענטפערט מיט אַ זיפץ מלכה.

ברוך איז אויפגעשטאַנען פון אָרט, אַוועק אין שלאָף-צי-מער, האָט זיך באַלד אומגעקעהרט צוריק און אַוועקגעלעגט אויפ׳ן טיש פּאַר דעם וואָכעניק פינף רובל מיט צוואַנציג קאָפּיקעס.

—אָט איז אייך, ר׳ עקיבא, פּאַר צוויי וואָכען...—האָט ער אָנגעהויבען מיט אַ ציטערדיגען קול.—פון איצט אָן וועל איך, אי״ה, צאָהלען אייך פינקטליך יעדע וואָך.

—איך וועל ביי אייך נישט געהמען אפילו פּאַר פינף וואָ-כען.—האָט געענטפערט רוהיג דער „שוואַרצער״ און אַ גלעט גע-טהון זיך דעם שטערן.—איהר מוזט מיר איצט איינצאָהלען דעם

גאַנצען חוב ביז איין קאָפּיקע. איך האָב געוואָרט, וויפיעל איך האָב געקאָנט, מעהר וועל איך איין טאָג נישט וואַרטען.

—ר׳ עקיבא!—האָט אויסגעשריען מיט פערצווייפלונג ברוך.—איך שווער אייך, ווי מיר האָבען היינט שבת אויף דער גאַנצער וועלט, אַז איך וועל אייך בעצאָהלען ביז דעם לעצטען גראָשען! איך שווער אייך אויף מיין יודישקייט, אַז פון בעל-הבית קומט מיר פערציג רובל. אין צוויי וואָכען אַרום קומט ער פון ריגאַ, וועל איך ביי איהם בעקומען דאָס געלד און, זאָל איך אַזוי זיין געזונד, ווי איך ברענג אייך צוטראָגען די גאַנצע פערציג רובל!

—די הבטחות זענען מיר שוין בעקאַנט.—האָט געענטפערט מיט פעראַכטונג דער „שוואַרצער".—מעהר וואַרטען קאָן איך נישט. איך האָב דאָך נאָך מיט אַ חדש צוריק געזאָגט אייער ווייב, אַז איך וועל דערלאַנגען די וועקסלען. וואָס האָט זי געמיינט, אַז איך טרייב קאַטאָוועס? און געדענקט, ווען איך וועל דערלאַנגען די וועקסלען, וועט איהר בעצאָהלען שוין נישט 54 רובל, נאָר פיעל, פיעל מעהר. ביי מיר זענען אייערע וועקסלען אויף 600 רובל. אייער הויז איז ווערט דאָס געלד.

—גוואַלד, ר׳ עקיבא, וואָס רעדט איהר!—האָט אויסגעשריען ברוך מיט פערצווייפלונג.—פאַרוואָס ווילט איהר מיך שטעלען בדלות, וואָס האָט איהר צו מיר?... איך שווער אייך ביי ווייב און קינדער, אַז אין עטליכע וואָכען אַרום וועל איך אייך בע-צאָהלען דעם גאַנצען חוב. האָט רחמנות! מיר זענען דאָך יודען! נו, ס׳האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז מיר האָבען דורכגעלאָזען עטלי-כע וואָכען...

—נישט עטליכע, נאָר 24 וואָכען האָט איהר דורכגעלאָ-זען,—האָט איהם אָבגעשטעלט טרוקען דער „שוואַרצער".—אייער חוב האָט געדאַרפט זיין אויסגעצאָהלט נאָך מיט דריי וואָכען צוריק. אויב איהר וועט מאָרגען מיר נישט ברענגען דאָס געלד, וועל איך מאָנטאָג דערלאַנגען די וועקסלען... אַ גוטע נאַכט!

און ער האָט זיך אויפגעהויבען און אַוועק צו דער טהיר.

—וואַרט אַ ווײַלע, ר׳ עקיבא!—האָט זיך אַ וואָרף געטהון צו איהם ברוך.—הערט אויס, וואָס איך וועל אייך זאָגען...

דער „שוואַרצער" האָט זיך אָבגעשטעלט ביי דער טהיר און אַרויסגערעדט קאַלט:

— הערען קאָן מען אַ גאַנצע נאַכט, נאָר עס איז נישטאָ וואָס צו הערען. איך ווייס פאָראויס, וואָס איהר וועט מיר זאָגען. איך דאַרף האָבען נישט קיין רייד, נאָר געלד.

און איז אַרויס פון שטוב.

ברוך און מלכה זענען געבליבען אויף זייערע ערטער ערשיטערטע און דערשלאָגענע. זיי האָבען געקענט דעם „שוואַרצען" און האָבען געוואוסט, אַז ער וועט קיין רחמנות נישט האָבען, ער וועט דערלאַנגען די וועקסלען און דאָס הויז וועט ווערען פערקויפט.

דאָס הויז, די נעסט! וועלכע איז געשאַפען געוואָרען מיט אַזוי פיעל מיה און מסירת נפש. ברוכ׳ס איינציג פערמעגען, מיט וועלכען ער האָט שטאָלצירט און אין וועלכען ער האָט געפונען אַ טרייסט. איז עס מעגליך, אַז אָט דאָס הויז וועט מיט אַמאָל ווערען ביי איהם אַוועקגענומען און ער, ברוך, וועט דאַרפען געהן זוכען אַ דירה?... ניין! ברוך האָט אפילו נישט געקאָנט אַרומנעהמען מיט׳ן מח די גאַנצע שרעק פון אַזאַ אומגליק און ער מיט מלכה׳ן זענען געבליבען זיצען ביים טיש, ווי פערגליווערטע.

אַלע געשעהענישען פון די לעצטע טעג זענען מיט אַמאָל פערגעסען געוואָרען. ווען זיי וואָלטען אַרויף אויפ׳ן זינען, וואָלטען זיי זיך אויסגעוויזען, ווי קליינינקע און אונבעמערקטע, אין פערגלייך מיט דעם גרויסען אומגליק, וואָס איז מיט אַמאָל אַראָבגעפאַלען אויף ברוכ׳ס קאָפּ.

ברוך איז אַ ביסעל געקומען צו זיך און, נישט אויפהויבענדיג דעם קאָפּ, אַרויסגערעדט מיט פערצווייפלונג:

— וואָס טהוט מען? וואָס טהוט מען? סיידען געהן צום „געלען"? נאָר ווען ער וועט אפילו געבען אַ הלואה, וועט דאָס אַרויסקומען נישט פריהער, ווי אין צוויי-דריי וואָכען אַרום... געדאַרפט איהם אָבגעבען די גאַנצע פופצעהן רובל וואָס איך האָב געבראַכט, — האָט ער צוגעגעבען מיט אַ זיפץ.

—דאָס וואָלט אויך נישט העלפען...—האָט מלכה פערוויינט אַרויסגעשטאָמעלט.

ברוך האָט אויך געוואוסט, אַז דאָס וואָלט נישט געהאָלפען. נאָר פונדעסטוועגען זענען איהם געווען בעוואוסט עטליכע פאַלען, ווען דער „שוואַרצער" האָט געגעבען אַ הנחה, האָט איינגעשטימט אָבצוּוואַרטען אַ פּאָר וואָכען, אפילו אַ חדש. דער „שוואַרצער" האָט געהאַט זיינע שוואַכקייטען, מען האָט נאָר געדאַרפט וויסען, ווי צו איהם צוצוטרעטען: צו איהם האָט מען געדאַרפט צושטעהן אַזוי לאַנג, ביז ער וועט אַרויס פון די כלים און וועט אָנהויבען שרייען און זידלען-זיך, דעמאָלט האָט מען געקאָנט ביי איהם עטוואָס פּועל'ן. נאָר אַרויספיהרען איהם פון די כלים איז געווען נישט פון די לייכטע זאַכען. דערצו האָט מען געדאַרפט צו איהם צושטעהן פון אינדערפריה, נישט לאָזען איהם צו-רוה, נאָכגעהן איהם, ווי אַ שאָטען; אין שוהל, אין גאַס, וואַרטען אויף איהם ביי די טהירען פון די בעלי-חובות. מען האָט געדאַרפט אָהן אַנ'אויפהער רעדען, בעטען, טענה'ן, שרייען, צוזאָגען, שווערען זיך און נישט אָבשטעהן פון איהם, ביז ער וועט נישט געבען דעם ערשטען געשריי.

ברוך האָט געפיהלט, אַז דאָס אַלץ איז נישט נאָך זיינע כחות נאָך, אַז ער וועט נישט געפונען ביי זיך קיין מוטה און קיין ווערטער אויסצופיהרען דאָס אַלץ.

נאָך עטליכע מינוט איז ער געזעסען מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, נאָכדעם האָט ער שוואַך אַרויסגערעדט:

—געה, רוף חנה'ן... זאָל זי אַנ'עצה געבען... אפשר וועט זי מאָרגען אינדערפריה אַריבערגעהן צו איהם...

מלכה האָט זיך אויפגעהויבען און מיט שוואַכע טריט אַוועק אין קיך צו חנה'ן.

# מענדעל טערק

# מענדעל טערק.

## א.

דעם זומער און הערבסט פון 1877, בעת׳ן רעכטען ברען פון דער רוסיש-טערקישער מלחמה, האָב איך זיך געפונען אין איינער פון די פערוואָרפענע ליטווישע שטעדט, וואו איך האָב געגעבען לעקציעס און געלעבט גאַנץ איינזאַם.

איינמאָל, אַרום האַלבען טאָג, אומקעהרענדיג זיך אַהיים פון אַ לעקציע, האָב איך דערזעהן אַ בילד, פון וואָס איך האָב זיך פערוואונדערט אָבגעשטעלט ביי דער טהיר. אַן׳אונבעקאַנטער יונגערמאַן, אָהן אַ ראָק אין אַ יאַרמולקע, איז געשטאַנען אין הויף אַריינגעקוקט דורכ׳ן פענסטער צו מיר אין צימער און, אָנלעהנענדיג זיך מיטביידע הענד אויפ׳ן טיש, געלעזען אויפמערקזאַם די רוסישע צייטונג, וואָס איז דאָרט געלעגען. ווי נאָר איך האָב זיך אָבגעשטעלט, האָט ער אונרוהיג אויפגעהויבען דעם קאָפּ, אַ ציטער געטהון, געשווינד אַרויסגעכאַפּט זיך פון פענסטער און געבליבען שטעהן אויפ׳ן אָרט צומישט און שטאַרק פערשעמט.

—אַך!... נעהמט נישט פאַר אומגוט!...—האַט ער אַנגעהו-

בען שטאַמלען מיט אַ שולדיגען שמייכעל אויף די ליפּען.—איך האָב דאָ ביי אייך, חס ושלום, גאָרנישט געריהרט... פאַרבייגע-גאַנגען, בעמערקט דאָס בלאַט, געכאַפּט פון ווייטען אַ וואָרט, האָב איך נישט געקאָנט ביישטעהן דעם נסיון און בין צוגעגאַנ-גען... דאָס פענטער איז געווען אָפען...

איך האָב איהם גענומען בערוהיגען און פאָרגעלעגט די צייטונג.

—אַ דאַנק! אַ גרויסען דאַנק!—האָט ער געענטפערט האַר-ציג, נאָך נישט אינגאַנצען קומענדיג צו זיך.—עס האָט מיך פער-אינטערעסירט אַנ׳ענין... אַ טיעפער ענין!

—וואָס האָט אייך אַזוי פעראינטערעסירט? וועגען וואָס האָט איהר געלייענט?

—וואָס האָט מיך פעראינטערעסירט? וואָס קאָן איצט פער-אינטערעסירען אַ בלאַט? וועגען וואָס שרייבט מען איצט אין בלאַט? מלחמה, פּאָליטיק, פערשטעהט זיך...

—איהר אינטערעסירט זיך מיט פּאָליטיק?

דער יונגערמאַן האָט אויף מיר געוואָרפען אַ פאָרשענדען בליק און אַראָבגעלאָזט די אויגען.

—כע...—האָט ער זיך אָבגערופען אונבעשטימט, נאָר באַלד צוגעגעבען:

—וואָס הייסט, צי איך אינטערעסיר מיך מיט פּאָליטיק? און ווער אינטערעסירט זיך נישט מיט פּאָליטיק?... אין אַ גע-וועהנליכער צייט איז, פערשטעהט זיך, נישט כדאי אַוועקגעבען דערויף די צייט. אָבער איצט, בעת מלחמה, איז גאָר עפּעס אַנ-דערש... איצט איז פּאָליטיק אַ גרויסע זאַך!

דער יונגערמאַן האָט מיך אָנגעהויבען אינטערעסירען און איך האָב איהם פערבעטען צו זיך אין צימער.

—איך וואָלט מיט׳ן גרעסטען פערגעניגען אַריינגעהן צו אייך, נאָר איצט איז נישט קיין צייט,—האָט ער געענטפערט,— די קינדער וועלען באַלד קומען פון וואַרמעס.

איצט האָב איך פערשטאַנען, ווער דער יונגערמאַן איז. אויף דעם הויף, וואוהין עס איז אַרויסגעגאַנגען דאָס פענסטער

פון מיין צימער, אין אַנ׳אַלט הייזעל, האָט זיך געפונען אַ חדר, פון וואַנען עס האָט זיך פון דערפריה ביז שפעט ביינאַכט געטראָגען אַ גוואַלד פון קינדערשע קולות. איך האָב אָפט געזעהן דאָרינקע, אַרומגעריסענע יונגלעך, וואָס זענען אַרומגעלאָפען איבער׳ן הויף ווי דערשראָקענע מייזלעך. אָבער דעם מלמד איז מיר נישט אויסגעקומען צו זעהן. איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר מיר האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז דאָס איז אַנ׳אַלטער מאַן מיט אַ בייזען פנים. דער מלמד, וואָס איז געשטאַנען פאַר מיר, איז געווען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר 28, מיט איידעלע געזיכטסשטריכען און אַ קליין שוואַרץ בערדעל. דער טיעפער פערטראַכטער בליק פון די גרויסע שוואַרצע אויגען האָט צוגעגעבען דאָס געזיכט אַנ׳אויסדרוק פון בעזונדער ערנסטקייט. די סאַמעטענע יאַרמולקע, לאַנגע געקרייזעלטע פאות און דאָס בערדעל, זענען געווען ווי אַ פאַסענדע שוואַרצע ראַם פאַר דעם געזיכט.

געטראַכט אַ וויילע, האָט ער זיך דערנאָך אָבגערופען:

—אָט, אין אָוונד, אויב איהר זענט נישט פערנומען, וואָלט איך אַריינקומען צו אייך... איך וועל זיך מודה זיין, אַז איך גאַר שוין לאַנג זיך דורכריידען מיט אַזאַ מענשען, ווי איהר... זאָגט, איך בעט אייך: איהר לייענט דאָס בלאַט יעדען טאָג, טאַקע יעדען טאָג?

—יאָ, יעדען טאָג.

דער מלמד האָט אַ קוק געטהון אויף מיר מיט אַנ׳אויסדרוק פון טיעפער קנאה.

—אָט דאָס, פערשטעה איך!—האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ זיפץ.—אַזאַ לייענען האָט אַ טעם, האָט אַ ממשות.

—און איהר, ווי לייענט?

—ווי לייען איך!—איך כאַפּ פון ווינד, נישט איך לייען. אַמאָל אין צוויי וואָכען טרעפט זיך צו בעקומען אַ בלאַט „הלבנון" קאָן דאָס געבען עפעס אַ השגה? די איבריגע צייט קומט אויס צו בענוגענען זיך מיט די „טעלעגראַמען", וואָס זענען פונאַנדערגעקלעבט אין מאַרק, מיט אַ וואָרט, וואָס מען כאַפּט פון דעם,

פון יענעם, מיט אייגענע סברות... אָבער דאָס איז דאָך אָהן אַ פונדאַמענט.

איך האָב איהם איינגעלאַדען צו זיך אין אָווענד.

## ב.

שפעט אין אָווענד, ווייזט אויס, גלייך פון חדר, איז צו מיר געקומען דער מלמד. איצט האָט ער געטראָגען אַ לאַנגען ראָק און אַ סאַמעטען היטעל.

—גוט'ן אָווענד!—האָט ער מיך בעגריסט, נישט דערלאַנגענדיג די האַנד און געבליבען שטעהן אין מיטען צימער.

איך האָב איהם געבעטען זיצען. ער האָט זיך פּאַמעלעך געזעצט, גענומען אַרומקוקען דאָס צימער און אָבגעשטעלט דעם בליק אויפ'ן שראַנק מיט ביכער. ער האָט גלייך תופס געווען, אַז די ביכער זענען נישט קיין יודישע און געקוקט אויף זיי מיט אַ פערוואונדערונג.

—איז עס דורכאויס גוי'אישע ביכער?

—כמעט אַלע... רוסישע, דייטשע...

—וואָס-זשע?...—האָט ער אָנגעהויבען אונבעשטימט,—וואָס איז אין זיי? וועגען וואָס?... אַלץ „זאַקאָנעס" גראַמאַטיקעס?...

מיך האָט די שאלה נישט פערוואונדערט און איך האָב גענומען ערקלערען מיין גאַסט, אַז חוץ „זאַקאָנעס" און „גראַמאַטיקעס" זענען דאָ אין רוסיש און אַנדערע שפּראַכען אויך אַנדערע ביכער—ערצעהלונגען, שירים, וויסענשאַפטליכע ביכער, וועגען פילאָזאָפיע...

—ווי זאָגט איהר: פילאָסופיאַ? אפילו וועגען פילאָסופיא וועגען אויך דאָ ביכער אין רוסיש?—האָט ער זיך שטאַרק פערוואונדערט און, שוין מיט מעהר אַכטונג, אַ בליק געטהון אויפ'ן שראַנק.

נאָר באַלד האָט ער זיך בערוהיגט און מיט אַ שמייכעל פון בטול צוגעגעבען:

—נו, לאָמיר רעכענען, אַז פּילּיסופיא. איז וואָס איז דאָרט? די מעשה דערפון איז דאָך אַזוי: איז דאָרט דאָ עפּעס אַ טיעפע חכמה, אַ חקירה—איז עס געגומען, פערשטעהט זיך, פון דער גמרא אָדער פון רמב״ם...

—אָט, זעהט איהר, פּאָליטיק, דאָס איז שוין גאָר אַנ׳אַנ-דער זאַך.—האָט ער אָנגעהויבען מיט אַנ׳אַנדער טאָן.—פּאָליטיק, דאָס איז אַ בעזונדער מין חכמה, וואָס האָט זיך איהר דרך און דערצו זענען מסוגל אפילו די אומות העולם אויך. אָט, למשל, ביסמאַרק. דאָס איז דאָך אַ קאָפּ! אַ גאונ׳ישער קאָפּ!... אמת, ביקסנפעלד*) איז העכער פון איהם, טיעפער. איז ער דאָך דער-פאַר אַ יוד, איז דאָך אויף איהם קיין חדוש נישט.

אַ ווײלע איז ער געזעסען שווייגענדיג און פערטראַכט גע-קוקט אויף דעם גלאָז טהיי, וואָס איך האָב איהם דערלאַנגט און וואָס ער האָט, ווייזט-אויס, אפילו נישט בעמערקט.

—פערשטעהט איהר מיך,—האָט ער זיך מיט אַמאָל אָנגע-רופען ענטשיעדען און אָבגערוקט דאָס גלאָז טהיי, ווי ער וואָלט דאַרפען האָבען פאַר זיך אַ פרייען אָרט,—איך וויל זיך דורכ-שמועסען מיט אייך וועגען דער מלחמה, אָבער דורכשמועסען זיך, ווי עס געהער צו זיין.

ער האָט זיך שטאַרקער אַ זעץ געגעבען אויפ׳ן שטוהל, אָנגעלעהנט זיך מיט די הענד אויפ׳ן טיש און אָנגעהויבען לאַנג-זאַם און ערנסט:

—יעדע זאַך אין דער וועלט האָט איהר יסוד, איהר תּוכן, איהר העכסטען פּינטעל. כּדי צו קאָנען ריכטיג תּופס זיין אַ זאַך, מוז מען דערין אָבזוכען אָט דעם יסוד, אָט דאָס פּינטעל. עס פערשטעהט זיך, אַז די מלחמה האָט אויך איהר פּינטעל, אַרום וועלכען אַלץ דרעהט זיך. איז בעט איך אייך, ערקלערט מיר, און איך וועל אייך אויסהערען מיט אַ קלאָרען קאָפּ: אין וואָס בעשטעהט דער תּוכן, דאָס פּינטעל פון דער איצטיגער מלחמה?.. בעמערקענדיג, אַז איך וויל איהם עפּעס ענטפערן, האָט

---

*) ביקאָנספעלד

ער זיך אַ כאַפּ געטהון און אויסגעשטעלט מיר אַנטקעגעןביידע הענד מיט'ן האַנד-פלאַך פאָראויס, ווי ער וואָלט וועלען פער-שטעלען מיינע ווערטער:

—וואַרט אַ ווײַלע, איך בעט אייך! וואַרט!—האָט ער אויס-געשריען, איך האָב געזאָגט: אַ „פּינטעלע״. מען דאַרף דאָך אָבער קלאָר מאַכען, וואָס פּינטעל, ווען פּינטעל? וואָס הייסט, דאָס פּינ-טעל פון דער איצטיגער מלחמה? דאָס הייסט, די סבה, איבער וועלכער זי האָט זיך אָנגעהויבען און פיהרט זיך. אין וואָס-זשע בעשטעהט די סבה? אָט דאָ זענען מיר צוגעקומען צום רעכטען ענין. נעהמט אַ בלאַט, וואָס פאַר אַ בלאַט איהר ווילט, און קוקט אַהין אַריין. וואָס וועט איהר דאָרט געפינען? איהר וועט דאָרט געפינען איין וואָרט: „סלאַווען״. דער „רוס״ איז זיך מוסר-נפש און פערגיסט טייכען בלוט, כדי צו בעפרייען פון טערקישען יאָך זייגע ברידער, די סלאַווען. הייסט עס, אַ מין גואל צדק. נו, איז דאָך גוט! שען! מען דאַרף נישט בעסער! קומען אָבער הולטאַ-יעס, עזות פנימ'ער און זאָגען: דעם רוס געהען-אָן די סלאַווען פונקט, ווי דער פאַראַיאָהריגער שניי. אלא, וואָס דען? פשוט, דער רוס וויל פערכאַפּען ביים מערק זיינע ביידע ימ'ען: דעם באָספאָר און דעם דאַרדאַנעל, און די סלאַווען זענען דערביי נישט מעהר, ווי אַנ'אויסרייד... מיינט איהר, דאָס איז שוין אַלץ? ניין! קומט נאָך אַ „יש אומרים״ און זאָגט: נישט דער רוס, נישט דער טערק ווייסען ביידע נישט אויף וואָסער וועלט זיי זענען. ענגלאַנד פיהרט זיי ביידע פאַר דער נאָז. דאָס האָט זי זיי אָנ-געררייצט איינעם אויפ'ן אַנדערן, זיי זאָלען זיך רייסען ווי די העהנער. און אַז ביידע וועלען ליעגען שוין אָהן כחות, וועט זי דעמאָלט קומען און מאַכען פון זיי אַ תכלית. נו, איז, פרעג איך אייך, וועמען גלויבט מען? עס פערשטעהט זיך, מען דאַרף האָ-בען אַנ'אייגענעם קאָפּ אויף די פּלייצעס. אָבער כדי צו שטעלען זיך אויפ'ן גלייכען וועג, דאַרף מען האָבען פאַר זיך אַנ'אָפענע וועלט. און דאָ הויבט זיך טאַקע אָן מיין בקשה צו אייך...

—דהיינו?

—גאָר פשוט: דערצעהלט מיר פון אָנהויב אָן די גאַנצע

פאָליטיק, וואָס האָט זיך פריהער געפיהרט צווישען דעם רוס מיט׳ן טערק.

„פון אָנהויב אָן״. דאָס איז נישט גאָר אַזוי פשוט געווען, ווי עס האָט זיך געדוכט מיין גאַסט, וועלכער האָט אפילו נישט געוואוסט, אַז רוסלאַנד האָט פריהער אויך געפיהרט מלחמות מיט טערקיי. פונדעסטוועגען האָב איך גענומען דערצעהלען, קלאָר מאַכען איהם, וואָס פאַר אַ מלוכה טערקיי איז געווען פריהער, אָן וואָס איהרע אינטערעסען האָבען זיך צוזאַמענגעשטויסען מיט די אינטערעסען פון רוסלאַנד א. אַ. וו. מיין גאַסט האָט מיך אויסגעהערט מיט אַנ׳אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט. ער איז געזעסען מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, נאָר פון צייט צו צייט אָנגעשטעלט אויף מיר אַ שאַרפען, ערנסטען בליק. ווען איך האָב געענדיגט, איז ער אַ ווײַלע געזעסען אונבעוועגט, ווי זיך אַריינ-טראַכטענדיג גוט אין מיינע ווערטער.

—איך מוז אייך זאָגען—איהר האָט מיר די אויגען גקעע-פענט—האָט ער זיך אָבגערופען שטיל מיט אַ רוהיגער מינע, נאָר מיט אינערליכער התלהבות—איהר האָט מיר די אויגען געעפענט. איצט זעה איך פאַר זיך אַנ׳אָפענע וועלט, איך זעה אַ דרך, אַ גאַנג. מיר קומען אין זינען גאָר נייע סברות...

ער האָט זיך מיט אַ מאָל ווי אינגאַנצען בערוהיגט, גענו-מען אַ שטיקעל צוקער, איינגעטונקט עס אין טהיי, געמאַכט אַ ברכה און גענומען טרינקען זיין קאַלטע טהיי. ענדיגענדיג דאָס טרינקען האָט ער בעדאַנקט און גלייך ווידער צוגעטראָטען צום געשפּרעך:

—ווי איך האָב תופס געווען פון אייערע ווערטער, זענט איהר אויך נוטה צו דער סברא, אַז דער רוס האָט דאָ אין זי-נען זיינע סלאַווען, די באָלגאַרען און די סערבען. איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, מיר לעגט זיך דאָס נישט אויפ׳ן שכל. מיר קומט דאָס אויס פשוט ווילד. פאָניע זאָל זיך פאַר ווע-מען עס איז איינשטעלען!

זעהענדיג, אַז איך וויל איהם ענטפערן, האָט ער שנעל צוגעגעבען:

—אָבער לאָזען מיר דאָס. זאָל זיין, ווי איהר זאָגט! דער תּוכן איז נישט אין דעם. אָבער ווי איך האָב פערשטאַנען פון אייערע רייד, האַלט איהר, אַז דער רוס איז מנצח. אָט דאָס, זעהט איהר, דאָס קאָן איך שוין גאָרנישט פערשטעהן! שוין-זשע רעכענט איהר באמת, אַז דער רוס וועט מנצח זיין?

—איך בין זיכער דערין.

—נו, הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגען!—האָט זיך דער מלמד אָבגערופען מיט אַ זעהר זיכערן קול,—עס פערשטעהט זיך, אז אַלע דרכים פון דער מלחמה מיט דער פּאָליטיק ווייסט איהר אַ סך, אַ סך בעסער פון מיר. אָבער איהר מעגט מיך רופען נאַר, איהר מעגט מיך רופען עזות פנים, נאָר איך פערזיכער אייך, אַז מנצח זיין וועט דער טערק! פאַר מיר איז דאָס קלאָר, ווי דער טאָג. און וואַרט נאָך אַ וואָך, נאָך אַ וואָך, וועט איהר שוין זעהן, אַז איך בין גערעכט.

און ווי ער וואָלט מורא האָבען, איך זאָל איהם נישט נעהמען דערווייזען, אַז ער האָט אַ טעות, האָט ער שנעל פער-שפּילעט דעם בגד, אָבגעזעגענט זיך און איז אַוועקגעגאַנגען. ביי דער טהיר האָט ער נאָך ווי פאַר זיך אַרויסגערעדט מיט פער-אַכטונג:

—כע! פאָניע וועט מנצח זיין! און ועמען?—דעם טערק!

## ג.

אויף מאָרגען פריה, ווען איך בין געזעסען ביי דער טהיי, איז צו מיר אַריין דער הויז-ווירטה, איינער פון יענע אונגליק-ליכע פּאַרשוינען, וואָס פערברענגען דאָס גאַנצע לעבען הינטער דעם ווייב׳ס רוקען. אַנ׳אַלטיטשקער, דאַרער יוד, אַ שטילער און אַ דערשלאָגענער. ביי זיך אין הויז האָט ער זיך געפיהלט ווי אַ פרעמדער. דאָס ווייב זיינס, די דריטע, פיעל יונגער פון איהם, אַנ׳ענערגישע און אַ דעספּאָטישע, איז געווען די גאַנצע הערשע-רין אין שטוב. אַוועקגעהענדיג אין קראָם, פלעגט זי אַלץ לאָזען

אונטער׳ן שלאָס, נישט אַזוי אָבגעהיט פון מאַן, ווי פון דער דיענסט (קיין קינדער זענען ביי זיי נישט געווען). זי פלעגט אָפט פערגעסען איבערלאָזען דעם מאַן די פּאָר שטיקלעך צוקער צו דער טהיי. נישט זעלטען פלעגט זי פערגעסען צו געבען איהם די בעשטימטע צוויי גראָשען אויף שמעק-טאַבאַק, אָהן וואָס ער פלעגט אַרומגעהן, ווי אַ „געקוילעטע גאַנז". בכלל האָט זי זיך ווייניג צערעמאָניעט מיט איהם, האָט אויף איהם אָפט געשריען אין דעם זעלבען נוסח, ווי אויף דער דיענסט. אַ שטיקעל דרך-ארץ האָט זי געפיהלט צו איהם נאָר שבת און יום-טוב, ווען זי פלעגט דאַרפען אָנקומען צו זיין קדוש, הבדלה וכדומה.

אַ גאַנצען טאָג האָט זיך דער אַלטער אומגעבלאָנקעט אי-בער דער שטוב, אָדער פלעגט געהן „זיצען" אין בית-המדרש. די ערשטע צייט האָט ער מיך אויסגעמיטען, פלעגט מיך בעגע-גענען מיט אַ דערשראָקענעם בליק און געאיילט מיר אָבטרעטען דעם וועג. נאָר ביסלעכווייז האָט ער זיך צוגעוועהנט צו מיר און אפילו אָנגעהויבען אַמאָל אַריינגעהן צו מיר, אויסטרינקען אַ גלאָז טהיי אָדער לייהען אַ פּאָר גראָשען אויף טאַבאַק. שטענדיג אָבער פלעגט ער דיפּלאָמאַטיש פערמאַסקירען דעם ציעל פון זיין וויזיט, איידער צוטרעטען צו דער הלואה, פלעגט ער מיט אַלע-רליי זייטיגע וועגען אויספרעגען מיך, צי איך האָב שוין בע-צאָהלט דעם רובל דירה-געלד—אַ פראַגע, וואָס האָט איהם גע-קאָנט אינטערעסירען נאָר טעאָרעטיש, ווייל דאָס ווייב האָט איהם נישט צוגעלאָזט צו קיין שום געלד-ענינים.

דאָס מאָל איז ער אויך אַריין צו מיר מיט עפּעס אַנ׳אויס-רייד. ער האָט כלומר׳שט געזוכט די קופּערנע קוואָרט.

איך האָב גוט געוואוסט, אַז געקומען איז ער צו מיר, איך זאָל איהם מכבד זיין מיט אַ גלאָז טהיי און אַז די קוואָרט שטעהט זיך אויף איהר געוועהנליכען אָרט אין קיך, אויף דעם פּאַס וואַסער. נאָר אַזוי ווי אַזאַ הקדמה איז געווען נויטיג, האָב איך שווייגענדיג אַ קוועטש געטהון מיט די אַקסלען: איך ווייס אַליין נישט, וואו די קוואָרט איז, און גלייך נאָכדעם, ווי פּאַר-בייגעהענדיג, אַ זאָג געטהון:

—אפשר וועט איהר, ר׳ בער, טרינקען אַ גלאָז טהיי?

—האַ?... וואָס?...—האָט דער אַלטער איבערגעפרעגט, מאַכענדיג זיך, אַז ער האָט נישט דערהערט מיינע ווערטער.

—איך פרעג,—האָב איך איבערגעחזר׳ט,—אפשר וועט איהר אַמאָל אין אַ שמיטה אויסטרינקען ביי מיר א גלאָז טהיי?

—טהיי?—האָט זיך דער אַלטער פערוואונדערט און געמאַכט אַזאַ פנים, ווי ער וואָלט נאָר-וואָס בעמערקען, אַז איך זיץ ביים סאַמאָוואַר—ניין! אַ דאַנק! עס ווילט זיך נישט! אָקאָרשט געטרונקען!—האָט ער קאַטעגאָריש זיך אָבגעזאָגט.

דאָס איז אַריין אין פראָגראַם. איצט האָב איך געדאַרפט אָנהויבען איהם איינרעדען, בעטען איהם.

—קיינמאָל קאָן מען ביי אייך זיך נישט דערבעטען אויסטרינקען אַ גלאָז טהיי—האָב איך זיך בעליידיגט.—וואָס איז ביי מיר, חס ושלום, טריפה׳נער טהיי, וואָס איהר ווייכט אויס צו נעהמען עס אין מויל?

—וואָס רעדט איהר! גאָט איז מיט אייך!—האָט דער אַלטער אויסגעשריען דערשראָקען.—טריף! וואָס עפּעס טריף? וואָס אייך קאָן איינפאַלען! גלאַט, עס ווילט זיך נישט קיין טהיי, גאָר-וואָס געטרונקען. נאָר... אַז איהר ווילט דוקא, איך זאָל טרינקען—מילא, גיסט-אָן אַ גלאָז, וועל איך זיך אָנטהון אַ כח...

אַלץ איז געגאַנגען ווי עס געהער צו זיין, לויט׳ן נוסח, און דער אַלטער האָט זיך געזעצט צום טיש.

—זאָגט מיר, ר׳ בער, וואָס פאַר אַ מענש איז דער מלמד, וואָס קנעלט דאָ אין הויף?—האָב איך אַ פרעג געטהון.

—ווער?... מענדעל טערק?—האָט מיין גאַסט אַרויסגערעדט געאיילט, אָבברייסענדיג די ליפען פון טאַס און אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פערוואונדערטען בליק.—וואָס הייסט: וואָס פאַר אַ מענש? אַ מענש! אַ יונגערמאַן!... אַ פרומער יונגערמאַן, אַ חסיד... אַ למדן... אויב איהר ווילט, אפילו אַ מופלג, אַ חריף.

—ווי האָט איהר איהם אָנגערופען? טערק? וואָס איז דאָס, די פאַמיליע זיינע אַזאַ?

—וואו פאַמיליע! הע!—האָט דער אַלטער אַ שמייכעל גע-

טהון.—אט פטור גאָרנישט! אין שוהל האָט מען איהם געגעבען אַ צונעמעניש „טערק״, ווייס איך, רוף איך איהם אויך אַזוי.

—פאַרוואָס האָט מען איהם גענעבען אַזאַ צונעמעניש?

—פאַרוואָס האָט מען איהם געגעבען אַזאַ צונעמעניש? אַ קשיא! געגעבען, נו! איהר ווייסט דאָך, אַז איצט איז אַ מלחמה מיט'ן טערק. איהר לייענט דאָך דעם בלאַט. איז, אַז מענדעל האַלט פאַר'ן טערק, האָט מען איהם אַ נאָמען געגעבען „טערק״. וואָלט ער האַלטען פאַר'ן רוס, וואָלט מען איהם אַ נאָמען געגעבען „רוס״, וואָס פערשטעהט איהר נישט?

דער אַלטער האָט געוואָרפען אויף מיר אַ בליק פול נצחון און זיך ווייטער גענומען פאַר'ן טהיי. ווען איך האָב איהם אָנגעגאָסען דאָס צווייטע גלאָז, האָט ער עס אַ ביסעל אָבגערוקט פון זיך און אָנגעהויבען דערצעהלען:

—איהר זאָגט: „מענדעל״! וואָס, ווען? די גאַנצע שטאָדט געהט כּאָדאָראָם! וועגען וואָס רעדט מען?... איך זאָג: „מען רעדט״. נישט מען רעדט, מען האַמפּערט זיך, מען רייסט זיך אויף די ווענד. מען האַלט מלחמה. און וועגען וואָס? אַלץ טאַ־קע וועגען „טערק״ און וועגען „רוס״.

—וואו רייסט מען זיך דאָס אַזוי אויף די ווענד?—האָב איך געפרעגט.

דער אַלטער האָט אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פערוואונדער־טען בליק.

ווי הייסט: וואו? אין שוהל, פערשטעהט זיך. וואו נאָך קאָן מען זיך רייסען?... אָט איהר אַ שטייגער, זענט אַ הייגטוועלטי־גער, איהר געהט נישט יעדען שבת אין שוהל. וואָלט איהר אָבער געגאַנגען, וואָלט איהר געזעהן, וואָס דאָרט טהוט זיך אָב! אַלע, איך זאָג אייך אַלע, יונג און אַלט,—מען קאָכט זיך! אַז עס קומען זיך צוגויף די „טערקען״ מיט די „רוסען״—הויבט זיך אָן נאָך אַ מלחמה. אַנ'אמת'ע מלחמה גוג ומגוג!

דער אַלטער האָט מיט אַזאַ היץ גערעדט וועגען דער מלחמה צווישען די יודישע טערקען און רוסען, אַז מיר האָט זיך געוואָלט ווינסען, אויף וועמענס זייט ער אַליין שטעהט:

—און איהר, ר׳ בער? מיט וועמען האַלט איהר: מיט די טערקען, צי מיט די רוסען?—האָב איך איהם געפרעגט.

—איך?!—האָט ער זיך כּמעט דערשראָקען.—חע־חע! וואָס איהר קאָנט זאָגען! איך זאָל זיך נאָך אויך דערמיט פערנעהמען? וואָס, עס פעהלט אַ נאַר צום קאָן?... הע. גלאַט, אַז מען רעדט—הער איך זיך צו. לעג־צו אַנ׳אויער. אין איין אויער אַריין, אין אַנדערן אַרויס.

—נו, נו, ר׳ בער, נישט פעררעדט די צייהן! זאָגט דעם אמת!—בּין איך צוגעשטאַנען צו איהם, זעהענדיג, אַז איהם ווילט זיך אַרויסזאָגען זיין מיינונג, נאָר ער שעמט זיך.

דער אַלטער איז מיט אַמאָל געוואָרען ערנסט, זעהר ערנסט און, צובויגענדיג זיך צו מיר, האָט ער אָנגעהויבּען שטיל, ווי מען טיילט מיט עפּעס אַ סוד:

—ישמעאל—פּרא אדם, אָבּער... בּעסער פאַר עשו׳ן!... הערט מיך! און אויבּ ישמעאל וועט מנצח זיין,—האָט ער צוגעגעבּען מיט אַזאַ טאָן, ווי ער וואָלט מיר מיטטיילען אַ וויכטיגען מלוכה-סוד—וועט מוזען קומען משיח...

—גאָט איז מיט אייך, ר׳ בּער!—האָבּ איך זיך אָבּגערופען—וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער נצחון פון ישמעאל צו משיח׳ן!..

—כע, אָהן קשיות!—האָט ער אויסגעשריען—מען רעדט... יודען רעדען. מען ווייס, וואָס מען רעדט... מענשען רעדען, נישט איך מיט אייך...

און ער האָט אָנגעהויבּען מורמלען שוין עטוואָס גאָר אונ-פערשטענדליכעס. איך האָב איהם נישט אָבגעשטעלט און ער האָט זיך בּיסלעכווייז בּערוהיגט.

—נעכטען אין אָוועגד איז בּיי מיר געווען אייער „מענ-דעל טערק״—האָבּ איך מיטגעטיילט דעם אַלטען.

—מענדעל?... בּיי אייך?...—האָט ער זיך פערוואונדערט און אָנגעקוקט מיך, ווי ער וואָלט פרעגען: „וואָס פאַר אַ שייכות קאָן האָבּען צו מיר דער פרומער חסידישער מלמד?״ נאָר מיט אַמאָל האָט ער זיך אַ כאַפּ געטהון, ווי אין איהם וואָלט אויפגעלעבּט אַ גענייאַלער געדאַנק.

—אַ-אַ! טאַ-טאַ-טאַ! איך פערשטעה!—האָט ער אָנגעהויבען מיט אַ געהיימניספולען טאָן, דרעהענדיג מיט אַנ'אויסגעשטרעקטען לאַנגען טרוקענעם פינגער—איהר ווייסט, וואָס איך וועל אייך זאָגען? דאָס איז ער געקומען נישט צו אַייך, נאָר צום „בלאַט", וואָס איהר לייענט! יאָ! יאָ! יאָ! גלויבט מיר! איך קען איהם שוין!... אַך!—האָט ער אויסגעשריען ענטציקט—וואָס דאָס איז פאַר אַ כוואַט! אַלץ דערשמעקט ער! מיס איין וואָרט—מענדעלע טערק!

—ער איז טאַקי וועגען דעם געקומען צו מיר,—האָב איך בעשטעטיגט דעם אַלטענס השערה.

—זעהט איהר שוין, אַז איך בין נישט גאָר קיין נאַר! נו, עס פערשטעהט זיך. וועגען וואָס קאָן מענדעל קומען צו אייך? אויספרעגען, וואָס עס שטעהט אין בלאַט! און אַפנים, עס ווייזט אויס, אַז די גאַנצע פאָליטיק זיינע קלויבט ער צונויף אויף אַזאַ אופן, ברעקלעכווייז... כע-כע! ווי אַ הוהן: פיקעט-אָן, פיקעט-אָן גרייפעלעכווייז אַ פולע „וואָליע"—און לעגט אַנ'איי!—האָט ער פערענדיגט מיט אַנ'אומגעריכטער עמבריאָלאָגישער ענטדעקונג.

—און ווייסט איהר, וואָס איך וועל אייך זאָגען,—האָט ער אָנגעהויבען ווייטער מיט אַ געהיימניספולען טאָן—איך האָב מורא אַרויסצורעדען, נאָר מיר דאַכט, אַז זינט ער האָט זיך אָנגעהויבען קאָכען אין פאָליטיקע, האָט ער אויפגעהערט לערנען מיט אַזאַ התמדה, ווי פריהער. ער פלעגט דאָך גאַנצע נעכט אָבזיצען אין קלויז און לערנען. און איצט... איצט געהט ער אַרום זוכען אַ „בלאַט"... יאָ! יאָ!—האָט ער פערענדיגט הייס, און האָט מיך אפילו לייכט אַ שטויס געטהון, ווי ער וואָלט ערקלערען, אַז ער וועט נישט אָננעהמען קיין שום תירוצים. אַזוי ווי איך האָב נישט געהאַט בדעה צו פערטיידיגען מענדלען פונ'ם שרעקליכען חשד, האָט דער אַלטער זיך בערוהיגט און גענומען זיך צום דריטען גלאָז טהיי.

אויסגעטרונקען, האָט ער אָבגעדאַנקט און זיך אויפגעהויבען פון שטוהל. מיט אַמאָל האָט זיך איבער זיין פנים צושפרייט אַברייטער שמייכעל און מיט אַ קינדישער נאַאיוויטעט, פינטלענדיג

רחמנות'דיג מיט די אויגען, האָט ער אַרויסגערעדט:

—כע, כֿע! איך בין זיך מודה ומתודה: מיר האָט זיך טאַקע זעהר געוואָלט אַ גלאָז טהיי. מיין אַלטע איז אַוועק אין קראָם און פערגעסען איבערלאָזען מיר צוקער...

מיין אַלטיטשקער דיפּלאָמאַט! וויפיעל איהם האָט נאָך געפעהלט צו אַ ביסמאַרק'ן, אפילו צו אַ „ביקסנפעלד"!

# ד.

דעם נאָהענטסטען שבת בין איך אַוועק אין דער גרויסער שוהל צו מנחה, כדי אָנקוקען דאָרט די מלחמה פון גוג ומגוג צווישען די יודישע „טערקען" און „רוסען".

עס איז געווען בין השמשות. אין דער הויכער שוהל האָבען זיך שוין פערקליבען די אָווענד-שאָטענס, האָבען פון אַלץ אָבגעמעקט די קאָנטורען און געשאַפען אַ פאַנטאַסטיש בילד. מען איז געשטאַנען די שטילע שמונה עשרה. עטליכע הונדערט מענשען, שאָקלענדיג זיך אין אַלע זייטען, האָבען שטיל געזשומעט, און עס האָט אויסגעוויזען, ווי אַ יונג וועלדעל שאָקעלט זיך און רעש'ט אונטער די צוקען פון אָנפליהענדיגע ווינטען. און אונטער דעם איינדרוק פון די פערנעבעלטע, מיסטישע טענער און קלאַנגען האָבען אויפגעלעבט ביי מיר אין זכרון די ערינערונגען פון מיין ווייטער קינדהייט.

מיר האָט זיך פאָרגעשטעלט די אַלטע שוהל אין מיין נעבורטס-שטעדטעל, עס האָבען זיך דערמאָהנט די שבת'דיגע בין השמשות'ן.

...מנחה האָט זיך געענדיגט. אין שוהל ווערט אַלץ טונקעלער, פאַנטאַסטישער. די עלטערע יודען זושיטען זיך איבער דער שוהל. פער'חלומ'טע, פערטראַכטע, רוהיגע און קאָנטעטע, געהען זיי זיך אַרום לאַנגזאַם הין און צוריק, פערלעגט אַהינטען די הענד און ברומענדיג פאַר זיך אַ נגון. נישט אַרויסגעהענדיג פון דער פערטראַכטקייט, זעצט מען זיך פונאַנדער אויף די בענק

וואו עס מאַכט זיך, און עס הויבט זיך אָן אַ געשפּרעך, אַ פּער-חלומ׳טעס און אַ פאַנטאַסטישעס, ווי דער אָווענד: עמיצער דער־צעהלט אַ חסידישע מעשה, נאָך איינער—עפּעס אַ געשעהעניש, וואָס בעקומט אַ פאַנטאַסטישען כאַראַקטער. אַלע הערען זיך צו מיט אַנ׳אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט, און אַז דער דער-צעהלער ענדיגט, בלייבט מען שטיל, ווי פערשלומערט און קיי-נעם ווילט זיך נישט איבעררייסען די פער׳כשופ׳טע שטילקייט.

דאָס וואָכעדיגע לעבען מיט זיינע געשעפטען און זאָרגען איז אָבגערוקט ערגעץ ווייט. אַלע זענען געשטימט ווייך און טרוימעריש. אונבעמערקט הויבט מען אָן שטיל און פאַר זיך ברומען דעם נאַציאָנאַלען „בים—באַם—באַם״, אין וועלכען יעדער לעגט אַריין זיין אייגענעם טרוים... נאָר אָט הויבט זיך עמיצער אויף האַסטיג, ווי אויפגעוואַכט פון שלאָף און רעדט אַרויס מיט אַ האַרציגען געבעט:

—זרח! זאָג עפּעס!

די בקשה איז אַזוי ערנסט און האַרציג, אַז זרח׳ן פאַלט גאָרנישט איין אין זינען זיך אָבזואָגען. בלייבענדיג זיצען אויפ׳ן אָרט, הויבט ער אָן שטיל זיגגען אַ נגון. ער זינגט די סקאָרבאָ-ווע ראש-השנה און יום-כפור׳דיגע תפילות. ביסלעכווייז ווערט דאָס געזאַנג העכער, שטאַרקער, די בעלי-הבתים, איינע נאָך די אַנדערע, הויבען-אָן אונטערהעלפען. און לאַנג הילכען און קלינ-גען אין דעם נידעריגען אַלטען שוהלכעל הערליכע און שטרענ-גע, אונענדליך-טרויעריגע און בעטענדיגע יום-נוראים׳דיגע נגונים.

עס האָט זיך אַראָבגעלאָזט דער אָווענד. אין שוהל איז פינסטער. אויפ׳ן הימעל זענען שוין דאָ שטערען—און דאָס זינ-גען הערט נישט אויף. קיינעם ווילט זיך נישט צוטרעטען צום וואָכעדיגען מעריב. קיינעם איילט זיך נישט אַריבערגעהן אין דער וואָכעדיגער וועלט מיט איהרע פּראָזאַאישע זאָרגען.

וואוילטאָגדיג איז אין יענע שעה׳ן אויך פאַר די קינדער. דער בין השמשות און די אָנוועזענהייט פון די עלטערע, שאַפט ביי זיי אויך אַ בעזונדער העכערע שטימונג. אייניגע טוליען זיך שטיל צו די עלטערע און הערען זיך צו צו זייערע מעשיות.

אַנדערע מאַכֿען אין אַ ווינקעל אַנ׳ענגען קרייזעל און דערצעה-לען אייגענע מעשיות אויף פאַנטאַסטישע שרעקענדיגע, וועגען שדים און גזלנים. די מעהר ריהרעוודיגע בענוצען זיך מיט דער טונקעלקייט, כּדי אַ שטיף צו טהון. שפּיעלען אין בעהעלטעניש, וואַרפען אַ „באָמבע״ פון אַ צונויפגעדרעהטען האַנדטוך אין שמש אָדער אפילו אין אַ בעל-הבית. ניש׳קשה! איצט געהען אַזעלכע שטיפעריייען פאַרביי אונבעשטראָפט. „עה! קינדער... זאָלען זיי שטיפען״.—טראַכט דער צאַרט געשטימטער בעל-הבית. און פיה-לענדיג דאָס בעדערפעניש אויסצוגיסען אויף וועמען עס איז זיין צאַרטקייט, כאַפּט ער עפּעס אַ יונגעלע, וואָס האָט זיך שטאַרק צושטיפט, שטעלט איהם אַוועק ביי זיך צווישען די קניה און, נישט אַ קוק טהוענדיג אפילו ווער איז זיין געפאַנגענער, נישט איבערריסענדיג דאָס געזאַנג, הויבט ער אָן צאַרט און פאָטערליך גלעטען דאָס יונגעלע איבער׳ן קעפּעל. דאָס קינד ווערט מיט אַמאָל פערגאַפט, אַנטשוויגען אונטער דער אומגעריכטער צאַרט-קייט פון אַ פרעמדער האַנד. מיט אַ גליקליך-קלאַפּענדיג הערצעל, מיט אַ שמייכעל פון טיפען נחת, הערט זיך צו דאָס יונגע נשמה׳לע צום גלעט פון ליעבע און וואַרימער צערטליכקייט, און די פרעמדע האַנד גלעט אַלץ לאַנגזאַמער, מילדער און צאַרטער.

אונפערגעסליכע שעה׳ן, אונפערגעסליכע האַרציגקייט!..

דאָ, אין דער גרויסער שוהל, איז דאָס בילד געווען אַנ׳-אַנדערס. דער מלחמה-שטורם האָט זיך אַריינגעריסען אַהער און צושטערט די טרוימערישע, שטילע צאַרטקייט פון שבת׳דיגען בין השמשות...

## ה.

געענדיגט מנחה, האָט זיך דער עולם צושאָטען איבער דער שוהל, און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ בעלעבט נערוועז גע-שפּרעך. אַלע האָבען גערעדט מיט אַמאָל. נאָר אָט האָבען זיך דערהערט תּקיפות׳דיגע אויסגעשרייען: „שאַ! שטילער!״—און דער

גערודער איז ביסלעכווייז איינגעשטילט געוואָרען. אין מיטען שוהל איז געוואָרען אַ גרויס רעדעל, וואו ס׳האָבען גערעדט צוויי-דריי מענשען. די איבריגע האָבען נייגעריג, שטופענדיג איי-נער דעם אַנדערן און צולעגענדיג די האַנד צום אויער, זיך צוגעהערט.

אַ בעיאָהרטער יוד, נישט קיין הויכער אַ ברייטביינעגער, מיט גרויע קלוגע אויגען, אונטערגעשוירענע וואָנסעס, אויסגע-שמירטע מיט שמעק-טאַבאַק, איז געשטאַנען אין מיטען רעדעל און גערעדט רוהיג און זיכער. ער האָט געמאַכט מיט דער האַנד, האַלטענדיג פעסט אין צוויי פינגער אַ שמעק טאַבאַק.

—נו, נו, נו? נו, וואָס געהט איהר דאָ אַרויס פון די כלים? נו, האָט מען נישט גענומען פלעוונע? איז וואָס? ביי וואָס פאַר אַ מלחמה געהט עס אַ נצחון נאָך אַ נצחון? האָט מען דאָס מאָל נישט גענומען פלעוונע, וועט מען עס נעהמען אין אַ וואָך אַרום...

—דו, מיכאל, זאָגסט, אַז דער רוס וועט נעהמען פלעוו-נע?—האָט אויסגעשריען אויפגערעגט אַ הויכער יוד מיט אַ געלער באָרד און אַ רויטען קאַרק.—וואָס? דו ביזט ערוב פאַר דעם? פרא אדם! און מיט וואָס וועט דער רוס נעהמען פלעוונע? האָסט פערגעסען, אַז ער האָט שוין אַ העלפט חיל אַוועקגעלעגט הינ-טער פלעוונע...

—וואָרט נאַר!—האָט זיך אין געשפרעך אַריינגעמישט אַ דאַרער יונגערמאַן, אויסציהענדיג דעם לאַנגען האַלז צום רע-דעל,—פאַרוואָס זאָלט איהר נישט שטעלען די זעלבע קשיה פער-קעהרט? איהר פרעגט: מיט וואָס וועט דער רוס נעהמען פלעוו-נע?—און איך וועל פרעגען: מיט וואָס וועט דער טערק זי איינ-האַלטען? איהר פערגעסט, אַז יעדער אָנפאַל פון רוס, קאָסט דעם טערק אויך נישט וואָלוועל...

—אָבער דאָס איז די מ-מע-ש-ה, וואָס וואָ-אָלוועל!—האָט מיט אַ גמרא-נגון אויסגעשריען פון דער צווייטער זייט אַ יונ-גערמאַן מיט אַ ציגען-בערדעל.—צו פלע-עוונע קומט קיין קייל

נישט צו: שיס אַהין, שיס אין הימעל—אַלץ איינס. און פּו-ון פּלעוונע...

—בערטשיק, שווייג!! ווערט פערשטומט, מנוול! ער מישט זיך אויך! וועסט ביי מיר כאַפּען אַזעלכע פּעטש, אַז דו וועסט וועגען אַלע פּלעוונעס פערגעסען!—האָט אויסגעשריען מיט כעס אַנ'עלטערער יוד, דעם יונגענמאַנ'ס פּאָטער.

דאָס ציעגען-בערדעל איז געשווינד נעלם געוואָרען.

—סט'געזעהן אַ שגץ! ער רוקט זיך אויך! ער ווייס אויך: פּלעוונע!—האָט זיך נישט געקאָנט בערוהיגען דער פּאָטער.

—נו, און דו, חכם, דו ווייסט, וואָס אַזוינס איז פּלעוונע?—האָט זיך אָנגעוואָרפען אויף איהם דער געל־בערדיגער.—פּלעוונע בעשטעהט פון איין פעלזען-שטיין, פון דריי וויאָרסט די הויך מיט גלייכע וועגד. אין מיטען שטיין איז דאָ אַ טיעפער חלל, אַ מין נעסט, און דאָרט געפינט זיך די שטאָדט פּלעוונע. איז, ווי מיינסטו, ווערט מען צוקומען אַהין? ווערט מען נעהמען אַזאַ פעסטונג?

—מען ווערט נעהמען!!—האָט אויסגעשריען מיט תקיפות, אַריינרייסענדיג זיך אין רעדעל, אַ דיקער יוד מיט אַ גבירישען פּנים, מיט אַ ברייטען אַטלעסענעם גאַרטעל אויפ'ן דיקען בויך,—בהמה! וואָס דערצעהלסטו דאָרט מעשיות „פעלזען-שטיין!" „חלל!" „פעסטונג!" נאַ דיר דריי גראָשען פאַר דיין פּלעוונע! איך מענשען! זיי רעדען אויך! פּלעוונע-שמעוונע!

—ביי חיים איסר'ן איז היינט אַפּנים געווען אַ גראָטענער קוגעל, דערפאַר פּיהלט ער אין זיך אַזאַ תקיפות,—האָט זיך אָב-געזופען מיט אַנ'איראָנישען שמייכעל אַנ'אַלטער יוד, מיט אַ גרויסער גרויער באָרד און קלוגע אויגען.—אויף וואָס דאַרף ער די גאַנצע פּאָליטיקע? האָט געטהון אַ געשריי, אַ טופּע מיט'ן פוס-און ט' מנצח געווען...

—נו, און איהר, ווי האַלט? איהר האַלט אויך, אַז מען ווערט נישט נעהמען פּלעוונע?—האָט זיך אָבגערופען חיים איסר אַרויסרופענד, אָבער שוין מיט ווייניגער תקיפות.

—איך, ווי האַלט? איך האַלט, אַז כדי צו רעדען וועגען מלחמה, דאַרף מען וויסען, וואָס אין „בלאַט" שטעהט... אַט,

נעהמט זיך אַראָב אַ מוסר. ווער נאָך איז אַזאַ בקי אין פּאָלי-טיקע, ווי מענדעל? און אפילו ער זיצט אויף אָן אַ זייט און זאָגט תהילים,—האָט ער פערענדיגט מיט אַ לייכטער איראָניע.

—מענדעל! איך האָב זיך גראָד איצט דערמאָהנט אָן איהם און איהם גענומען זוכען מיט די אויגען. ער איז געזעסען פון דער ווייטען, אָנגעבויגען איבער אַ תהלים און מיט אַנ׳אויסער-געוועהנליכער שנעלקייט געשלונגען די פסוקים. פון ערשטען בליק האָט מען געקאָנט מיינען, אַז ער אינטערעסירט זיך נישט מיט דעם, וואָס עס קומט פאָר אין שוהל. נאָר, צוקוקענדיג זיך, האָב איך בעמערקט, אַז פון זיין בעהעלטעניש שפּירט ער נאָך, ווי אַ יעגער, יעדעס וואָרט, וואָס ווערט דאָ אַרויסגעזאָגט.

אין מיטען רעדעל איז שוין געשטאַנען דער יוד מיט די אונטערגעשוירענע וואָנסען, מיכאל, וועלכער איז אַרויסגעטראָטען אין אָנהויב. ער האָט איצט גערעדט הויך, זיכער, מיט אַ טאָן פון אַ ביטערן פאָרוואורף:

—באמת, ווי עס איז געזאָגט געוואָרען: „עינים להם ולא יראו, אזנים להם ולא יאזינו״. נו, ווי זעהט איהר נישט, ווי פערשטעהט איהר נישט, אַז דער טערק האַלט שוין ביי דער גסיסה? איהר טענה׳ט אַלץ: „פלעוונע״. ווי-זשע פערשטעהט איהר נישט, אַז פלעוונע וועט מען סוף-כל-סוף נעהמען, אויב נישט מיט פייער, איז מיט הונגער. קוקט זיך נאָר אַרום. פאַר די פיער-פינף חדשים זינט דער רוס איז אַריבער דעם דונאַי, האָט ער פערנומען עטליכע פע- סטונגען, גענומען אין פלען צעהנדליגער טויזענד טערקען, איז דורכגעגאַנגען האַלב טערקיי—צי איז דאָס אַלץ נאָך אייך ווייניג? וואָס-זשע פאַר אַ אותות ומופתים דאַרפט איהר נאָך? מיט אַ חודש צוריק האָט איהר געשריען: „שיפקי״, „סוליימאַן-פאַשאַ״, „דער גרויסער גבור סוליימאַן-פאַשאַ!״ האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער גבור איז נישט סוליימאַן-פאַשאַ, נאָר הורקאָ, איצט שרייט איהר: „פלעוונע״, „אָסמאַן-פאַשאַ״. נו, און וואָס וועט איהר שרייען, ווען מען וועט נעהמען פלעוונע?...

—איך וועל דעמאָלט שוין נישט דאַרפען שרייען. איך שריי איצט. אַיך שריי: „לייגסט, ווי אַ הונד!״ אָט וואָס איך שריי!—

האָט מיט אַ שטאַרקער אויפרעגונג אויסגעשריען דער געל-בער-דיגער. ער האָט זיך האַסטיג אַ קעהר געטהון צו דער זייט, וואו עס איז געזעסען מענדעל, און אַרויסגערעדט מיט אַ ביטערן פאָר-וואורף:—מענדעל! אויף נאמנות, אַנ׳עולה! וואָס מאַכסטו זיך נאַ-ריש? וואָס האָסטו זיך אַוועקגעזעצט איבער׳ן תהילים, ווי אַנ׳אַל-טע יודענע! קום, קום שוין אַהער—קום, הער כאָטש, ווי אַ מענש האָט די חוצפה צו לייגען אין אַ מקום קדוש!

—מענדעל! מענדעל! באמת, גענוג דיר שוין צו זאָגען תהילים! קום אַהער!—האָבען זיך דערהערט קולות פון אַלע זייטען.

מענדעל האָט, ווייזט-אויס, נישט געהאַט קיין גרויס חשק זיך אַריינמישען אין וכוח. פונדעסטוועגען איז ער אויפגעשטאַנען, אַוועקגעלעגט דעם תהילים און צוגערופען צו זיך מיט אַ וואונק אַ יונגעל.

ווועלוועל! גיב אַ שפרונג אין מאַרק און זעה, צי איז נישט אָנגעקלעבט אַ נייע דעפעש.

דאָס יונגעל איז געשווינד אַוועק. מענדעל איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צום רעדעל, איז אַריין אין איחם און מיט אַנ׳איראָ-נישען שמייכעל זיך געווענדט צו מיכאל׳ן:

—איך הער פון דער ווייטען, ווי דו קעהרסט וועלטען, רייסט-אויס בערג מיט׳ן וואָרצעל, מאַכסט חרוב לענדער. דו האָסט אין איין מינוט צומאָהלען דעם אָרימען טערק אויף שטויב און דעם שטויב פונאַנדערגעשפרייט אויף אַלע זיבען ימ׳ען.

—און דו, בעל-מופת, ביזט געקומען צונויפקלויבען דעם שטויב און אויסקנעטען פון איהם אַ גולם?—האָט איהם אָבגע-ענטפערט מיכאל.

נאָר ער האָט באַלד גענומען אַנ׳ערנסטען טאָן:

—נו, זאָג, רעכענסטו טאַקע באמת, אַז דער טערק האַלט נישט ביי דער לעצטער גסיסה? שוין-זשע פערשטעהסטו עס נישט...

—גוואַלד! פון וואַנען נעהמסטו עס?!—האָט איהם מענדעל איבערגעשלאָגען מיט אַנ׳אויפגערעגטער פערביטערונג.—דו טענה׳סט

אַז פּלעוונע איז בעלאַגערט. מען דאַרף דאָך זיין בלינד, מען זאָל נישט זעהען, אַז בעלעגערט איז נישט פּלעוונע, נאָר דאָס רוסישע חיל!... הערט, יודען!—האָט ער זיך האַסטיג אַ קעהר געטהון צום עולם, וואָס האָט זיי ביידען אַרומגערינגעלט און זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו יעדען וואָרט,—ווילט איהר וויסען אויף ריכטיג ביי וואָס עס האַלט דאָרט אויף דער מלחמה—איז אָט, וועל איך אייך קלאָר מאַכען. דאָס גאַנצע רוסישע חיל מיט אַלע זיינע גענעראַלען געפינט זיך איצט אין טערקיי צווישען דונאַי און פּלעוונע. אין פּלעוונע זיצט אָסמאַן-פּאַשאַ מיט אַ מחנה פון הונדערט טויזענד סאָלדאַטען און פערצוימט דעם וועג דעם רוס, ער זאָל זיך נישט קאָנען רוקען ווייטער. לינקס שטעהט סוליימאַן-פּאַשאַ...

—ווען הורקאָ האָט צושלאָגען!—האָט עמיצער אַ זאָג געטהון.

—שאַ-אַ! שטיל!—האָט איהם שטרענג אָבגעשטעלט מיכאל.

...—סוליימאַן-פּאַשאַ מיט אַ שטאַרקען חיל. רעכטס—מאַכמעד-אַלי מיט נאָך אַ גרעסערן חיל... הערט-זשע ווייטער מיט קאָפּ. דאָס רוסישע חיל איז בעלעגערט פון דריי זייטען. געהן פאָראויס קאָן ער נישט, אומקעהרען זיך צוריק וויל ער נישט. דער זומער איז פערביי, עס הויבען זיך אָן רעגענס. דאָס רוסישע חיל איז אויסגעמאַטערט, הונגעריג, פערוואָרפען אין אַ פרעמד לאַנד... מיט וואָס-זשע קאָן זיך דאָס אַלץ ענדיגען?

ער האָט געוואָרפען אויפ׳ן עולם אַ פרעגענדען בליק און באַלד פאָרטגעזעצט זיכער:

—אָט מיט וואָס! איינס פון די ביידע: אָדער אַ פרישע טערקישע מחנה וועט אַרומגעהן דעם רוסישען חיל, וועט פערכאַפּען דעם דונאַי און נעהמען אין פלען די גאַנצע רוסישע אַרמעע מיט איהרע גענעראַלען, אָדער אָסמאַן-פּאַשאַ וועט זיך פעראייניגען מיט סוליימאַן-פּאַשאַ און מאַכמעד-אַלי און וועלען פון אַלע דריי זייטען אַ קלאַפּ טהון אויף איהר, וועלען זי צושלאָגען און אין צוויי טעג אַרויסטרייבען פון טערקיי...

מענדעלס איבערצייגטע רעדע, דאָס קלאָרע בילד, וואָס

ער האָט אויסגעמאָלט האָט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק אויף די צוהערער. עס האָבען זיך דערהערט עטליכע איראָנישע צווישענרופען קעגען מיכאל׳ן.

מיכאל איז די גאַנצע צייט געשטאַנען רוהיג און זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט, נישט אַראָבנעהמענדיג דעם בליק פון מענדלען.

—דו האָסט געענדיגט?—האָט ער אַ פרעג געטהון.

—געענדיגט...—האָט יענער אָבגעריסען געענטפערט.

—אַ שאָד... אַ שאָד, וואָס דו האָסט אַזוי גיך געענדיגט...—האָט מיט ענטטוישונג אַרויסגערעדט מיכאל.

ער האָט גענומען פון בימה די טאַבאַק-פושקע, אַ קלאַפּ געטהון אויף איהר מיט צוויי פינגער, געעפענט, גענומען אַ גרויסען שמעק טאַבאַק, צוגעמאַכט און צוריק אַוועקגעשטעלט אויף דער בימה. דאָס אַלץ האָט ער געטהון רוהיג און לאַנגזאַם.

—יאָ, אַ שאָד, וואָס דו האָסט אַזוי גיך געענדיגט. האָסט געקאָנט געהן אַ סך ווייטער... דעם רוס האָסטו אַרויסגעטריבען פון טערקיי—דאָס איז שוין עפּעס ווערטה, אָבער וואָס האָסטו זיך אָבגעשטעלט? פאַרוואָס, אַ שטייגער, האָסטו נישט אַריינגעפיהרט דעם טערק קיין רוסלאַנד? פאַרוואָס האָסטו נישט געמאַכט, ער זאָל פערנעהמען אַ פּאָר רוסישע שטעדטלעך, ווי, למשל, פּייטערבאַרג און מאָסקווע? וואָס ס׳וואָלט געווען שווער עס אויסצופיהרען... דאָ אין שוהל?—האָט ער פערענדיגט מיט אַ געלעכטער.

—דער טערק האָט געגעבען אַ נדר נישט אָנטרעטען אויפ׳ן רוס׳ס ערד!—האָט זיך עמיצער פון עולם געוויצעלט.

—מיין פריינד!—האָט זיך געווענדט מענדעל צו מיכאל׳ן רוהיג, נאָר מיט אַ פערביסענער איראָניע,—דו ווייסט דאָך אַז דער טערק איז אַנ׳אכזר און אַ פרא אדם. וואָלט ער זיין אַ בעל-רחמים, וואָלט ער אויך געהן אויסלייזען פעלקער פון וועמענס-עס-איז יאָך, זאָרג נישט, ער וואָלט געפונען וועמען אויסצולייזען. נו, כאָטש, למשל, פּוילען... וואָס? ווערט אפשר זאָגען,

אַז דער פּאָליאַק ליידט וועניגער צרות ווי דער בולגאַר? וואָס אָבער קאָן מען מאַכען מיט ישמעאל דעם פּרא אדם, אַז ער האָט אויף קיינעם קיין רחמנות נישט, געהט קיינעם נישט בע־פרייען און וויל מעהר נישט איין זאַך: מען זאָל איהם לאָזען צו-רוה...

—הייסט עס, גלויבסט נישט, אַז דער רוס געהט אויסליי־זען די בולגאַרען פון טערקישען יאָך?—האָט זיך אַריינגעמישט אין געשפּרעך חיים איסר.

—ווי הייסט, איך גלויב נישט?—האָט אויף איהם אָנגע־שטעלט אַ פערוואונדערטען בליק מענדעל,—וואָס בין איך, חס ושלום, אַן׳אפּיקורס, איך זאָל נישט גלויבען, אַז דער רוס געהט אויסלייזען פעלקער? וועמען נאָך פּאַסט אַזוי צו זיין אַ מלאך הגואל, ווי פאָניע גנב? פּונקט ווי אָנגעמאָסטען פּאַר איהם

עס האָט זיך דערהערט אַ הילכיג געלעכטער

—גוט געזאָגט!

—אָבגעבריהט!

—פאָניע המשיח!

—שאַ-אַ, די חכמות האָב איך שוין געהערט, שוין דערע־סען!—האָט אויסגעשריען מיט אונגעדולד מיכאל.—איך פרעג דיך, זאָג מיר: אויף אַזאַ אופן,—צוליעב וואָס פאַרט האָט דער רוס פערפיהרט די מלחמה?

—ווילסט, איך זאָל דיר זאָגען—וועל איך דיר זאָגען!—האָט מענדעל געענטפערט.—דער רוס איז אַן׳אייביגער שונא דעם טערק. די מלחמה איז נישט די ערשטע, וואָס ער פערפיהרט געגען טערק. ער האָט שוין פריהער פיעל מאָל מיט איהם מלחמה געהאַלטען און אָבגענומען ביי איהם פיעל שטעדט. דער רוס ציהט זיך צו קאָנסטאַנטינאָפּאָל. בקיצור, ער וויל אויסראָטען די טערקישע מלוכה און דעם גרעסטען טייל פון איהר בעהעפטען צו רוסלאַנד...

איך האָב זיך צוגעהערט: מענדעל האָט איבערגע׳חזר׳ט כמעט וואָרט ביי וואָרט אַלץ, וואָס איך האָב איהם דערצעהלט וועגען די בעציהונגען צווישען רוסלאַנד און טערקיי

מיכאל האָט מיט אונגעדולד זיך צוגעהערט צו מענדעל׳ס רייד. לסוף האָט ער זיך נישט איינגעהאַלטען און אויפגערעגט אויסגעשריען:

—בהמה! פערד! דו רעדסט דאָך אַזעלכע נאַרישקייטען, אַז עס נעהמט אָן חלשות צו הערען!

ער האָט זיך האַסטיג אַ קעהר געטהון צום עולם:

—הערט, יודען! ראַסייע פערנעהמט צעהן טויזענד וויאָרסט און צעהן טויזענד וויאָרסט; ראַסייע פערנעהמט אַ זעקסטעל פון דער וועלט, ראַסייע האָט אַזעלכע אוצרות, וואָס קיין מלוכה פערמאָגט זיי נישט. איז, ווי רעכענט איהר, וועט געהן דער רוס פערגיסען טייכען בלוט, כדי צו פערכאַפּען אַ שטיק טערקישען מדבר?

—רב גרשון!—האָט זיך מענדעל מיט אַמאָל געווענדט צו אַן׳עלטערן יוד מיט אַן׳אויסזעהן פון אַ גביר.—מען זאָגט, ר׳ גרשון, אַז איהר האָט אייער אייגענס שלושים אלף רובל. איז דאָס אמת?

פון דער אומגעריכטער פראַגע און נאָך וועגען אַזאַ דע-ליקאַטען ענין איז ר׳ גרשון אַ ביסעל מבולבל געוואָרען. נאָר אין דער זעלבער צייט האָט איהם הנאה געטהון, וואָס מען האָט לפני כל עם ועדה קאָנסטאַטירט זיין גביר׳שאַפט. פערשטעהענ-דיג, אַז מענדעל האָט נישט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין געשטעלט אַזאַ פראַגע, נאָר ער גרייט מיט איהר צו עפּעס אַ שפּיצעל געגען מיכאַל׳ן, האָט ער פערנומען די באָרד אין האַנד און מיט אַ קאָקעטען שמייכעל, נישט געאײלט, געענטפערט:

—דרייסיג טויזענד רובל אייגענס זאָגסטו? נו, לאָמיר רע-כענען... לאָמיר זאָגען, אַז איך האָב... וואָס-זשע איז דערפון?

—און פונדעסטוועגען הערט איהר נישט אויף צו האַנדלען. איהר געהט אַלע טאָג אין קראָם? איך האָב נאָך געהערט, אַז איהר קלויבט זיך בויען יאַטקעס און האָט גענומען אַ גרויסען פּאָדריאַד. ווייזט אויס, אַ פנים, אַז אייך איז ווייניג דאָס איי-גענס, וואָס איהר פערמאָגט, אַז איהר ווילט נאָך.

—אַי, ווי איך וויל נאָך!—האָט אויסגעשריען מיט אַ קאָנ-

טעטען געלעכטער גרשון.

—הערסט, מיכאל, וואָס אַ מענש רעדט?—האָט זיך מענדעל געווענדט צו זיין געגנער—ער זאָגט: „מיר איז ווייניג, איך וויל נאָך". ווייסט, וואָס „נאָך" הייסט? „נאָך" הייסט „אַלץ". דו זאָגסט: „אַ זעקסטעל טייל פון דער וועלט". און פאַרוואָס נישט אַלע זעקס זעקסטלעך? זענען דען נישט געווען פון נמרוד׳ן אָן זיבען וועלט-מלכים? אפנים, אַז קיינער פון זיי, נישט נמרוד, נישט סנחרב, נישט נבוכדנאצר, נישט אלכסנדר מוקדן האָט זיך נישט בענוגענט מיט אַ טייל. און, גלויב מיר: דער רוס בענוגענט זיך אויך נישט מיט זיין זעקסטעל... נאָר אויב דו ווילסט, וועל איך דיר זאָגען, אַז דער רוס יאָגט זיך גאָר נישט אַזוי נאָך די „טערקישע מדבריות", ווי דו רופסט זיי אָן. ער דאַרף די טערקישע ימים. דעם באָספאָר און דעם דאַרדאַנעל...

—הייסט עס, איז די גאַנצע מלחמה פערפיהרט נאָר צוליעב גזילה און דער טערק, איז אַ צדיק תמים?!—האָט אויסגעשריען אַ הויכער דאַרער יוד מיט אַנ׳אַסקעטיש פנים און ברעגענדיגע פון כעס אויגען,—וואָס איז דאָס באמת: מאַכסט זיך אליין נאַריש אָדער דו האַלסט אונז אַלעמען פאַר בהמות? וואָס? מיר זיצען אונטער׳ן אויוון, מיר ווייסען נישט, מיר האָבען נישט געהערט, וואָס דער טערק, דער אכזר, דער רוצח, ימח שמו וזכרו צוטהוט איבער די אומגליקליכע בולגאַרען? ער מאַכט חרוב שטעדט, פערברענט דערפער, קוילעט אויס טויזענדער מענשען, איז מאנס פרויען... די האָהר שטעלען זיך דאָך קאַפויר, דאָס בלוט ווערט פערגליווערט אין די אָדערן, אַז מען הערט וועגען זיינע רציחות! קומסטו, וואַלד-גזלן, און שטעלסט זיך אויף זיין צד, מאַכסט איהם פאַר אַנ׳אונשולדיג שעפעלע? דו ביזט דאָך ווערטה, מען זאָל דיך קורע כדג זיין דערפאַר!

—נאָר אַ גזלן, אַ רוצח היער קאָן זיך שטעלען אויפ׳ן צד פון טערק!—האָט מיט אַ גרויס אויפרעגונג איבערגע׳חזר׳ט זיינע רייד אַ יונגערמאַן.

און אַרויפשפרינגענדיג אויף אַ באַנק, האָט ער אָנגעהויבען היסטעריש שרייען איבער דער גאַנצער שוהל:

—הערט רבותי! אָט, ווי איהר זעהט מיך אַ יודען, אָט ווי מיר האָבען היינט שבת אויף דער גאַנצער וועלט, שווער איך אייך, אַז ווי נאָר מען וועט אויסרופען אַ נייעם נאַבאָר—געה איך דיענען! אָהן זאַטשאָט! איך וואַרף ווייב און קינדער און געה אויף מלחמה! וועל איך נע׳הרג׳עט ווערען—וועט דאָס זיין על קדוש השם!!

דער היסטערישער געשריי האָט אַלעמען געבראַכט אין אַ שטאַרקער אויפרעגונג. ווי אַ וואַסער-צוים וואָלט דורכגעריסען. אין שוהל האָט זיך אויפגעהויבען אַנ׳אונבעשרייבליכער גוואַלד. אַלע האָבען געשריען. די „רוסען” האָבען זיך געוואָרפען אויף די „טערקען” מיט פל׳ערליי זידלערייען און פאָרוואורפען. די „טערקען” האָבען זיך פערטיידיגט און אויך געשריען און געזי-דעלט זיך. מענדעל האָט זיך געפרובט רעדען, נאָר מען האָט איהם נישט געלאָזט.

עס איז שוין געוואָרען נאַכט. אין שוהל איז געווען פינ-סטער. דער בלאַסער לבנה־שיין, דורכדרינגענדיג דורך די פער־שטויבטע פענסטער, האָט מעלאַנכאָליש בעלויכטען די פאַנטאַסטי-שע סצענע, ווי צעהנדליגער אויפגערעגטע מענשען האָבען זיך געוואָרפען איבער דער שוהל. דער שמש, אַ קליין פער׳חושכ׳ט יודעל, איז איבערגעגאַנגען פון איין בעל-הבית צום צווייטען, האָט יעדערן מיט אָבשיי געצויגען הינטען פאַר דער פאָלע און מיט אַ רחמנות-בעטענדען קול איבערגע׳חזר׳ט די ווערטער:

—שוין צייט דאַוונען מעריב, שוין צייט!...

נאָר קיינער האָט איהם נישט געהערט, מען האָט איהם אָוועקגעטריבען. וועמען איז איצט געלעגען אין זינען מעריב!

מיט אַמאָל האָט זיך די טהיר האַסטיג געעפענט און אין שוהל איז אַריינגעפלויגען ווי אַ באָמבע וועלוועל, דאָס יונגעל, וועמען מענדעל האָט געשיקט זעהען, אויב עס איז אין מאַרק אויפגעקלעבט אַ דעפּעשע.

—אַ דעפּעשע!... אַ דעפּעשע!...—האָט ער אויסגעשריען מיט אַ פערכאַפּטען אָטעם.

אין שוהל איז אין איין רגע שטיל געוואָרען. אַלע האָבען

זיך אַ קעהר געטהון צום אָנזאָגער.

—העי!... אַ שלאַכט!... געדויערט דריי טעג!... העי! הור-קאָ!...—האָט וועלוועל קוים אַרויסגערעדט.— — — — — —

—רעדו! גענומען פלעווגע?!—האָט זיך אַרויפגעוואָרפען אויף איהם מיט אונגעדולד מיכאל.

—ניין!... העי!... פלעוונע נישט גענומען! גענומען הובניאַק און נאָך עפּעס אַ שטאָדט... רוסען צוויי טויזענד גע'הרג'עטע... אַזוי שטעהט: צוויי טויזענד. און טערקען אפשר צעהן מאָל מעהר. עס שטעהט: אָהן אַ צאָהל!...

דאָס נייעס האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַנ'ערשיטערענדען איינדרוק. מענדעל, אַ בלייכער, אַנ'אויפגערעגטער, מיט ברייט-געעפענטע אויגען, האָט געשלונגען יעדעס וואָרט וועלוועלס. מיט אַמאָל האָט ער זיך אויסגעגלייכט, האָט אַ וואָרף געטהון אויפ'ן עולם אַ בליק פון ליידענשאַפטליכען צאָרן און היסטעריש אויס-געשריען:

—רוצחים!! אויף אייער, אויף אייער קאָפּ זאָל פאַלען דאָס אונשולדיגע בלוט!!

און איז געשווינד אַרויסגעלאָפען פון שוהל.

עטליכע מינוט האָט אין שוהל געהערשט אַ געדריקטע שטילקייט. ווי פיהלענדיג אויף זיך אַ שווערע שולד, זענען די „רוסען" און די „טערקען" מיט אַראָבגעלאָזטע קעפּ זיך פונאַנדער-געגאַנגען אין אַלע זייטען. עמיצער האָט פאַר זיך אַרויסגערעדט:

—איך פערשטעה נישט, מיט וואָס איז ער אַליין גערעכט? ווער ווייסט, ווער דאָ איז מעהר שולדיג?

און ווי אַנ'ענטפער אויף דער געדריקטער שטימונג האָבען זיך פון עמוד דערהערט די אומעטיגע ווערטער פון מעריב מיט זייער וואָכעדיגען נגון.

—„און ער, דער באַרמהאַרציגער וועט פערגעבען די זינד און וועט נישט פערטיליגען"...

די „דריי-טאָגיגע שלאַכט", וועגען וועלכער וועלוועל האָט זיך דערוואוסט פון דער פונאַנדערגעקלעבטער דעפּעשע אויף די וואַנד, האָט זיך פערענדיגט דערמיט, וואָס די רוסען האָבען

פּערנומען גאָרני-דובניאַק און טעליש. דערמיט איז פּלעוונע גע-
וואָרען אינגאַנצען בלאָקירט און אָבגעשניטען פון דער איבערי-
גער טערקישער אַרמעע. איצט האָט שוין קיינער, אַ חוץ די
„יודישע טערקען” נישט געצווייפעלט, אַז אָסמאַן-פּאַשאַ וועט זיך
מוזען אונטערגעבען. די צייטונגען האָבען פּערזיכערט, אַז אין
פּלעוונע זענען נישטאָ קיין שום לעבענס-מיטלען—און די בעלאַ-
גערטע אַרמעע וועט מוזען קאַפּיטולירען. מיט אַ גרויסער אָנ-
שטרענגונג האָבען אַלע געוואַרט אויף דאָס פּאַלען פון פּלעוונע,
פון וואָס עס איז געווען אָבהענגיג די פראַגע וועגען שלום אָדער,
לכל הפחות, וועגען אַ וואָפענשטילשטאַנד.

נאָר די געשעהענישען זענען נישט געגאַנגען אַזוי שנעל.
עס זענען פאַרביי טעג, וואָכען, דער גאַנצער חודש אָקטאָבער—
און פּלעוונע האָט זיך אַלץ געהאַלטען. און אָסמאַן-פּאַשאַ האָט
אָבגעשטויסען די מעכטיגסטע שטורמען פון דער רוסישער אַר-
מעע. די אָנגעשטרענגטע ערוואַרטונג איז ביסלעכווייז אַריבער
אין אַ ספק. עס האָבען זיך אָנגעהויבען הערען פּעסימיסטישע
שטימען. פּלעוונאַ איז ביי אַלעמען אויסגעוואַקסען אין אַנ׳אונבע-
זיעגבאַרע פעסטונג און אָסמאַן-פּאַשאַ האָט בעקומען די רעפּו-
טאַציע פון אַ געניאַלען מלחמה-אָנפיהרער.

## ו.

נאָך זיין ערשטען וויזיט פלעגט מענדעל אַנ׳אַנדערש מאָל
אַריינקומען צו מיר. נאָר זיינע וויזיטען זענען געווען זאַכליכע
און קורצע, בעמערקענדיג, אַז איך בין נישט קיין אָנהענגער פון
די טערקען און בכלל נישט קיין פערקאָכטער פּאָליטיקער, האָט
ער זיך מיט מיר נישט אַריינגעלאָזט אין וכוחים. ער פלעגט
אַריינגעהן נאָר פרעגען, וואָס איז דאָ וויכטיגעס אין בלאַט אָדער
בעטען, איך זאָל איהם ערקלערען אַ וועלכען-עס-איז פּאָליטישען
ענין.

אין עטליכע טעג אַרום, נאָכדעם ווי די רוסען האָבען

גענומען די פעסטונג קאַרס (6 נאָוועמבער), איז צו מיר געקומען מענדעל, אַ זאָג געטהון אַ טרוקענעם „גוט'ן-אָווענד!“ איז צוגע-גאַנגען צום טיש, ביי וועלכען איך בין געזעסען, און וואַרפענ-דיג אויף מיר אַ קאַלטען, כמעט פיינדליכען בליק, האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַנ'אָנגעצויגענער העפליכקייט:

—מען האָט מיר געזאָגט, אַז איהר האָט אין שטאָדט אַ גרויסע בעקאַנטשאַפט צווישען פּריצים. אפשר קאָנט איהר ביי וועמען פון זיי בעקומען אַ טערקיש בלאַט?

—אַ טערקישע צייטונג?—האָב איך זיך פערוואונדערט,—וואָס רעדט איהר? און צו וואָס דאַרפט איהר עס?

—איך דאַרף...

—נעהמט אַראָב דעם פּאַלטאָ, זעצט זיך.

—אַדאַנק... איך האָב קיין צייט נישט,—האָט ער געענט-פערט קאַלט און מיט אַנ'איינגעהאַלטענער אונגעדולד צוגעגע-בען:—איז וואָס וועגען אַ טערקיש בלאַט?

—איך ווייס נישט, וואָס צו ענטפערן אייך,—האָב איך גע-זאָגט,—ווי קומט אַהער אַ טערקישע צייטונג? ביי וועמען קאָן זי זיך דאָ געפונען?

—ווי הייסט!—האָט ער זיך פערוואונדערט.—שוין-זשע זע-נען צווישען די היגע פּריצים נישטאָ אַזעלכע, וואָס זאָלען זיך אינטערעסירען ווי דער סדר איז מיט פּאָליטיק?

—און אַז עס זענען דאָ אַזעלכע,—אויף וואָס דאַרפען זיי אַ טערקישע צייטונג?—האָב איך איהם אַלץ נישט פערשטאַנען.

—נו, כאָטש פונדעסטוועגען, כדי אויסצוהערען דעם אַנדערן צד!—האָט ער אויסגעשריען שוין אויפגערעגט.

—ווי פערשטעהט איהר נישט—האָב איך זיך אָבגערופען,—אַז בעקומען דאָ אַ צייטונג פון טערקיי איז אַנ'אונמעגליכע זאַך.—נאָר מען וואָלט זי שוין, לאָמיך זאָגען, בעקומען--ווער וואָלט זי דאָ קענען לייענען? ווער קען טערקיש?

—ווי הייסט, ווער קען טערקיש?—האָט ער זיך ווידער פערוואונדערט.--איך האָב גערעכענט, אַז פּריצים קענען אַלע

טערקיש; איך בין געווען בטוח, אַז איהר קענט אויך טערקיש. מען האָט מיר געזאָגט, אַז איהר קענט אי דייטש, אי פראַנצויז. האָב איך גערעכענט, אַז טערקיש קענט איהר געוויס... ניין!— האָט ער מיט אַמאָל אויסגעשריען ענערגיש,—זאָגט, וואָס איהרווילט, נאָר אָהן אַ טערקיש בלאָט וועט מען דעם אמת נישט וויסען!

—וועלכען אמת? וועגען וואָס?

—וועגען קאַרס! „גענומען קאַרס!" אַזוי פשוט וואָלט דאָס דער רוס נעהמען קאַרס! מסתמא, איז דאָ געווען אַ בגידה. עמי-צער פון דער זייט האָט נאָך אונטערגעהאָלפען, די ענגלענדער... אָבער איך פערשטעה נישט, ווי אַזוי האָט דאָס דערלאָזט אָסמאַן־פאַשאַ!

—גאָט איז מיט אייך, ר' מענדעל!—האָב איך זיך אָבגע-רופען,—וואָס רעדט איהר. וואו איז קאַרס און וואו איז פלעווּ-נע?—אויףביידע עקען טערקיי! און חוץ דעם, וואָס האָט דאָ געקאָנט העלפען אָסמאַן־פאַשאַ, וועלכער איז אַליין בעלעגערט און זיצט פערשפאַרט אין פלעווּנע?

—כיי, „בעלעגערט"! „פערשפאַרט"!—האָט מענדעל איבער-גע'חזר'ט צורייצט—וואָס דערצעהלט איהר מיר מעשיות! אַקוראַט ווי מען ווייסט נישט, אַז אָסמאַן-פאַשאַ האַלט דעם רוסישען חיל בעלעגערט און לאָזט איהם נישט ריהרען זיך פון אָרט.

איך האָב איהם אויף דעם נישט געענטפערט. נאָר אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך איהם רוהיג אַ פרעג געטהון:

—זאָגט מיר, ר' מענדעל, פאַרוואָס זענט איהר אַזאַ שונא רוסלאַנד?

מיין פראַגע האָט מענדלען נישט פערוואונדערט. נאָר ער האָט נישט באַלד געענטפערט. ער האָט זיך צוגעזעצט און רוהיג אַרויסגערעדט:

דעם אמת זאָגענדיג, זעה איך נישט אַרויס, פאַרוואָס איך זאָל זיין דעם רוס אַ גרויסער גוטער פריינד. די טובות, וואָס איך האָב פון איהם געהאַט, קאָן איך מנדב זיין אויף צעהן

קלויסטערס... נאָר אויב איהר ווילט, בין איך איהם גאָר קיין שונא נישט.

—ווי הייסט: קיין שונא נישט, אַז איהר ווילט ער זאָל בעקומען די מפלה פון טערק?

—זעהט איהר, דאָ איז גאָר אַנ׳אַנדער ענין, וואָס האָט קיין שייכות נישט צו שנאה אָדער אהבה. ווען איך וואָלט זעהן, אַז אין דער מלחמה איז געדעכֿט דער רוס, וואָלט איך פאַר איהם האַלטען שטאָל און אייזען, ווי איך האָלט איצט פאַר׳ן טערק... דאָ איז דאָך אַ פראַגע פון יושר און גערעכטיגקייט. דאָ גיסען זיך דאָך טייכֿען בלוט—קאָן מען דען טראַכֿטען וועגען שנאה אָדער אהבה?

—אָבער שוין-זשע פיהלט איהר נישט אַ וועלכע-עס-איז נאָהענטקייט, אַ וועלכען-נישט-איז צוזאַמענבונד מיט׳ן פאָלק, מיט וועלכֿען איהר לעבט צוזאַמען פון געבוירען אָן?—האָב איך ווי-דער געפרעגט.

—איך לעב צוזאַמען? מיט ווען לעב איך צוזאַמען? מיט פאָניען? וואו לעב איך מיט איהם צוזאַמען? הויבט זיך גאָרנישט אָן!... און גלאַט, מיט וועמען קאָן איך האָבען אַ צוזאַמענבונד, אַ התקרבות? מיט׳ן פויער, ביי וועמען דאָס לעבען הויבט זיך אָן אין חזיר-שטאַל און ענדיגט זיך אין שענק? אָדער מיט׳ן פריץ, וועלכֿער טראַכֿט נאָר וועגען אַ גוטען וואַרמעס, אַ פיינעם בגד און—האָט קיין פאַראיבעל נישט,—אַ שענע נקבה? וואָס פאַר אַ מחותן בין איך מיט זיי?

—און צוריק גערעדט,—האָט ער צוגעגעבען מיט אַ שמיי-כעל,—פערשטעה איך זעהר גוט, אַז איך קאָן ביי זיי אויך קיין גרויסער חשוב נישט זיין. וואָס בין איך באמת פאַר אַ מענש, אַז קיין חזיר עס איך נישט, אַז רופען, רופט מען מיך מענ-דעל, נישט איוואַן און איך טראָג נאָך דערצו פאות און אַ לאַנ-גע קאַפּאָטע? עס פערשטעהט זיך, אַז איך ווייז אויס ביי זיי אין די אויגען ווי אַ פרא אדם אָדער אפילו גאָר ווי אַ בהמה.

ער האָט ביטער געשמייכעלט און אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד.

## ז.

דעם 28-טען נאָוועמבער איז ענדליך געפּאַלען פּלעווּנע. דערביי האָט זיך אָסמאַן-פּאַשאַ מיט זיין גאַנצען חיל פון פערציג טויזענד מאַן איבערגעגעבען אין געפאַנגענשאַפט. איך האָב זיך דערוואוסט וועגען דעם אינדערפריה פון די פונאַנדערגעקלעבטע טעלעגראַמען. איך בין שנעל אַוועק אַהיים. מיר האָט זיך געוואָלט זעהן, וואָס פאַר אַנ'איינדרוק דאָס געשעהעניש האָט געמאַכט אויף מענדלען. איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר איך בין געווען זיכער, אַז איהם איז דאָס נייעס שוין בעוואוסט.

איך האָב אַ טעות געהאַט. מענדעל האָט נאָך נישט געוואוסט. איך האָב איהם געטראָפען אין רעכטען ברען פון לערנען מיט די תלמידים. ער און צוויי פון זיינע זעקס תלמידים. שטאַרק שאָקלענדיג זיך און מאַכענדיג מיט די הענד, האָבען,— אַלע דריי מיט אַמאָל,—אויסגעשריען מיט אַ נגון פון טיעפסטער פערצווייפלונג אַ גמרא-ענין. די איבריגע פיער תלמידים, שאָקלענדיג זיך איבער די אָפענע גמרות, האָבען שווייגענדיג זיך צוגעהערט. דער ענין איז, ווייזט אויס, געווען אַ האַרבער, אַ פערפלאָנטערטער, און די תלמידים האָבען איהם בשום אופן נישט געקאָנט תופס זיין. זיי זענען געווען אויסגעמאַטערט, דערשראָקען און אין די אויגען האָט זיך ביי זיי אויסגעדריקט אַ מורא'דיגע נידערגעשלאָגענקייט. מענדעל איז געווען נאָך מעהר אויסגעמאַטערט. זיין געל, וואַקסען געזיכט איז געווען בעדעקט מיט שווייס. מיט אַלע כחות, מיט די הענד, מיט'ן קול, מיט די אויגען און מיט'ן גאַנצען קערפּער האָט ער געאַרבייט, בעמיהענדיג זיך געבען צו פערשטעהן די קינדער דעם שווערען ענין. נאָר אַלץ איז געווען אומזיסט. פון אָנשטרענגונג און פון אייגענעם געשריי זענען די קינדער געוואָרען מטושטש און אינגאַנצען פערלאָרען די פעהיגקייט עטוואָס צו פערשטעהן. מעכאַניש האָבען זיי אונטערגעכאַפּט מענדעל'ס ווערטער און זיי אויסגעשריען מיט אַליידענשאַפטליכער פערצווייפלונג.

איך בין שוין פריהער ׀עטליכע מאָל געווען אין חדר ביי מענדלען און ער האָט זיך נישט פערוואונדערט אויף מיין ווי־זיט. ער האָט מיט אַמאָל איבערגעריסען זיין געשריי, האָט טיעף אָבגעעטעמט, אָבגעווישט מיט׳ן אַרבעל פון העמד דעם שווייס פון פּנים (ער איז, ווי געוועהנליך, געווען אַהן אַ ראָק) און מיט אַ שוואַכען קול אַ פרעג געטון:

—אפשר דאָ עפּעס נייעס?

איך האָב נישט געהאַט קיין מוטה צו איבעררײַשען דעם אויסגעמאַטערטען מענשען מיט אַ נאַכריכט, וועלכע האָט געזאָלט מאַכען אויף איהם אַ גוואַלדיגען איינדרוק, און האָב נאָר אונבע־שטימט אַ שאָקעל געטהון מיט׳ן קאָפּ. מענדעל האָט זיך בענו־געגט מיט׳ן ענטפער, האָט ווידער טיעף אָבגעעטעמט, ברייטע פע־נענדיג דאָס מויל, און אַרויסגערעדט מיט פערביטערונג:

—אָהן כחות בין איך מיט זיי געבליבען. ווילען נישט פערשטעהן—און אַנ׳עק! כאַטש לעג זיך און שטאַרב!

ער האָט זיך האַסטיג צוריק אַ קעהר געטהון צו די תלמידים און פונאַנדערשאָקלענדיג זיך, אויסגעשריען מיט׳ן גמרא־נגון:

—נו־ו־ו! נאָ־אָך אַמאָ־אָל! תנו רב־בנן!

עס זענען נישט פאַרביי קיין צעהן מינוט נאָך מיין קו־מען, ווי אין חדר איז אַריין מיכאל. דער „רוס״, וואָס איז אַרויסגעטראָטען אין שוהל. זענענדיג מענדעל׳ס שאַרפסטער געג־נער אין פּאָליטיק, איז ער אין דער זעלבער צייט געווען זיין נאָהנטסטער פריינד.ביידע מלמדים, ביידע חסידים פון איין קלייזעל, זענען זיי חוץ פּאָליטיק געווען צוזאַמענגעבונדען מיט פיעל געמיינזאַמע אינטערעסען און פלעגען אָפט בעזוכען איינער דעם צווייטען. מענדעל האָט דעריבער נישט געלעגט קיין אַכט אויף מיכאל׳ס קומען. נאָר איך האָב גלייך פערשטאַנען, צוליעב וואָס יענער איז געקומען. מיר האָט זיך אפילו אויסגעוויזען, אַז ער האָט מיר אַ וואונק געטהון מיט די אויגען, איך זאָל שווייגען.

ער איז אַריין שטיל און לאַנגזאַם מיט אַ וואַכעדיגען טרוי־

עריגען אויסדרוק אויפ׳ן פנים. אָבמורמלענדיג דעם „גוט מאָר-גען״, האָט ער זיך צוגעזעצט אויף אַ בענקעל, נאָר באַלד אויפ-געהויבען זיך, צוגעגאַנגען צום טיש און אַריינגעקוקט אין אַנ׳-אָפּענער גמרא.

—אַ-אַ! אָט ווי איהר האַלט!—האָט ער אויסגערופען מיט אַ טאָן פון מיטגעפיהל—אַ בעקאַנט ערטעל! אַ גוטער זומפּ, זאָל איהם קיין יוד נישט קענען! פּאַראַיאָהרען בין איך מיט מיינע חמורים אַ וואָך צייט אָבגעשטאַנען אויף דעם ענין, ביז איך בין פון איהם אַרויסגעקראָכען!

—דער ענין איז גאָרנישט אַזאַ שווערער,—האָט זיך אָבגע-רופען מענדעל.—וואָלטען זיי זיך ווען אַ ביסעל אַריינלעגען, וואָלטען זיי פערשטאַנען... איז גאָרנישט! מ׳וויל נישט! אָהן כחות בין איך געבליבען מיט די פערדישע מחות!

—נו, דאָס ביזטו אַ ביסעל מגזם. דער ענין איז אַ שווע-רער. איך האָב געזעהן, ווי עלטערע יודען, נישט קיין עם-הארצים, האָבען איבער איהם געשוויצט... דאָס איז אַ מין פלעוו-נע, שווער איהם צו נעהמען,—האָט געענדיגט מיכאל מיט אַ גוטמוטיגען געלעכטער.

מענדעל האָט אויך אַ שמייכעל געטהון.

—פונדעסטוועגען וועלען מיר איהם נעהמען גיכער איידער דער רוס וועט נעהמען פלעוונע,—האָט ער אַ זאָג געטהון זיכער.

—אָ-אָי! מיין פריינד, האָסט נעבעך אַ גרויסען טעות!—האָט גוטמוטהיג צוגעוונגען מיכאל.—פלעוונע איז שוין גענומען.

—יאָ-אָ, עס פערשטעהט זיך!—האָט איראָניש אויסגערופען מענדעל.

—ניין, טאַקי באמת גענומען. נעכטען בייטאָג.—האָט אי-בערגע׳חזר׳ט שוין ערנסט מיכאל און דרייסט אַ קוק געטהון אויף מענדלען.

מענדעל האָט אויפגעציטערט פון דעם בליק. נאָר ער האָט נאָך נישט געגלויבט.

—וואָס? וואָס רעדסטו? וואָס פלוידערסטו?—האָט ער אויס-גערופען אונרוהיג.

מיכאל האָט אַרויסגענומען די טאַבאַק-פּושקע, נישט גע-איילט זי געעפענט, גענומען אַ שמעק טאַבאַק, געשמאַק אַ שמעק געטהון, אַרומגעווישט די נאָז מיט דער פאַטשיילע און זיך גע-ווענדט צו מענדלען:

—יאָ, מיין פריינד! איך פלוידער נישט. דאָס בין איך אומישנע געקומען אָנזאָגען דיר די גוטע בשורה. פלעוונע איז גענומען, און נישט פּראָסט גענומען: אָסמאַן-פּאַשאַ מיט זיין גאַנ-צען חיל האָט זיך איבערגעגעבען אין פּלען. אָט איז דיר קור-צע דבורים.

פון די „קורצע דבורים” איז מענדעל געוועזן ערשיטערט. ער האָט אַ קעהר געטהון זיך צו מיר, ווי ער וואָלט זוכען ביי מיר הילף.

—וואָס רעדט ער? וואָס זאָגט ער?—האָט ער מיך גע-פרעגט.

איך האָב אָבער געקאָנט נאָר בעשטעטיגען מיכאל׳ס ווער-טער.

—ווי הייסט?—האָט זיך מענדעל נאָך מעהר פערוואונ-דערט.—איהר ווייסט אויך דערפון?—וואָס-זשע האָט איהר געשווי-גען?... פון וואַנען ווייסט איהר? אין בלאַט?...

—ניין, עס איז דאָ אַ דעפּעשע...

—וואו?... אין מאַרק?...

—און מענדעל האָט זיך האַסטיג אויפגעהויבען פון אָרט, גרייט צו לויפען אין מאַרק לייענען די דעפּעשע.

—שאַ! פליה נישט!—האָט איהם אָבגעשטעלט מיכאל.—איך האָב דיר אַהער געבראַכט די בשורה טובה, נישט געזשאַלעוועט קיין צוויי קאָפּיקעס, נאָר דיך מהנה צו זיין.

און ער האָט דערלאַנגט מענדלען אַ צונויפגעלעגט גראָה פּאַפּיר מיט דער געדרוקטער טעלעגראַמע. אַליין איז ער אָבגע-גאַנגען אָן אַ זייט, צוגעגאַנגען צו אַ קליין פּאָליצקעלע, וואו עס זענען געלעגען אָנגעוואָרפען צופליקטע ספרים, האָט צווישען זיי אויפגעזוכט אַ דין העפטעל, אַ כתב-יד, געדיכט פערשריבען מיט אַ דינער האַנדשריפט אין האַלב קיילעכדיגע שורות—דעם רבי׳ס

אַ תורה--האָט זיך צוגעזעצט ביים פענסטער און אַריינגעטהון זיך אין דעם כתב-יד, ווי ער וואָלט איינגאַנצען פערגעסען אָן מענ-דלען און אָן פּלעוונע.

מענדעל האָט אַ זאָג געטהון די תלמידים:

—איהר קוקט דערווייל פאַר-זיך דורך דעם ענין און זעהט איהם צו פערשטעהן.

די תלמידים, וואָס האָבען זיך שטאַרק דערפרעהט מיט מיין, און איבערהויפּט, מיכאל׳ס קומען, ווייל אונזער וויזיט האָט געדאַרפט איבעררייסען כאָטש אויף אַ ווייליע דאָס לערנען, האָ-בען זיך שטאַרק פעראינטערעסירט מיט׳ן נייעס, וואָס מיכאל האָט געבראַכט. מאַלענדיג זיך, אַז זיי קוקען אין די גמרות, האָבען זיי אָנגעשטרענגט צוגעהערט זיך צו יעדען וואָרט פון אונזער געשפּרעך און שטילערהייד זיך דורכגערעדט צווישען זיך. פון די עטליכע ווערטער, וואָס איך האָב געכאַפּט פון זייער גע-שפּרעך, נאָך דעם אויסדרוק פון זייערע פנים׳לעך האָב איך פער-שטאַנען, אַז זיי, די קינדער, טיילען זיך אויך אויף „רוסען" און „טערקען" און איצט, אונטער׳ן צודעק פון דער גמרא, פיי-ערן די „רוסען" זייער נצחון איבער די „טערקען".

מענדעל האָט נערוועז פונאַנדערגענומען דאָס פּאַפּירל און איינגעגעסען זיך מיט דעם בליק אין דער דעפּעשע. רוסיש האָט ער געלעזען מיט גרויס מיה און לאַנגזאַם. איצט האָט ער זיך נאָך אָבגעשטעלט אויף יעדער פראַזע, ווי ער וואָלט וועלען נישט בלויז פערשטעהן איהר אינהאַלט, נאָר אַריינדרינגען אין איהר טיעפסטער בעדייטונג. עטליכע מאָל האָט ער געמאַכט אַ בעוועגונג, ווי ער וואָלט וועלען עטוואָס זאָגען, נאָר ער האָט זיך אָבגעהאַלטען און צוריק אומגעקעהרט זיך צום בלעטעל.

געענדיגט לייענען, האָט ער זיך פערטראַכט און געבלי-בען זיצען מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ און פערקנייטשטען שטערן, ווי ער וואָלט זיך בעמיהען עטוואָס צו דערמאָהנען. מיט יעדער רגע איז זיין פנים געוואָרען רוהיגער. נאָר אָט האָט מענדעל מיט אַמאָל אויפגעהויבען דעם קאָפּ און מיט ברייט-פונאַנדערגע-עפענטע פערוואונדערטע אויגען אַ בליק געטהון אויף מיכאל׳ן,

אויף מיר, אויף דער טעלעגראַמע,—און האָט שטאַרק אַ ציטער געטהון, ווי עמיצער וואָלט איהם אומגעריכט אויפגעוועקט פון שלאָף. גאָר אַ נייער אויסדרוק האָט זיך בעוויזען ביי איהם אין די אויגען—אַנ׳ערנסטער, שטרענגער, כמעט אַנ׳אַסקעטישער. עס האָט אויסגעוויזען, אַז אין די עטליכע מינוטען האָט דער מענש איבערגעלעבט אַ גאַנצע איבערקעהרעניש, האָט אַראָבגעוואָרפען פון זיך אַ קאָשמאַר, האָט געפונען אַ תירוץ אויף אַ האַרבע קשיה.

אַנ׳ערך א האַלבע שעה איז מיכאל געזעסען פערטיעפט אין קבלה-כתב-יד. אויסרעכענענדיג, אַז פאַר דער צייט האָט מענדעל שוין געהאַט די מעגליכקייט דורכצולעזען די טעלעגראַמע און גוט בעטראַכטען איהר אינהאַלט, האָט ער לאַנגזאַם פערמאַכט און אַוועקגעלעגט אויפ׳ן אָרט דעם כתב־יד, גענומען אַ בענקעל, אַוועקגעשטעלט איהם אַנטקעגען מענדלען, אַוועקגעזעצט זיך און פיקסירענדיג זיין געגנער מיט אַנ׳אָנגעשטרענגטען בליק, האָט ער קאַלט, רוהיג, אָבער מיט אַנ׳אכזריות׳דיגער האַרטקייט, אַרויס-גערעדט:

—נו, און איצט זאָג מיר, מענדעל, וואָס טראַכסטו וועגען דעם?

—מענדעל האָט נישט גלייך געענטפערט. ער האָט אַ קוק געטהון אויף טיכאל׳ן מיט דעם זעלבען קאַלטען און רוהיגען בליק, און אין דעם זעלבען טאָן, וואָס מיכאל, אָבגעענטפערט:

—און דו, מיכאל, וואָס טראַכסטו וועגען דעם?

מיכאל האָט נישט געוואַרט—נישט אויף אַזאַ רוהיגקייט, נישט אויף אַזאַ ענטפער. ער איז געוועזען איבערראַשט פון מענ-דעל׳ס עקשנות.

—משוגע׳נער!—האָט ער אויסגעשריען מיט כעס—מען דאַרף דאָך זיין משוגע, מען זאָל רעדען אַזוי ווי דו רעדסט! וואָס פלעוונע איז געפאַלען און אָסמאַן-פאַשאַ האָט זיך אונטערגעגע-בען איז דיר נאָך וועניג? וואָס-זשע פאַר אַ אותות ומופתים דאַרפסטו? דער הימעל זאָל זיך לעגען אויף דער ערד?

מיכאל׳ס געשריי האָט קייז שום איינדרוק נישט געמאַכט אויף מענדלען.

—שריי נישט און פילדער נישט,—האָט ער זיך אָבגערו-פען געלאַסען.—מען קאָן מיינען, אַז נישט סקאַנבעלעווו, נאָר דו אַליין מיט דיין חכמה און גבורה האָסט געמיינט פלעוונע... וואָס ווילסטו זאָל איך דיר זאָגען? ווילסט, איך זאָל מודה זיין, אַז דו ביזט געווען אינגאַנצען גערעכט און איך האָב אַ טעות גע-האַט?

—יאָ, דאָס וויל איך!—האָט געענטפערט האַרט מיכאל.

—נו, וועל איך דיר זאָגען בפירוש, אַז איך בין עס נישט מודה!—האָט ענטשיעדען אַרויסגעזאָגט מענדעל.

—איז וואָס זאָג איך? זאָג איך דאָך, אַז דו ביזט אַ משוגענער!—האָט ווידער אויסגעשריען מיכאל.

—אַז דו וועסט מיך אויסהערען מיט קאָפּ, וועסטו אַליין מודה זיין, אַז איך בין נישט קיין משוגענער... דערמאָהן זיך נאָר, וואָס האָב איך גע׳טענה׳ט די גאַנצע צייט...

—דו האָסט גע׳טענה׳ט...

—וואַרט, איך וועל אַליין אַרויסזאָגען מיינע טענות.—האָט איהם אָבגעשטעלט מענדעל.—איך האָב קודם-כל גע׳טענה׳ט, אַז אין דער מלחמה איז דער גערעכטער צד דער טערק און דער אומגערעכטער דער רוס. נו, איז וואָס דערווייזט דאָ דעם רוס׳ס נצחון? אַז ער איז גערעכט? צי איז דען אַלעמאָל מנצח דער גערעכטער? ווייסען מיר דען נישט, אַז עס קומט פּאָר גראָד פערקעהרט: „רשע וטוב לו, צדיק ורע לו"...

—אָבער דו האָסט דאָך די גאַנצע צייט געשריען...—האָט ווידער אָנגעהויבען מיכאל. נאָר מענדעל האָט איהם אויף דאָס ניי איבערגעשלאָגען:

—לאָז מיך רעדען. איך ווייס וועגען וואָס איך האָב די גאַנצע צייט געשריען. געשריען האָב איך, אַז דער טערק איז שטאַרקער פאַר׳ן רוס, און איך בלייב איצט אויך ביי דער זעל-בער דעה! איי וואָס, דער רוס האָט מנצח געווען? איז וואָס בעווייזט עס? איז דען אַלע מאָל מנצח דער שטאַרקערער? מיר זעהען, אַז אָפטער פאַר אַלץ איז דער שלאַפער גובר דעם שטאַרקערען. די מיק, אַ קליין פליגעלע, האָט מנצח געווען דעם

גבור טיטוס׳ן. דלילה האָט מנצח געווען שמשון הגבור...

—דוד און גלית הפלשתי!—האָט מיט אַמאָל איבערגעזאָגט איינער פון די תלמידים און האָט זיך שטאַרק פערשעמט און בעהאַלטען דאָס פנים.

די איבריגע קינדער האָבען זיך צולאַכט און איינס האָט אַרויסגערעדט שטיל און שטרענג:

—המורה הלכה בפני רבו חייב מיתה!

—קינדער! מישט זיך נישט, נישט אין אייער זאַך! טהוט וואָס איך האָב אייך געהייסען,—האָט זיי רוהיג און נישט שטרענג אַ זאָג געטהון מענדעל און האָט זיך ווידער געװענדעט צו מיכאל׳ן:

—די איינציגע זאַך, וואָס איך האָב אַ טעות געהאַט, איז דאָס, וואָס איך האָב געהאַלטען, אַז דער טערק מוז בלי שום ספק מנצח זיין. דאָס, זעהסטו, בין איך מודה...

—אַהאַ, ביזט פאָרט מודה!...

—וואַרט אַקאָרשט. אָבער אין דעם פרט האָסטו געהאַט דעם זעלבען טעות, וואָס איך,—האָט צוגעגעבען מענדעל.

—איך?—האָט זיך פערוואונדערט מיכאל...—אין וואָס האָב איך אַ טעות געהאַט?

—מיין טעות איז בעשטאַנען נישט אין דעם, וואָס איך האָב פערזיכערט, אַז דער טערק וועט גובר זיין, נאָר דערין, וואָס איך האָב זיך סומך געווען אויף די ידיעות פון בלאַט און פון די דעפעשען... און דערין האָסטו געהאַט דעם זעלבען טעות, וואָס איך. מיר זענען ביידע אומגעלאָפען ווי פער׳סמ׳טע און געזוכט „נייעס״, „ידיעות״. אָבער פון די אַלע בלעטער און דע-פעשען האָבען מיר זיך געקאָנט דערוויסען נאָר דאָס, וואָס איז געווען, און נישט דאָס, וואָס עס וועט זיין. דעם תוך פון די געשעהענישען, זייער מקור און זייער טיפע בעדייטונג האָבען מיר אין די בלעטער נישט געקאָנט געפונען. בשום אופן נישט. וואָרום נישט די בלעטער, נישט ביסמאַרק, נישט ביקענס-פעלד מיט זייער גאַנצער טיפער פּאָליטיק האָבען נישט די קלענסטע השגה פון אַ שורש דבר, פון דעם מקור, פון וואַנען

עס נעהמען זיך אַלע געשעהענישען...

און ער האָט קאַלט און אַרויסרופענד אַ קוק געטהון אויף מיר, ווי אויף דעם פאָרשטעהער פון „בלאַט-נייעסען" און טיע-פער פאָליטיק.

מיכאל האָט אַלץ אויפמערקזאַמער זיך צוגעהערט צו מענ-דעל׳ס רייד: ער האָט געוואָלט אַריינשטעלען אַ וואָרט, נאָר מענ-דעל האָט איהם נישט געלאָזט אין ווייטער גערעדט:

—אויב מיר וואָלטען וועלען באמת אַריינדרינגען אין תוך פון דער מלחמה, מיט איהרע געשעהענישען און נצחונות, האָ-בען מיר געדאַרפט זוכען אַנ׳ענטפער אויף אַלץ נישט אין די בלעטער און דעפעשען, נאָר ערגעץ אַנדערש-וואו אין זוהר הקדוש און אין אַנדערע ספרים..

ער איז מיט אַמאָל אַנטשוויגען געוואָרען, פערטראַכט זיך און אין זיין בליק האָט זיך אויסגעדריקט אַ מיסטישער געדאַנק.

מיכאל איז געווען צורודערט פון די לעצטע ווערטער און נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן. ער האָט אַרויסגעכאַפט פון טאַש די טאַבאַק-פושקע, געשווינד געעפענט זי, אַ נעהם געטהון אַ פולען שמעק טאַבאַק און האַסטיג אַריינגעצויגען עס אין נאָז. דאָס האָט איהם אַ ביסעל בערוהיגט און קלאָר געמאַכט די רעיונות.

—אפשר.. ביזטו גערעכט... אָבער דאָס איז גאָר אַנ׳אַנ-דער ענין...—האָט ער אַרויסגערעדט, ווי פאַר זיך און, שווייגענ-דיג אַ ווײלע, צוגעגעבען:

—די טעג האָט מיר אַ יונגערמאַן אויפגעוויזען אויף אַ רמז אַ נוטריקון אויף „בראשית ברא". אַ טיעפע זאַך.

—וואָס?—האָט זיך פעראינטערעסירט מענדעל.

—„בראשית ברא" מאַכט: „בימי ראָמאַנאָוו אַלכסנדר שני יפול תוגר ברשת רוסיא אדירה*),

—ווי, ווי? נאָכאַמאָל!-האָט נייגעריג איבערגעפרעגט מענדעל.

---

*) אין די טעג פון ראָמאַנאָוו׳ן. אלעקסאַנדער דעם צווייטען, וועט דער תוגר (טערק) אַריינפאַלען אין נעץ פון שטאַרקען רוסלאַנד.

מיכאל האָט איבערגע׳חזר׳ט און מענדיל האָט ביי זיך פערשריבען דעם נוטריקון.

אַ ווײלע האָבען ביידע מלמדים געשוויגען. מיכאל האָט זיך שווער אויפגעהויבען פון אָרט.

—ווּעסט קומען אין אָוענד אויף דער אסיפה פון חברה „משכימי קום״?—האָט ער געפרעגט.

—ווי דען!—האָט געענטפערט מענדיל—מען וועט דאַרפען אַרומרעדען דעם ענין וועגען אַראָבברענגען ש״ד״ר. אַ חרפה, מען זאָל נישט קאָנען צונויפקלויבען אויף דעם אַ פּאָר רובל.

—פערשטעהט זיך, אַ חרפה!—האָט איינגעשטימט מיכאל, האָט אָבגעזיפצט, אַ נויג געטהון מיט׳ן קאָפּ מענדלען און מיר און איז אַרויס פון שטוב.

מענדיל האָט איהם בעגלייט מיט׳ן בליק ביז דער טהיר, האָט זיך האַסטיג אַ קעהר געטהון צום טיש, און אַרויסגערעדט ענטשלאָסען, כמעט פייערליך:

—נו, קינדערלעך! איצט דאַרף מען זיך ווי דער סדר איז נעהמען פאַר דעם ענין. איהם איז נישט שווער צו פערשטעהן, מען דאַרף זיך נאָר דערין אַרייגלעגען!

ער האָט מיט ביידע הענד ווייך, כמעט צערטליך אַ גלעט־געטהון די גרויע האַרציגע אויסגעבויגענע בלעטער פון דער גמרא, האָט אַ טיפען זיפץ געטהון און אויסגערופען מיט אַ נגון:

—נו, נעהמט זיך, תנו רבנן!...

קומענדיג צו זיך אין הויז, האָב איך געפונען דעם אַלטען בעל־הבית אַ צורודערטען. ער איז אומגעגאַנגען אַ מטושטוש׳ער פון איין ווינקעל אין צווייטען און זיך קיין אָרט נישט געפונען—ווען ער האָט מיך דערזעהן, האָט ער זיך מיט אימפעט אַ וואָרף געטהון צו מיר און אויסגעשריען:

—וואָס, ס׳איז אמת? טאַקע אמת?

—וועגען וואָס רעדט איהר;—האָב איך זיך פערוואונדערט.

—אַז דער רוס האָט גענומען די... שטאָדט... ווי הייסט זי, איך האָב פערגעסען איהר נאָמען...

—פלעוונע?

יאָ, יאָ, פלעוונע! טאַקי געגומען?

געגומען!

—אַי, אַי, אַי!—האָט ער אויסגעשריען פערצווייפעלט—נו... און וואָס-זשע וועט איצט זיין?

—איצט וועט מען שליסען שלום.

ש׳ום?!—האָט ער אויסגערופען ערשיטערט.—נו, און... גאָרנישט?...

—גאָרנישט!

דער אַלטער האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף מיר מיט אַ דערשראָקענעם בליק. ביסלעכווייז האָט ער זיך בערוהיגט, האָט זיך אָבגעקעהרט און אַרויסגערעדט מיט אַ נידערגעשלאָגענעם קול:

—ווי געפעלט אייך מיין אשת חיל? אַוועקגעגאַנגען אין קראָם און האָט מיר נישט געלאָזען אויף שמעק-טאַבאַק קיין געלד? איך געה אום דעם גאַנצען פריהמאָרגען ווי אַ געקוילעטע גאַנז...

איך האָב איהם אויסגעליהען די צוויי קאָפּיקעס אויף שמעק-טאַבאַק און דאָס האָט איהם געמאַכט פערגעסען אָן דער גאַנצער היסטאָרישער געשעהעניש, וואָס האָט איהם אַזוי אויפגערודערט.

---

מיין בעקאַנטשאַפט מיט מענדלען האָט זיך מיט אַמאָל איבערגעריסען. ער האָט אויפגעהערט אַריינקומען צו מיר און ביי צופעליגע בעגעגענישען פלעגט ער מיך אויסמיידען. באַלד בין איך אַריבער אויף אַנ׳אַנדער דירה און האָב אין עטליכע חדשים אַרום אינגאַנצען פערלאָזט וו.

# שטיפקינדער

## א

זעליג האָט אָבגעוואויגען דריי פונט ברויט און לאַנגזאַם אָהן חשק, דערלאַנגט דער פרוי וואָס איז געשטאַנען ביים טיש פון דער אַנדערער זייט.

—אַלץ אויף באָרג! אַלץ אויף באָרג!— האָט ער געברומט פאַר זיך און אומעטיג צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. רבונו של עולם ווען וועט שוין צו דעם קומען אַ סוף?

דאָס ווייבל האָט נישט דרייסט גענומען דעם אָבגעשניטע־נעם ברויט און איז געבליבען שטעהן אינמיט'ן קראָם ווי אַ פער'משפט'ע.

אויפ'ן ערשטען בליק האָט מען זי געקאָנט אָננעהמען פאַר אַ זקנה, כאָטש זי איז נאָך נישט אַלט געוועזן קיין דרייסיג יאָהר. אַ מאָגער געזיכט אָהן אַ בלוטסטראָפּען, איינגעפאַלענע באַקען, פאַרטרוקענטע ליפּען, די אויגען קרענקליך פערראַטעלט און דער אויסדריק, פון אַ ביטערער אונבעהאָלפענקייט. דאָס אַלץ, און איהר גאַנץ געבויגען געשטאַלט, האָט דערצעהלט, פון אַ ביטער און שווער לעבען פול מיט ווייטאָג און שטענדיגען דלות.

איהר אלט צוריסען סיצען קליידעל, איהרע אויסגעקרימטע שיך און דאס אָבגעקראַכענע טיכעל אראָבגעלאָזען ביז די אויגען—דאס האָט נאָך גאַנצער געמאַכט איהר פעראָרימטען אויסזעהן.

זעליג האָט געעפענט אַ לאַנגען פארשמאַלצענעם לייסטער, האָט אויפגעמישט אַ פאַרפעצטען בלאַט און, טייטלענדיג מיטן פינגער האָט ער אויסגערעדט כמעט מיט פחד:

—פיער רובעל מיט צוויי-און-פופציג קאָפּיקעס חוץ דעם הייבּטיגען ברויט!! אַ גרויל, אַ גרויל!!

—ר׳ זעליג,—האָט זי אָנגעהויבען שטיל און הכנעה׳דיג — וואס קאָן איך מאַכען... איהר ווייסט דאָך מיין לאַגע... געוואָרען אַזוי פיעל, ווען איהר אויפוואַרטען נאָך אַ פּאָר טעג. דער אַרבעטער וועט אייך ממלא זיין דערפאַר... משה אַרבייט דאָך שוין איצט גאָט צו דאַנקען... פרייטאָג וועט ער אָבנעמען עטליכע רובּל.

און זי האָט אויסגעלאָזט מיט אַ טיפען זיפץ.

זעליג האָט צוגעמאַכט דאָס בוך, אַ קנייטש געטהון מיט די אַקסלען און גאָרנישט געענטפערט.

און וואס האָט ער דען געהאַט צו זאָגען? ער האָט אַליין אייך גאַנץ גוט געוואוסט די ביטערע לאַגע פון דעם אָרימען ווייבעל. צוויי חדשים איז איהר מאַן אָבגעלעגען אין שפּיטאָל און זי מיט די דריי עופּה׳לעך זענען געבליבען ווי אינמיטען ים. די איינציגע ישועה איז געווען, וואס זעליג, דעם מאַנ׳ס אַ ווייטער קרוב האָט געגעבען ברויט אויף באָרג. ער איז אפילו אַליין אויך אַ קבצן אָבער מען קאָן דאָך נישט לאָזען אַ יודישע טאָכטער מיט דריי קינדער פאַלען אין מיטען גאַס.

די פרוי האָט ווידער אָבגעזיפצט, האָט שטיל געזאָגט: אַ גוטען טאָג ר׳ זעליג... אַ דאַנק אייך... און מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ אַרויס פון קרעמעל.

—אַ גוט יאָהר שרה,—האָט איהר מילד נאָכגעזאָגט זעליג און האָט ענטשלאָסען אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד, ווי ער וואָלט וועלען מיט דעם זאָגען: „אַזאַ מענש ווי איך, וועט אייביג בלייבען אַ קבצן״!

זעליג האָט געהאַט זיין קרעמעל אין אַ קליין שמאָל געסעל. אין דעם דאָזיגען הערבסטיגען פריהמאָרגען, איז דאָס געסעל געווען פערגאָסען מיט אַ זומפּיגער בלאָטע. אריבערגעהן דאָס געסעל איז געווען אונמעגליך. נאָר שפּרינגענדיג איבער די האַלב פערזונקענע שטיינער און ברעטלעך נעבען די הייזער, האָט מען געקאָנט צוקומען צו וועלכער עס איז שטוב.

שרה האָט זיך דערקליבען ביז צו אַ נידעריגער בייכיגער שטיבעלע. זי האָט געעפענט די טהיר און, דורכגעהענדיג אַ היבשען חדר וואו עס האָט געאַרבייט דער בעל-הבית, אַ שוסטער, איז זי אַריין אין איהר קליין חדר׳ל פאַר וועלכען זי האָט געצאָהלט פופציג קאָפּיקעס אַ וואָך דירה געלד.

אויף אַ גרויס בעט, וואָס האָט פערנומען כמעט אַ דריטעל חדר, זענען געזעסען צוויי יונגלעך, איינער פון אַ יאָהר אַכט אין צוריסענע הייזלעך און ארבע-כנפות, דער צווייטער פון אַ יאָהר פיער—אין אַ העמדעל פון גראָבען ליינווענט.ביידע אין יאַרמולקעס. נעבען בעט איז געהאָנגען אַ וויג אין וועלכען עס איז נאָך געלעגען אַ זויג קינד.

גלייך ווי שרה איז אַריין אין צימער זענען ביידע קינדער אראָבגעשפּרונגען פון בעט.

—מאַמע! מאַמע! האָט אויסגעשריען דער יונגערער האַלב פרעהליך, האַלב וויינענדיג און האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן איהר קליידעל.—גי מי אָנבייסען מאַמע, גי מי ביויט.

—פרעסער, — האָט זיך אָנגערופען שרה און לייכט איהם אָבגעשטופּט.—זעה נאָר ווי ער האָט דאָס קיין צייט נישט! ער לאָזט גאָר די שוועל נישט איבערטרעטען. דער טאָג איז נאָך גרויס, וועסט נאָך אָנשטאָפּען די קישקע!

כן, כן! אז איך כאַיעס עסען,—האָט זיך צעוויינט דאָס קינד און אַריינגעלאָזט אַלע צעהן פינגער אין די האָר.

—אַוועק פאַסקודניק! איך דאַרף געהן אין חדר,— האָט זיך אָבגערופען דער עלטערער און אָבגעשטופּט דעם ברודער.—מאַמע, גיב מיר אָנבייסען געה איך אַוועק!

שרה האָט אָבגעשניטען צוויי המוציא׳ס ברויט און געגעבען

די קינדער, דערנאָך האָט זי אַרויסגענומען פון טישקעסטעל אַנ׳-אוגערקע אָבגעשניטען אַ האַלבע און געגעבען דעם עלטערען.

—אַ שעהנער חדר, נישטאָ וואָס צו רעדען.—האָט זי בי-טער אַרויסגערעדט.—אין אַ שעה אַרום וועסטו ווידער קומען צו לויפען ווארמעס פרעסען... אַ פולע לערנט מען אייך דאָרט, אויף מיינע שונאים געזאָגט די תלמיד תורה מיט די מלמדים מיט זייער קנעלען. נעהמען מעהר נישט געלד אומזיסט ביי די שטאָדט, די גזלנים.

דאָס עלטערע יונגעל האָט געכאַפּט דאָס ברויט מיט דער אוגערקע און אַרויסגעלאָפען פון שטוב אַ באַרוויסער אין תלמיד תורה אַריין. דער יונגערער האָט זיך צוריק פערקליבען אויפ׳ן בעט, פאַרשלאָגען זיך אין אַ ווינקעל און גענומען עסען, נישט געאיילט, מיט גרויס טעם.

שרה האָט אויף איהם אַ בליק געוואָרפען, אַ ווײַלע אַ טראַכט געטהון און ענדליך, אָבגעשניטען אויך פאַר איהם אַ שטיקעל אוגערקע.

—נאַ, פרעס, דעם שור הבור קענען זיי אויפרעסען. נעכ־טען ביי טאָג גענומען דריי פונט ברויט, היינט לויף שוין ווידער משוגע׳נערווייז נאָך ברויט. ראָטשילד׳ס אוצרות דאַרף מען האָ-בען זיי אָנצוקאָרמען.

„ראָטשילד׳ס אוצרות“ דערמאָהנען שרה׳ן אָן איהר אייגע-נע אוצרות. פרייטאָג וועט משה ברענגען פיער רובל. ווי נישט ווי, די שלעכטע צייט איבערגעקומען אַ דאַנק זיין ליבען נאָמען. איצט וועט מען קענען אַביסעלע אָבכאַפּען דעם אָטעם, קומען צו זיך, פונאַנדערצאָהלען זיך ביסלעכווייז די חובות, פיער רובעל אַ וואָך איז געלד...

פון די געדאַנקען איז שרה׳ן געוואָרען אַביסעל לייכטער אויפ׳ן האַרצען. זי איז אַרויס אין צווייטען חדר.

—וויפעל אַ זייגער קען דאָס איצט זיין יאַכנינקע?—דאָס האָט זי געפרעגט ביי דער בעל הבית׳טע, אַנ׳עלטערע יודענע מיט צוועהטאָגטע אויגען. יאַכנע איז געזעסען ביים אויוען אויף אַ בענקעלע און געשיילט קאַרטאָפעל:

—ווייס איך?—האָט זי געענטפערט מיט אַ ברוגז׳ער צוקראַ־כענער שטים,—וואָס, אַ זייגער בין איך וואָס דו פרעגסט ביי מיר?

זי האָט געוואָרפען אַ פיינדליכען בליק אויפ׳ן מאַן וואָס איז געזעסען און געאַרבייט.

—ס׳מוז נאָך זיין פריה... אַ סימן האָסטו, דער למד וו׳ניק מיינער האָט אָקראָשט אַראָבגעוואָרפען די תפיליאַנקעס. מסתמא איז נאָך נישט שפעט.

צעהן אַ זייגער!—האָט זיך אָנגערופען דער שוסטער מיט אַנ׳איינגעהאַלטענעם כעס און גענומען מיט האַסט פונאַנדערקלאַפען אַ האַרטען שטיק לעדער

—אוי צרות מיינע גרויסע! און איך האָב נאָך נישט צוגע־שטעלט קאָכען!—האָט אויסגעשריען שרה און גענומען איילינ שיי־לען קאַרטאָפעל,

אין שטוב איז געווען פינסטערליך, קאַלט. אַלע האָבען גע־שוויגען. דער שוסטער האָט געאַרבייט מיט אימפעט, מיט כעס.

—ביי זלמן חיים דעם מלמד, איז דאָס עלטערע יונגעל שוין דעם דריטען טאָג אַ פערבייאיגער,—האָט זיך אָבגערופען יאַכנע אומעטיג.

—אַ גוסס...—האָט ווי פאַר זיך אַרויסגערעדט דער שוסטער.

—די צונג זאָל דיר אָבדאַרען משומד,—האָט יאַכנע אויס־שריען—דו דאַרפסט רעדען, דו ימח־שמו׳ניק! דאָס יונגעל וועט אם ירצה השם געזונד ווערען דיר אויף צו להכעיס.

פון שרה׳ס חדר׳ל האָט זיך דערהערט אַ פערשטיקט, שוואַך קינדערש געוויין, שרה איז מיט אימפעט אויפגעשפרונגען פון אָרט.

—אוי וויטאָגען גרויסע! פיצעלע מיינס, פון אינדערפריה נישט געגעבען צו זויגען! דאָס קינד האָט דאָ געמוזט וויינען בעת איך בין געגאַנגען נאָך ברויט.

—יאָ, ס׳האָט געפישטשעט,—האָט יאַכנע נישט גערען גע־ענטפערט.

שרה איז אַריין אין איהר חדר׳ל, אַרויסגענומען פון וויג דאָס קינד, האָט עס צוגעדריקט צום ברוסט און געגעבען זויגען. מיט דעם איז זי אַרויס אין צווייטען חדר.

—איך זאָג אייך יאַכנינקע, מען קאָן פערדרעהט ווערען, — האָט זי אָנגעהויבען קלאָגען זיך.—גרויסע נסים, אַז דער קאָפּ האַלט זיך אויף די פּלייצעס. היינט איז שוין ברוך השם דריי חדשים ווי כ׳האָב אַ צובראָכענעם גראָשען פאַר די אויגען נישט געזעהן. קענט איהר זיך מעלדען וואָס פאַר אַ בעל חוב איך בין געוואָרען... איך זאָג אייך, אַז איך גיב נאָר אַ קלער וועגען די חובות...

—ס׳וואָלט קיין עולה נישט געווען זאָלסט שוין וועגען אונז אויך אַ קלער טהון,— האָט איהר יאַכנע איבערגעשלאָגען. — ברוך השם דעם פינפטען חודש, אַז דו צאָהלסט נישט.

שרה האָט געהאַט פערגעסען, אַז זי רעדט מיט דער בעל הבית׳טע וועלכער זי איז אויך שולדיג און זי האָט זיך אייליג אָבגערופען:

—איי קרוינעלע, האַרצעלע מיינע! הלואי זאָל דער אויבערשטער וועגען מיר אַזוי קלערען, ווי איך קלער וועגען דירה געלד. וואָס? בלינד בין איך. איך זעה נישט אַז איהר דאַרפט? דעם ערשטען רובעל וואָס משה וועט אַריינברענגען, צעטייל איך פאַר אייך און פאַר זעליגען.

—זעה, זעה! די בולבע זידט! — האָט זי יאַכנע איבערגעשלאָגען מיט אימפעט.

שרה האָט געשווינדט אַוועקגעלעגט דאָס קינד צוריק אין וויג. אַרויסגענומען פון אויווען דעם וואַרמעס, וואָס איז בעשטאַנען פון קאַרטאָפעל מיט נישט, אָבגעגאָסען אין אַ טעפעל, אָבגעשניטען ברויט, האָט דאָס אַלץ פערבונדען אין אַ טיכעל און אַרויס פון שטוב אַוועקטראָגען דעם מאַן וואַרמעס.

## ב

ווען קבצנות וואָלט זיין אַ יחוס מיט וועלכען מען קאָן זיך גרויסען, וואָלט שרה געמעגט זאָגען מיט שטאָלץ, אַז זי שטאַמט פון ריינע, אמת׳ע קבצנים, אָהן אַ ברעקעל פגימה. איהר פאָטער,

איהר זיידע, איהר עלטער זיידע, ביז אין צעהנטען דור, זיינען אַלע געווען ביטערע אָרימעלייט, קבצנים ווי גאָט האָט געבאָטען.

קבצנים,—אָבער נישט קיין בעל-מלאכות. שרה האָט דאָס דאָס גוט געדענקט און שטאָלצירט מיט דעם. געקוקט האָט זי אויף זיך ווי אויף אַ געפאַלענער מיוחסת. איהר עלטער זיידע איז בעהוען גאָט צו דאַנקען נישט קיין שוסטער, ער איז געווען אַ בעהאוסטער בטלן אין דער גרויסער קלויז; דער זיידע איז זיין גאַנץ לעבען געזעסען אין דער זעלבער קלויז אַ שמש. דער טאַטע נאָר... די ביטערע נויט האָט איהם געבראַכט צו ווערען אַ בעל-מלאכה—אַ שניידער און נאָך אַ „לאַטוטע". די זעלבע נויט האָט געבראַכט איהר מאַן משה'ן, וועלעער וואָלט געקאָנט זיין דער גרעסטער מלמד אין שטאָדט, צו אַ בעל-מלאכה'שען ברויט. און צו אַזאַ שווערען ביטערען ברויט: ער איז געווען אַנ'ערד-גרעבער...

שמואל לאַטוטע האָט געהאַט דריי טעכטער. די עלטסטע איז געווען שרה. ווען שמואל איז געבליבען אַנ'אלמן, איז זי נאָך נישט אַלט געווען קיין גאַנצע דרייצעהן יאָהר—און אויף איהרע שוואַכע קינדישע פּלייצעס האָט זיך געלעגט די זאָרג און דחקות פון דער גאַנצער משפחה. פאַר די קליינע שוועסטערלעך האָט זי געדאַרפט זיין אַ מאַמע און דערצו נאָך דערהאַלטען דעם פאָטער ביים מוטה, ווייל דער מוטערס טויט האָט איהם אינגאַנצען צוגעבויגען צו דער ערד. און שרה האָט זיך פון ערשטען טאָג אָן איינגעשפּאַנט אינ'ם יאָך, געהאָרעוועט פון פריה ביז טיף אין דער נאַכט. די שטענדיגע אַרבייט, דחקות און זאָרג פאַר קאַרגען שטיקעל ברויט, האָבען שרה'ן פריה געעלטערט און צו זיעבעצעהן יאָהר איז זי שוין געווען פאַר'חושכ'ט, פערביטערט, מיט אַנ'איינגעבויגענעם רוקען, פערקנייטשטען שטערען און פער־קלעמט האַרץ.

אמת, איינמאָל האָט אויך ביי איהר אין האַרצען ערוואַכט עפּעס עהנליכעס צו ליבע, נאָר דאָס געפיהל איז געווען צו שוואַך און אָרים, אַז עס וואָלט זיין אַנ'עולה צו שטעלען דאָס אין חשבון פון שרה'ס עולם הזה. אין אַ יום-טוב טאָג האָט זיך שרה צוגעקעמט, אָנגעטהון אַ ריינעם קליידעל און אַריינגעקוקט

אין צובראָכענעם שפּיגעלע וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט. זי האָט זיך פאַרקוקט אויף זיך, לענגער ווי געוועהנליך און אין האַרצען ביי איהר האָט אויפגעוואַכט אַ ניי געפיהל, אַנ'אומרוהיג, אומבעקאַנט געפיהל. ס'האָט פּעררריקט דאָס האַרץ עפּעס זיס און אומעטיג. שרה האָט אָנגעהויבען צו זינגען איינע פון די יודישע לידלעך וועלכע בעווינען אי דאָס לעבען, אי דעם טויט און זינגענדיג, האָט זי זיך גוט אויסגעוויינט. נאָכדעם איז זי אַוועק צו גאַסט צו אַ חברטע. דאָרטען האָט זי געטראָפען אַ חברה יונגע-לייט, אַרבייטער. זיי זענען געווען אָנגעטהון אין יום-טוב'דיגען, פרעהליך, אויפגעלעגט, זיי האָבען געלאַכט און געשטיפט. איינער, אַ הויכער און אַ שטאַרקער, מיט ברייטע פּלייצעס און מיט שוואַרצע ברענענדיגע אויגען, איז שרה'ן שטאַרק געפעלען געוואָרען.

—ס'אַ פאַרשוין דאָס איז!— האָט זי געטראַכט.— ס'אַ חכם... אָט מיט איהם ווען מען רעדט מיר אַ שידוך...

פאַר די עטליכע טעג יום-טוב, איז איהר דער בחור פון זינען נישט אַרויס. נאָר אַז דער יום-טוב איז אַוועק און אויפ'ן טיש האָבען זיך ווידער בעוויזען די אַלטע בגדים צו פערלאַטען און ס'האָט זיך ווידער אָנגעהויבען די געוועהנליכע מלחמה מיטן הונגער—איז דער געדאַנק וועגען איהם פערשוואונדען געוואָרען. מעהר האָבען זיך שוין אין איהר אַזעלכע געפיהלען נישט גע-וועקט...

שמואל לאַטוטע האָט געהאַלטען פון זיין שרה'לען אַנ'עולם ומלואה און אָהן איהר עצה גאָרנישט געטהון; ער האָט גערעכענט, אַז אַזאַ זיידען קינד איז אין מדינות צו זוכען.

אַז שרה איז אַלט געוואָרען נײנצעהן יאָהר, האָט שמואל'ן אַלץ אָפטער אָנגעהויבען מאַטערען דער ביטערער געדאַנק, אַז אָהן נדן קאָן זיין טאָכטער פערזעסען ווערען ביז'ן גראָהען צאָפּ.

—וואָס איז די פעולה,—האָט ער געטראַכט, — וואָס זי איז אַזאַ ברילִיאַנט, אַז זי האָט קיין נדן נישט. היינטיגע צייטען... היינטיגע יונגע-לייט... ווער וועט זי נעהמען אָהן נדן?

נאָר אַזוי ווי ביי יודען טרעפען זיך אָפט נסים—האָט זיך אויך דאָ געטראָפען אַ נס און געראַטעוועט שרה'ן פון „גראָהען צאָפּ".

געהענדיג איינמאָל אינדערפֿריה פֿון בית-המדרש, האָט זיך שמואל אָנגעטראָפֿען מיט ר׳ וואָלף דעם שדכן.

ר׳ וואָלף איז געווען אַ יוד שוין אין די זעכציגער. צו שדכנות האָט ער זיך גענומען שוין אויף די עלטערע יאָהרען. פֿריהער האָט ער איבערגעפּרובט אַ צעהנדליג אַנדערע פּרנסות. ביז דרייסיג יאָהר איז ער געווען אַ חזן. איינמאָל יום כפּור, האָט ער זיך אַזוי צושריען, אַז ער האָט אונטערגעריסען דעם קול—און האָט געמוזט זוכען אַן אַנדער פּרנסה. זיין פֿאָטער איז געווען אַ שניידער האָט ער נישט פֿיעל געטראַכט און זיך גענומען צו דער זעלבער מלאכה. אָבגעאַרבייט אַ יאָהר צוואַנציג און געמוזט אַ וועקלעגען שער און אייזען. די אויגען זענען געוואָרען שוואַך, די הענד האָבען זיך אָנגעהויבען טרייסלען, (בייזע צינגער זאָגען, אַז דאָס איז געקומען דערפֿון וואָס ר׳ וואָלף האָט נישט פֿיינט געהאַט דעם טרונק.) ר׳ וואָלף איז געוואָרען אַ שומר—גאַנצע נעכט פֿלעגט ער אומגעהן הין און צוריק פֿאַרביי אַ צעהנדליג קראָמען, וואָס ער האָט געהאַט אָבצוהיטען, רוישען מיט׳ן קלאַפּער און זינגען תהלים דערביי. האָט זיך אָבער געדאַרפֿט טרעפֿען אַ מעשה: איינמאָל ביינאַכט האָבען גנבים געכאַפּט ר׳ וואָלף׳ן, איהם געבונדען, פֿאַרשטאָפּט דאָס מויל און פֿאַר איהם אין די אויגען אויסגעלעדיגט אַ פּאָר קראָמען.

פֿאַר ר׳ וואָלף׳ן איז דאַן פֿאַרבליבען נאָר איין פּרנסה, מלמדות. זאָגט מען דאָך עפּעס,—„שטאַרבען און קנעלען פֿערזאַמט מען נישט". ר׳ וואָלף איז געוואָרען אַ מלמד. נאָר ביי ר׳ וואָלף׳ן האָבען זיך די הענד געטרייסעלט, ער האָט נישט געקאָנט ווי געהעריג שמייסען די תלמידים. די קינדער האָבען פֿאַר איהם נישט קיין מורא געהאַט און די עלטערען זענען נישט קאָנטענט געווען פֿון אַזאַ מין לערנען. דריי זמנים האָט ער אָבגעקנעלט און אויפ׳ן פֿיערטען זמן האָט ער שוין קיין קנעלונג נישט געהאַט.

דער זעכציג יעהריגער ר׳ וואָלף איז אָבער ביי זיך נישט אַראָבגעפֿאַלען, ער האָט דאָס אַלץ מקבל באהבה געווען און פֿלעגט צייטענווייז גוטמוטהיג אָבשפּאָטען פֿון זיין אייגען שלים-מזל. אַ נייע פּרנסה האָט ער לאַנג נישט געדאַרפֿט זוכען, דאָס געשעפֿט

איז געקומען אליין. מיט א פאר חדשים פריהער איז געשטארבען לייוויק דער שדכן—און איף זיין ארט האט קיינער נישט אזוי געפאסט, ווי ר׳ וואלף. איז ער געווארען שדכן. דער עסק איז איהם זעהר געפעלען געווארען און אין א קורצער צייט איז ער געווארען איינער פון די בעוואוסטע שדכנים אין שטאדט, האט צונויפגעפיהרט „א וואנד מיט א וואנד״, האט געהאט אויפ׳ן קאפ אלע הייזער וואו עס זענען געווען דערוואקסענע קינדער.

שמואל׳ן האט ר׳ וואלף געקאנט נאך פון דער צייט ווען ער איז אליין געווען א שניידער. זייער בעקאנטשאפט איז אין משך פון יאהרען אריבער אין א פריינדשאפט. שמואל האט אפילו שטענדיג געקוקט אויף ר׳ וואלף׳ן מיט גרויס אבשיי, ער האט איהם געהאלטען קלוגער פאר זיך און איבערהויפט פאר א גרע-סערען למדן און פאר א גרעסערען מיוחס (דאך פארט געווען אמאל א חזן אין דער גרויסער שוהל). אז שרה איז עלטער גע-ווארען האט שמואל געלעגט גרויסע האפענונגען אויף ר׳ וואלף׳ן. ער וועט מיין שרה׳ן נישט פערגעסען—האט ער געטראכט. ער וועט נישט דערלאזען אז זי זאל פערבלייבען אנ׳אלטע מויד. עס זענען אבער אריבער חדשים און יאהרען. שרה איז שוין אלט בעווארען אכצעהן-ניינצעהן יאהר און ר׳ וואלף—נישט מען זעהט איהם נישט מען הערט איהם. האט שמואל אנגעהויבען ביסלעכ-ווייז פערלירען די האפענונג. צו איהם אין הארצען האט זיך פערקליבען א געפיהל פון פערדרוס געגען זיין אלטען גוטען פריינד און אז זיי פלעגען זיך צופעליג טרעפען, פלעגט שמואל מורמלען פאר זיך: אי, אי, אי! אלטע גוטע פריינד... היינטיגע צייטען... ס׳פערשטעהט זיך, אז ביי מיר וואלט געלעגען פאר שרה׳ן א רובעל דרייסיג וואלט ער די שוועלען אבגעשלאגען און איצטער מאכט ער א פנים ווי ער וואלט גארנישט וויסען אז ביי מיר איז פערהאן א דערוואקסענע טאכטער...

אז שמואל האט דאס מאל בעגעגענט ר׳ וואלף׳ן, האט ער זיך ווידער דערמאהנט אן זיין פערדרוס. ער האט שוואך אויס-געדעדט „גוט מארגען״. אראבגעלאזט דעם קאפ און געוואלט פער-בייגעהן. האט ר׳ וואלף איהם אבגעשטעלט.

—אָ, גוט וואָס כ׳האָב דיך געטראָפען! — האָט ר׳ וואָלף אויסגעשריען.—כ׳האָב זיך געקליבען היינט אַריינצוגעהן צו דיר... קום אין שענק מיר׳ן מאַכען „לחיים״.

שמואל האָט פערשטאַנען אַז עס האַנדעלט זיך געוויס וועגען אַ שידוך פאַר שרה׳ן. ער האָט זיך זעהר דערפרעהט נאָר געמאַכט זיך נישט פערשטעהענדיג.

—אין שענק? נו איך מיין, מילא, אַלטע גוטע פריינד זיי זאָגט מען עפּעס, נאָכ׳ן דאַווענען, פאַרוואָס זאָל מען נישט מאַכען אַ ברכה... לחיים? דערפאַר וועט גאָט נישט שטראָפען.

—שטראָפען,—האָט זיך ר׳ וואָלף צולאַכט, — אַפּנים אַז דו ווייסט נישט וואָס פאַר אַ קלוגען גאָט מיר האָבען. ער אַליין, בכבודו ובעצמו, מאַכט אויך אַ לחיים נאָכ׳ן דאַווענען.

—אַי, אַי, וואָס פאַר אַ דבורים ר׳ וואָלף,—האָט מיט אַ פערשעמטען שמייכעל זיך אָבגערופען שמואל.

—גוט, גוט, פאַר מיר ברודער זאָרג נישט, — האָט איהם ר׳ וואָלף בערוהיגט,—איך רעד, איך וואָס איך רעד. איך האָב מיט גאָט אַזעלכע חשבונות וואָס דו וועסט זיי ברודער נישט פערשטעהן!... היינט וועל איך איהם פערטשעפען, מאָרגען וועט ער מיך פערטשעפען, אָבער בכלל לעבען מיר צווישען זיך ווי גוטע פריינד, מיר קריגען זיך נישט.

און, אַז ביידע זענען געזעסען אין שענק ביי אַ פלעשעל בראָנפען האָט ר׳ וואָלף זיך אָבגערופען:

—זאָג מיר נאָר שמואל, וואָס טראַכסטו וועגען דיין שרה׳־קען? וואָס? דו פערגעסט אַפּנים, אַז זי איז שוין ברוך השם נישט קיין קליינינקע, אָדער דו מיינסט אַפּנים, אַז אַ מיידעל איז ווי מאַרצאָווע ביער—וואָס לענגער מען האַלט עס ווערט עס אַלץ געשמאַקער?

די דאָזיגע ווערטער האָבען שמואל׳ן אַביסעל ווי בעליי־דיגט: וואָס איז עס, אַ חוזק מאַכען? וואָס?—נאָר געענטפערט האָט ער פונדעסטוועגען גאַנץ רוהיג.

—וואָס הייסט, וואָס טראַכט איך זיך? וואָס הייסט איך פערגעס? איך פערגעס נישט. נאָר ווי זאָגט מען דאָס, דאַנקען

גאָט אַ בעל הבית׳טע אין שטוב... און וואָס איז די איילעניש? איינגאַנצען ניינצעהן יאָהר אַלט ביז הונדערט און צוואַנציג.

—נו, נו, דערצעהל מעשיות,—האָט איהם ר׳ וואָלף איבער-געשלאָגען, — וואָס איז די איילעניש.. נאָר צוריק גערעדט, ווי זאָלסטו דען אַנדערש רעדען? דו רעדסט חי אַ טאַטע דאַרף רע-דען. נו, לחיים!

—לחיים טובים ולשלו׳

די גוטע פריינד האָבען ווידער אויסגעטרונקען

—נו, לאָמיר רעדען ווי מענשען, — האָט אָנגעהויבען ר׳ וואָלף און זיך נעהנטער צוגערוקט צו שמואל׳ן—דו מיינסט אַודאי אַז איך האָב נישט בעמערקט אַז דו ביזט אויף מיר ברוגז? אוי האָב איך עס בעמערקט. כ׳חייס אפילו וואָס דו האָסט געטראַכט: „אַנ׳אַלטער גוטער פריינד—אַ פאַרך, האָט פערגעסען וועגען מיין שרה׳ן.

—וואָס רעדט איהר ר׳ וואָלף, — האָט שמואל אָנגעהויבען, נאָר דער שדכן האָט איהם איבערגעשלאָגען:

—שאַ! לאָז מיך רעדען! דו האָסט יאָ געטראַכט, דערצעהל מיר קיין מעשיות נישט! און איך האָב געשוויגען און איך האָב איך געטראַכט, וואָס האָב איך געטראַכט? כ׳האָב געטראַכט: ביי שמואל׳ן איז פערהאַן אַ טאָכטער, זי דאַרף צו האָבען אַ גוטען חתן. און איך האָב אָנגעקוקט סחורה... כל זמן ס׳איז נישט גע-ווען קיין רעכטס, וועגען וואָס האָב איך געהאַט צו רעדען מיט דיר? אָ, וואָס ווטסטו איצטער זאָגען?

שטאַרק פערשעמט פון ר׳ וואָלף׳ס רייד, האָט שמואל גע-נומען שטאַמלען:

—וואָס זאָל איך זאָגען? פערשטעהט זיך, ס׳איז אַנ׳עבירה צו טראַכטען. אַלטע גוטע פריינד. ווי גאָט פיהרט מסתמא איז בעסער.

—ע, נישט אַלעמאָל! נאָר דאָס איז אַ בעזונדערע זאַך, איצט הער מיט קאָפּ וואָס איך וועל דיר זאָגען... ערשטענס זאָג מיר נאָר. וואָס פאַר אַ חתן וואָלסטו וועלען פאַר דיין שרה׳קען?

שמואל האָט פערקנייטשט דעם שטערען און און דינג

אויגען איז געווען צו דערקענען, אַז ער בעטראַכט ערנסט דעם שדכנ׳ס פראַגע.

—איך וועל אייך זאָגען ר׳ וואָלף, דעם ריינעם אמת: ס׳פערשטעהט זיך זאָגען „איך וויל״.—וואָס פאַר אַ זינען האָט עס? איך בין אפילו אַ פּראָסטער מענש, פונדעסטוועגען ווייס איך, אַז פערציג טאָג איידער דאָס קינד ווערט געבוירען רופט אויס אַ בת קול, אַז „בת פלוני לפלוני״.

—ווי דו זעהסט מיך אַ יודען שמואל, כאָטש איך האָב אַ גוטען חוש השמועה, האָב איך קיינמאָל דעם בת קול נישט גע-הערט. אַ שאָד, עס וואָלט מיר שטאַרק צונוץ געקומען!

—אי, אי, ר׳ וואָלף, וואָס רעדט איהר עס,—האָט זיך שמואל ווידער אַביסעל פערשעמט.

—נו, מילא. וואָס ווייטער?

—נו, איז זאָג איך דאָך, אַז אויב מען זאָל בעטראַכטען דעם ענין ווי ס׳בעדאַרף צו זיין, איז דאָך נישטאָ וואָס צו ריי-דען. וויל מען יאָ, וויל מען נישט, וויפיעל מען זאָל נישט אויס-קלויבען, דאָס, וואָס איז בעשערט מן השמים, מוז זיין. נאָר ווי זאָגט מען דאָס, אַ מענש איז זינדיג, ער טראַכט...

—רייד צו דער זאַך.

—הערסט, איך רייד דאָך... אָט פרעגט איהר וואָס פאַר אַ חתן איך וויל פאַר שרה׳ן, וועל איך אייך זאָגען: ערשטענס וויל איך, זאָל ער זיין אַ שטילער יונגערמאַן און אַ פרומער. היינטיגע יונגע לייטלעך, די פראַנטען מיט די מאַנישקעס און גע-פוצטע שטיוועל און אָהן פאות, זיי דאַרף איך אויף צעהן כפרות אַזאַ חברה-מאַן וועט אייך חתונה האָבען און אין צוויי חדשים אַרום איבערלאָזען דאָס ווייב און גאָר אַוועק קיין אַמעריקע. געה זוך איהם אין אַלדי שוואַרצע יאָהר... ווייטער וואָלט איך וועלען, ער זאָל כאָטש אַביסעלע קענען לערנען. נו, און ער זאָל זיין פון אַ פיינער משפחה, קיין חרפה פאַר לייטען זאָל נישט זיין, וועגען מיין משפחה פערשפּאַר איך דאָך דערצעהלען, איהר ווייסט דאָך גוט חוץ ס׳איז געווען מיין טאַטע, מיין זיידע.

—איך ווייס.—האָט געענטפערט מיט ערנסט, ר׳ וואָלף.

—נו, און דערצו, וואָלט איך וועלען ער זאָל קענען געבען דעם ווייב אַ שטיקעל ברויט. ביי מיין אָרימקייט, איהר פערשטעהט דאָך...

—איך פערשטעה,—האָט איהם איבערגעשלאָגען ר׳ וואָלף,—איך האָב דיך אויסגעהערט און איצט, הער דו מיך אויס, נאָר פריהער לחיים.

זיי האָבען ווידער אויסגעטרונקען.

—זאָג מיר שמואל,—האָט אָנגעהויבען ר׳ וואָלף פונאַנדערציהען די ווערטער, קאָנסטו ר׳ עלטשע דעם מלמד?

-אַ ביסעל קאָן איך איהם.

—ווי מיינסטו, ער איז פון אַ פיינער משפחה?

—אויף אַלע יודען געזאָגט.

—און ר׳ עלטשעס יונגערען בחור, קענסטו?

—כ׳האָב געהערט וועגען איהם... דאַכט זיך, כ׳האָב איהם ערגיץ געזעהן אויך.

—הער זשע מיט קאָפּ, ר׳ עלטשעס בחור, זאָג איך דיר, איז נישט קיין בחור נאָר אַנ׳אוצר, אַ גאָלד. דאָס זאָג א י ך. ערשטענס, אַ למדן; הונדערט בלאַט גמרא אויסנווייניג. צווייטענס, האָט ר׳ עלטשע איהם צוגעזאָגט צוויי יאָהר קעסט.

—און ר׳ עלטשע איז מסכים?—האָט שמואל געפרעגט און דאָס קול האָט איהם געציטערט.

—נעמען דיין שרה׳ן אָט ווי זי שטעהט און געהט אָהן אַ קאָפּיקע נדן.

שמואל האָט געקוקט אויף ר׳ וואָלף׳ן פערוואונדערט, ווי ער וואָלט וואַרטען אויף אַנ׳ערקלערונג.

ר׳ וואָלף האָט אַ ווײַלע געשוויגען, געכאַפּט אַ קוק אויף שמואל׳ן און אָנגעהויבען ריידען זעהר געלאַסען:

—הייסט עס, דו וואונדערסט זיך, ווי אַזוי איז ער מסכים, האַ? נו, וועל איך דיר ערקלערען:

ר׳ וואָלף האָט אַוועקגעלעגט אויפ׳ן טיש זיין האָריגע האַנד און אָנגעהויבען ריידען ערנסט און האַרציג.

—פערשטעהסטו מיך ברודער, ווען איך זאָל ריידען מיט

אַנ׳אַנדערען, נישט מיט דיר, וואָלט איך אָנגערעדט הרים וגבעות. נאָר מיט דיר איז דאָך אַנדערע דבורים. דיר וועל איך זאָגען גאָר אָפען: דער חתן האָט אַ חסרון.

—אַ חסרון?—האָט איבערגעפרעגט שמואל מיט אַ ציטעריגער שטים.

—יאָ, אַ חסרון. וואָס? דו ביזט דאָך נישט קיין קינד, נישט קיין בהמה, נישט קיין יודענע. דאַרפסט דאָך פערשטעהן, אַז אַזוי גלאַט אין דער וועלט אַריין, וואָלט ר׳ עלטשע מיט דיר נישט געטהון, מען דאַרף זיך דאָך נישט נאַרען.

—וואָס פאַר אַ חסרון?

אַ חסרון. אויך מיר אַ חסרון! ס׳איז ווערט דריי שפיי. נאַרישקייטען זאָג איך דיר — נישט קיין חסרון. אַ דאַנק גאָט, אַ בחור ווי אַלע בחורים, נישט קיין בלינדער, נישט קיין טויבער, נישט קיין הינקעדיגער, האָטביידע פיס, ביידע הענד אויף אַלע יודען געזאָגט.

—וואָס זשע פאַרט?

—וואָס? גאָרנישט. אַז ער רעדט גיך, פערהאַקט ער זיך אַ ביסעל. אַ ביסעל שווער אויף דער צונג, דאָס איז גאָר. נו? אַ גרויסע דאגה דיר? וואָס דאַרפסטו? אַ יונגערמאַן אַ שטילען, אַ פרומען און אַ למדן, צי אַ בחור מיט אַ געשליפען צינגעל? און דיין שרה׳קען, אויך דאָס זעלבע, זי דאַרף מען זאָל מיט איהר פראַווען לובישקע, וואָס?

—ס׳פערשטעהט זיך, אָבער פאָרט,—האָט שמואל טרויעריג אָנגעהויבען.

—וואָס „פאָרט״? וואָס מאַכסטו זיך נאַריש, — האָט אויף איהם אָנגעשריען ר׳ וואָלף.—מען לעגט דיר פאַר אַ גליק, טאָ מאַך נישט קיין שהיות און כאַפּ מיט ביידע הענד! מאָרגען וועסטו אַזאַ שידוך פאַר דיין טאָכטער נישט געפינען. כ׳האָב אַזוי אויך געהאַט אַ גוט שטיקעל אַרבייט ר׳ עלטשען איבערצוריידען.

—גוט, כ׳וועל זיך מיישב זיין.

—זיי זיך מיישב. נאָר מאָרגען זאָלסטו מיר געבען אַ תשובה, געה אַריין אין שוהל, גיב אַ קוק אויפ׳ן חתן, רייד זיך מיט איהם

דורך און אַ סוף. קיין סך איז נישט וואָס צו קלערען. יאָ, יאָ, נישט, נישט. און ר׳ עלטשע וועט אויך נישט וואַרטען... אַ גוטען טאָג.

שמואל האָט דעם גאַנצען טאָג נישט געאַרבייט און אַרומ-געלאָפען. ער האָט געזעהן דעם חתן, געגאַנגען זיך מיישב זיין מיט עטליכע אַלטע יודען, מיט די קרובים און לסוף, אין אָוועגד, האָט ער זיך אַדורכגעשמועסט מיט שרה׳ן. ער האָט איבערגע-חזר׳ט פאַר איהר אַלץ, וואָס ר׳ וואָלף האָט איהם געזאָגט. שרה האָט איהם רוהיג געענטפערט, אַז זי איז מסכים. זי פערלאָזט זיך אינגאַנצען אויפ׳ן טאַטען און נאָך מעהר, אויף ר׳ וואָלף׳ן, ווייל זי ווייסט, אַז ער איז זעהר צוגעלאָזען צו איהר. אַי דאָס, וואָס דער חתן שטאַמעלט אונטער, דערפאַר דאַרף מען נאָך גאָט דאַנקען. ווען ער וואָלט נישט געווען קיין זאַאיקער, וואָלט ער דאָך געוואָלט נדן.

אויף מאָרגען האָט שמואל געגעבען זיין הסכמה, אין צוויי טעג אַרום, האָט מען געשפילט חתונה. שרה איז אַריבער אין אַ נייער משפחה.

ד

שרה׳ס מאַן משה, איז געווען אַ בחור׳ל פון אַ יאָהר ניינ-צעהן. אַ קליינס, אַ דאַר׳ס, מיט אַנ׳איינגעפאַלענער ברוסט און מיט צושראָקענע אויגען. ער איז געווען אַ למדן. געקאָנט אויף אויסוועניג ביי אַ הונדערט בלאַט גמרא. נאָר דאָס איז איהם נישט לייכט אָנגעקומען. זיין פאָטער, אַ בייזער מלמד, פלעגט איהם יע-דעס בלאַט גמרא, אַריינזעצען אין מוח, מיט אכזריות׳דיגע קלעפּ. נאָר משה׳ן זענען בעקאָנט געווען נישט נאָר גמרא קלעפּ, איהם האָט געשלאָגען יעדערער ווער עס האָט זיך נישט געפוילט. צו איהם פלעג אויסלאָזען איהר כעס, די מוטער — אַ מאַרק יורענע, איהם האָבען געשלאָגען, די ברידער, די שוועסטער, ווייל ער איז געווען דער יונגסטער, דער שטילסטער, ווייל ער איז געווען מאָשקע שלים-מזל און מאָשקע נאַר. האָט ער זיך געהאַלטען ניי-

דעריגער און נאַרישער פאַר אַלעמען, און שטענדיג פלעגט ער זוכען אַנ׳אָרט וואו זיך אויסצובעהאַלטען: אין אַ ווינקעל אינדער-היים, אין אַ ווינקעל אין קלויז. צווישען מענשען האָט ער זיך געפיהלט, ווי אַ דערשראָקענע, פערטריבענע חיה׳לע. אַזעלכער איז ער געווען ביים טאַטען אין חדר און אַזעלכער פערבליבען ביז צו דער חופה.

די ערשטע צייט נאָך דער חתונה, האָט משה, עפעס ווי מורא געהאַט פאַר זיין ווייב. ער האָט זיך געהאַלטען פאַר נידע-ריגער און נאַרישער פון איהר, כאָטש ער האָט מיט איהר קיין צוויי ווערטער נישט אַרויסגערעדט. ער האָט געהאַלטען פאַר אַנ׳-עברה אַ קוק טהון אין איהר זייט און, דערזעהן זי, פלעגט ער רויט ווערען, שטאַמלען און שעמען זיך. שרה האָט אויך נישט געקאָנט מוסכם ווערען, אַז דאָס דאָזיגע דערשלאָגענע בחור׳ל איז איהר מאַן, איהר בעל-הבית.

און בעגאַנגען איז מען זיך מיט משה׳ן, ווי פאַר דער חתונה. ווי פריהער פלעגט מען פון איהם חוזק מאַכען. ער איז פאַר אַלעמען פערבליבען דער זעלביגער מאָשקע נאַר. און, ווי יונגעלוויז, פלעגט ער דאָס הכנעה׳דיג אַריבערטראָגען. שרה׳ן האָט די ערשטע צייט שטאַרק פערדראָסען, פאַרוואָס מען בע-געהט זיך אַזוי מיט איהר מאַן. זי האָט געפרובט זיך אָננעהמען פאַר איהם, פלעגט איהם אויסריידען, פאַרוואָס ער דערלאָזט מען זאָל אויף איהם רייטען. געגעבען איהם צופערשטעהן, אַז ער איז מעהר קיין קינד נישט, נאָר אַ מאַן, אַ בעל-הבית. און ביסלעכ-ווייז האָט ער זיך צוגעוועהנט צו איהרע רייד און דערפיהלט אין זיי עפעס אַזוינס, וואָס ער האָט פריהער נישט געוואוסט און נישט געהערט. ער האָט דערפיהלט, אַז שרה איז פאַר איהם אַ נאָהנ-טער, אַנ׳אייגענער מענש. און איינמאָל ביי דער נאַכט, האָט ער פאַר איהר אויסגעגאָסען זיין גאַנץ ביטער האַרץ. ער האָט גע-רעדט מיט אַ געבראָכענער שטים, גערעדט ווי אַ קינד צו אַ מאַ-מען. לסוף איז ער צוגעפאַלען צו אָהר פלייצע און זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד. און שרה האָט פערשטאַנען איהם צו בערוהי-גען, ווי מען בערוהיגט אַ קינד. זי האָט דערפיהלט זיין צעוועה-

טאָגט האָרץ. פון יענעם טאָג אָן, האָבען זיי זיך שטאַרק צוגע-בונדען איינער צום אַנדערען. משה׳ס לאַגע אין דער היים, האָט זיך פערבעסערט. שרה פלעגט זיך איינשטעלען פאַר איהם און ער אַליין איז אויך געוואָרען דרייסטער און זעלבסטשטענדיגער.

די ערשטע פאָר חדשים. זענען זיי פערבליבען ביי ר׳ על-טשען אויף קעסט. די עלטערען האָבען דערווייל געזוכט פאַר זיי, עפעס אַ פרנסה. נושה׳ן פערשטעהט זיך, וואָלט געפּאַסט צו זיין אַ מלמד. נאָר זיין שטאַמלען האָט געשטערט צו מלומדות. ר׳ על-טשע האָט געפונען פאַר איהם אַ דערוואַקסענעם תּלמיד, אַ חבר. וועלכער האָט געצאָהלט אַ רובעל אַ וואָך, שרה האָט געליהען אויף פּראָצענט 26 רובעל און זיך געשטעלט אויס׳ן מאַרק אַנ׳עלמער׳ל מיט גאַלאַנטערי סחורה.

דאָס רוהיגע לעבען פונ׳ם יונגען פּאָרפאָלק האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט. ר׳ עלטשע האָט שוין לאַנג געהאַט די צער און, בערך אין אַ האַלב יאָהר אַרום נאָך משה׳ס חתונה, האָט ביי איהם פּלוצלונג, אין מיטען קנעלען, אַ גאָס געטהון בלוט פון האַלז. ער איז געפאַלען צו בעט. די עלטערען מיט די תּלמידים האָבען אָבגעוואָרט אַ פּאָר וואָכען און אָבגעגעבען די קינדער צו אַנדערע מלמדים. דער מקור פון חיונה איז אויסגעגאַנגען און די גאַנצע משפּחה איז געבליבען אויף די פּלייצעס פון ר׳ עלטשעס ווייב מיט איהר מאַרק-פּרנסה. אין שטוב האָט זיך בעוויזען דער ביטערער דלות און דאָס יונגע פּאָר פאָלק האָט בעקומען צייט-ליכע אָנצוהערענישען, אַז מען קען זיי נישט האַלטען מעהר אויף קעסט. די אַלטע פלעגט זיך קלאָגען פאַר די שכנים:

— אין אַזאַ יקרות, — פלעגט זי טענה׳ן, — איך איינע דאַרף דאָס צוגרייטען פאַר אַלע העלזער, איינדאַרען זאָלען זיי אין גיכע צייטען. אי ברויט, אי צום ברויט. ז׳צען ווי די פּריצים און פרעסען מיך אַרום.

משה פלעגט אָבגעבען דער מאַמען דעם רובעל פערדינסט, שרה פּופציג קאָפּיקעס פון איהרע פערדינסטען אָבער דאָס האָט וועניג וואָס געהאָלפען, משה איז אפילו געוועהנט געווען פון קינד-הייט אָן צו געשרייען, שרה פלעגט אָבער זעהר ליידען דערפון.

נישט גרינג איז איהר געווען ביים טאַטען אינדערהיים, אָבער דאָרטען האָט איהר לכל הפּחות קיינער נישט אויפגעוואָרפען מיט׳ן שטיקעל ברויט. און כאָטש אין הארצען האָט ז׳ געטראַכט אַז די שוויגער איז איהר מחויב אויסצוהאַלטען, פונדעסטוועגען וואָלט זי מיט משה׳ן אָהן טענות ומענות, אָראָב פון קעסט, אויב עס וואָלט געווען די קלענסטע מעגליכקייט דורכצולעבען. קיין האָפנונג איז אָבער נישט געווען און דערצו איז זי געווען אויף דער צייט.

איינמאָל איז איהר שוויגער געקומען פון מאַרק, אַ פער־מאַטערט׳ע, אַ בייזע און, צוגעהענדיג צום אויוען וואו עס איז געשטאַנען דאָס וואַרמעס, האָט זי זיך צושריען אויף שרה׳ן:

—פּריצ׳טע מיינע, קראַנק ביזטו געווען אויסצוקאָכען דאָס וואַרמעס, וואָס איהר אַליין דאַרפסט אויפעסען!

—ווער דען האָט איהם געקאָכט? — האָט זיך אָבגערופען שרה.

—אַ פיינער קאָכען, צו דיינע שוועסטערס תחונות זאָלען זיין אַזעלכע וואַרמעסען. אויסגעלאָפען ביזן דעק, ס׳זאָל כאָטש בלייבען אַ זכר. נאָר וואָס אָהרט דאָס זיי. אַז פאַר דער מאַמען איז נישאָ קיין וואַרמעס? זיי זענען מסתּמא נישט הונגעריג. זיי האָבען דאָך מסתּמא פערדינט זייער עסען...

—פערדינט... מיר צאָהלען דאָך אייך אַנדערטהאַלבען רובעל אַ וואָך,—האָט זיך אָבגערופען שרה.

מלכה האָט זיך צולאַכט.

—היינט האָסטו צו איהר עפּעס? ז׳ צאָהלט דאָך מיר פער קעסט.

דאַן האָט שרה אויפגעשריען מיט כעס:

—טאָ ווער איז שולדיג, אַז אייער משה קען קיין קאָץ אָנ׳עק נישט פערבינדען!

די אַלטע האָט אָבער אויך נישט געשוויגען.

—זעה נאָר, זעה נאָר, ווי מ׳האָט זי אויסגענאַרט. קוים אַריינ־געכאַפּט די פּאַרשוין! שמואל לאַטוטעס טאָכטער מיט׳ן פולען נדן. אָבער זאָל זיין ווי דו זאָגסט; אויסגענאַרט. צעהן חדשים קעסט

און געגוג. משה איז ביי מיר קיין בן יחיד נישט. וואָס? זאָל איך עם אַלטען לאָזען שטאַרבען און אייך אויסהאַלטען? וואָס האָט איהר זיך אויף מיר אָנגעזעצט? געהט אייך!

—וואוהין זאָל איך געהן?

שרה האָט זיך צעוויינט.

—שאַ. בעוויין מיך נישט לעבעדיגערהייד. עסט, עסט, אויב עס איז אייך זיס דער ברויט.

—ער איז מיר זיס...

שרה איז וויינענדיג, אַוועק צו זיך אין חדר.

מלכה איז געשטאַנען מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ.

—איהר איז נעבעך אויך פאַרהאַן וואָס מקנה צו זיין...

אין עטליכע וואָכען אַרום, האָט שרה געבוירען אַ יונגעל. און אַביסעל שפּעטער אָבגעטיילט זיך פון קעסט. מלכה האָט זיי געגעבען אין ווירטשאַפט: אַ קאָטקע, אַ שיסעל מיט צוויי צינערנע טעלער און אַ לעבעל ברויט מיט זאַלץ. שמואל האָט זיך פער־משכונט און געקויפט זיי אַ ציג.

—זאָל איך פון קיין בייז נישט וויסען, ווי איך ווייס נישט פון וואָס זיי וועלען לעבען—האָט געטענה׳ט מלכה. און דער קראַנקער ר׳ עלטשע האָט זיי געטרייסט.

—בהמה! גאָט שפּייזט אַ וואָרעם אונטער אַ שטיין...

משה האָט איצט בעקומען נאָך אַ תלמיד פאַר 3 רובעל אַ חודש און זיי זענען געוואָרען בעל-הבתים פאַר זיך. גאָטס אויס-דערוויילט פאָלק איז בערייכערט געוואָרען מיט אַ פּאָר נייע קבצנים וועלכע האבען אָנגעהויבען מלחמה האַלטען מיטן אַלטען דלות

אין פיער יאָהר נאָך דער חתונה, האָבען זיי שוין געהאַט 3 קינדער און קיין קנעלונג איז שוין אינגאַנצען נישט געווען. ס׳איז פערבליבען, כאָטש פון בריק אין וואַסער...

איינמאָל איז צו זיי געקומען שמואל, שרה איז נישט גע-ווען אינדערהיים. נאָך דעם שווער׳ס אומעטיגען פּנים, נאָך זיין שבת׳דיגער קאַפּאָטע און גוט מאָרגען, האָט משה פערשטאַנען אַז ער קומט נישט גלאַט אַזוי צו גאַסט.

—הער משה, וואָס איך וועל דיר זאָגען,—שמואל האָט זיך

געזעצט ביים טיש און געֶרעדט מיט אַ ציטעריגער שטים.—איך בין נעקומען דורכשמועסען זיך וועגען אַ וויכטיגען ענין.

משה האָט אָנגעשטעלט אויפ׳ן שווער, אַ דערשראָקענעם בליק און שמואל האָט טיף אַ זיפץ געטהון און אַראָבגעלאָזט די אויגען.

—די מעשה איז אַזוי מיין קינד. פערשטעהסט דאָך גוט: ס׳איז ביטער. קיין קנעלונג האָסטו נישט און לעבען דאַרף מען דאָך, דאַרף מען דאָך חיונה. וואָס, נישט?

—אוי בעדאַרף מען.

—ס׳פערשטעהט זיך אַז מען דאַרף,—האָט שמואל פאָרגע־זעצט לעבעדיגער.—נאָר היינטיגע יאָהרען. וואו וועסטו געפינען פרנסה?

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגען און אָנגעהויבען שטאַמלענדיג.

—סיידען וואָס? סיידען ווערען, רחמנא לצלן, אַ בעל-מלאכה. וואָס טהוט מען נישט פון פרנסה וועגען, הא? וואָס זאָגסטו?

אויף אַזאַ פאָרשלאָג האָט זיך משה וועניגסטענס גערילט. איהם איז קיינמאָל אויפ׳ן געדאַנק נישט געקומען צו ווערען אַ בעל-מלאכה. ער אין דער לאַנגער קאַפּאָטע מיט׳ן גרויסען טלית-קטן און מיט אַמאָל—אַ בעל-מלאכה. עס קלעבט זיך ווי אַנ׳אַרבעס צו דער וואַנד.

—וואָס זאָל איך זאָגען? איך ווייס?

ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. און גלייך נאָכדעם, האָט זיך ביי איהם אַרויסגעריסען נישט ווילענדיג:

—מ׳דאַרף שרה׳ן פרעגען. מ׳דאַרף הערען וואָס די וועט זאָגען...

שמואל האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען.

—מיט שרה האָב איך שוין איבערגעשמועסט... די איז מוסכם...

משה האָט אַזש אויפגעציטערט: אַז שרה איז מוסכם, איז דאָך אַ סוף. איז דאָך נישטאָ וואָס צו ריידען, נישטאָ וואָס מיישב צו זיין זיך.

—אַז איהר זאָגט, אַז שרה זאָגט.. ש-שרה, שרה, שרה—

ער ה'אט פאַר אויפרעגונג און פערביטערונג מיט אַמאָל אָנגעהויבען שטאַמלען.

—„איך זאָג!"—האָט אויסגעשריען שמואל מיט ביטערן צער.—מיר איז גרינג צו זאָגן: „זוהן מיינער לעג אַוועק די גמרא און ווער אַ בעל-מלאכה!" פינסטער און ביטער איז מיר, אַזעלכע עצות געבען! און גלאַט גערעדט: ווער בין איך און וואָס בין איך מ'שטיינס געזאָגט, דיר צו געבען עצות? איך בין געווען אַ לאַטוטע און וועל בלייבען אַ לאַטוטע. דיין בעל-עצה, דער טאַטע דיינער, זאָל ער דאָרט האָבען אַ ליכטיגען גן-עדן, וואָלט געוויס דערצו נישט דערלאָזען, אָך-אָך-אָך!

משה האָט אין דער צייט וועגען עפעס אַנדערש געקלערט: ס'איז גרינג צו זאָגן: ווער אַ בעל-מלאכה.

—אַ בעל-מלאכה ווערט מען דאָך נישט אין איין טאָג, אַ מלאכה דאַרף מען דאָך קענען...

עי, נאַרישקייט!—האָט איהם איבערגעשלאָגען שמואל—זאָל שוין דאָס זיין די לעצטע דאַגה. אָט, וועל איך דיר דערצעהלען מיין זוהן, ווי אַזוי ס'איז מיר אַרויף אויפן זינען: נעכטען, אין מנחה-צייט, בעגעגען איך קלמן דעם טראָפּאַטש. נו, אַלטע בעקאַנטע, שטיקלעך קרובים. „גוט נ'אָוועגד!—גוט יאָהר!" פערבעטען מיך אין שענק, מכבד געווען מיך מיט אַ שנעפסעל, מיט אַ קיכעל. נו, מ'זיצט ביים טיש, רעדט מען. וועגען וואָס רעדט מען? מסתמא, וועגען אייגענע צרות. מסתמא, דערצעהל איך איהם וועגען אייך—ס'געהט דאָך, ברוך-השם, פון זינען נישט אַרויס. „הער נאַר-זאָגט ער-פערוואָס-זאָגט ער-זאָל משק'ה נישט ווערען אַ בעל-מלאכה, שעמען זיך? וואָס? נאַרישקייט! אין דער היילי'גער גמרה שטעהט: אהוב את המלאכה"... זאָג איך איהם, זאָג איך: וואָס פאַר אַ מלאכה וואָלט משקה געקאָנט טהון? ענטפערט ער מיר: „וייסטו וואָס? איך וועל איהם נעהמען צו זיך אויף דער מלאכה. אונזער מלאכה איז נישט קיין שווערע. ער וועט זיך אויסלערנען אין עטליכע טעג. ער וועט געוואָהנט ווערען, וועט ער פערדינען אי דריי, אי פיער רובעל אַ וואָך, און מעהר. דערווייל וועל איך איהם צאָהלען אָנדערטהאַלבען רובעל... נו, מסתמא, האָב

איך איהם גאָרנישט געענטפערט. איך האָב נאָר דערצעהלט שרה'ן, האָט זי זיך אַנגעכאַפּט ווי אין אַ הייסען שטיין. נישט אַנדערש. זאָגט זי, זאָלסט ווערען אַ בעל-מלאכה. „יחוס נא קברות—אַ דאָמאַ צרות”—זאָגט זי.

ווען שמואל האָט אַזוי גערעדט איז מיט משה'ן פאָרגעקומען אַ מאָדנע ענדערונג. ער האָט געפיהלט, אַז דאָ דאַרף זיך אומבייטען ס'גאַנצע לעבען זיינס, און וואָס שרה און שמואל בעשטעהן—איז נאָך ווייניג, איך דאַרף זיך אַליין בעטראַכטען..

און דאָס איז געווען מאָדנע. ביז איצט האָט ער געלעבט מיט אַ צווייטענס געדאַנקען, מיט אַ צווייטענס ווילען. דער טאַטע, עליו-השלום, האָט געהייסען—האָט ער געלערענט, דאָס ווייב האָט איהם געהייסען—האָט ער געטראָגען אויף דער נייער דירה די צינערנע טעלער. ער האָט שטענדיג געטהון, וואָס מ'האָט געהייסען, און ערשט איצט, איז איהם געקומען דער געדאַנק, אַז ער אַליין, אייגענטליך. קאָן דאָך אויך האָבען אַ דעה.

ער האָט דערזעהן פאַר זיך אַ נייעם משה'ן, אַנ'אונבעקאַנטען. שטעהט דאָך משה און פערברענגט גאַנצע טעג צווישען בעל-מלאכות, צווישען פשוטע מענשען—שטעהט אין אַרבייט. און אויס מיט דער קלויז, מיט די ספרים, מיט די בטלנים.

משה האָט זיך מיט אַמאָל שטאַרק אַ רייב געטהון דעם שטערען און אַרויסגערעדט מיט גאָר [illegible]ייער שטים, רוהיג און בעטראַכט:

—הערט שוועד. אַזאַ זאַך ווערט ניט אָבגעטהון איינס, צוויי. מ'דאַרף זיך מיישב זיין.

שמואל האָט נישט בעמערקט די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין משה'ן. ער האָט נאָך רוהיג אַרויסגערעדט.

—אַוודאי, אַוודאי, אַזוי! וואָס דען? אָבטהון מיט אַמאָל? הס-ושלום! עמיצער טרייבט דיך. טאַ, זאָג איך דאָך, זיי זיך, טאַקי, מיישב. געה אַריין צום רב, געה אַריין צו חיים-זלמנ'ען. פרעג אַנ'עצה, ווי דען? ווי דען?...

אַז משה איז געבליבען אַליין, האָט ער לאַנג אַרומגעשפּרייזט איבער'ן חדר'ל. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, זוי שווער,

ווי ביטער, ס׳וועט איהם זיין, אָבצוזאָגען זיך פונ׳ם איצטיגען לע-בען. פערבּרענגען צווישען בעל-מלאכות, גראָבּע יונגען, עמי-הארצים, שכּורים, אפשר נאָך, צווישען פּראָסטע גוים. אויסהערען נבול-פּה... אין דער זעלביגער צייט האָט ער אָבער טיף אין האַר-צען געפיהלט, אַז קיין אַנדער ברירה האָט ער נישט. ווערען אַ בעל-מלאכה—וועט לכל-הפּחות אַראָבּפאַלען אַ באַרג פון די פּליי-צעס, פערשווינדען די אייביגע שרעק פאַר׳ן הונגער... משה איז אַלץ אַרום-געגאַנגען אַהין און צוריק; ער האָט נישט אַזוי פיל געטראַכט, ווי געליטען, געליטען ווי איינער, וואָס זעגענט זיך אויף אייביג מיט עפּעס אַ טייערען פריינד, געליטען שטיל, גע-דולדיג.

פאַר די פאָר שעה, וואָס ער איז געווען אַליין, האָט ער חי איבערגעליטען, ווי איבערגעוועהטאָגט זיין אייגענע לאַגע. איהם איז געוואָרען גרינגער אויפ׳ן האַרצען. ער האָט געפיהלט, אַז ער אַליין איז שוין מוסכּם...

און אַז שרה איז געקומען, האָט ער איהר געזאָגט גאַנץ רוהיג, מיט אַ גאַנץ פעסטער שטים:

—יאָ, שרה, אַזוי בלייבּט עס, איך ווער אַ בעל-מלאכה... נישטאָ וואָס צו ריידען מסתמא וויל אַזוי דער אויבערשטער. ער וועט פיהרען, ווי גלייך עס איז. די גמרה זאָגט דאָך: פשוט נבלתא בשוקא ואל תצטרך לבריות״.

שרה האָט נישט פערשטאַנען, וואָס די גמרא זאָגט, זי האָט אָבער דערפיהלט, אַז משה איז אַ נייער מענש געוואָרען.

און זי האָט אויסגערעדט, נישט וויסענדיג וואָס צו זאָגען:

—הלואי זאָל גאָט געבען אין אַ גוטער שעה...

אין עטליכע טעג אַרום, איז משה געגאַנגען מיט אַלמן דעם שפּינער אויף דער אַרבייט.

## ה

פאַר משה׳ן האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייַ לעבען.

די ערשטע צייט, איז איהם די אַרבייט צוגעגאַנגען זעהר שווער. ס׳האָבען איהם געבראָכען די הענד, די פיס, דער רוקען— אַלע גלידער. ער האָט געפיהלט, אַז די כחות געהען איהם אויס, ער האָט נישט געקאָנט, נישט עסען, נישט שלאָפען פאַר מידקייט. ביי דער אַרבייט האָט ער זיך געפיהלט, ווי אין אַ תפיסה, די צייט האָט זיך געשלעפט, אַלץ איז געווען פרעמד און מאוס, זיי־נע געדאַנקען האָבען שטענדיג אַרומגעשוועבט אין דער ווייטער ליכטיגער שוהל. אַפנים ער האָט אַ ביטערען טעות געהאַט, ווען ער פלעגט טעהנ׳ען, אַז ערד גראָבען איז גרינגער, ווי קנעלען. ער האָט געפיהלט, ווי עס ענדיגען זיך איהם די כחות, אָט, אָט לאָזט ער אַרויס פון די הענד דעם פאַק פּענקע.

שווער איז אָבער נאָר געווען די ערשטע וואָך. נאָכדעם האָט ער זיך אָבער צוגעוואָהנט. מיט יעדען טאָג, איז געוואָרען אַלץ גרינגער און היימליכער, די מיטאַרבייטער אַלץ נעהנטער און אין אַ האַלב יאָהר אַרום, איז משה שוין געווען אַנ׳עכטער אַר־בייטער.

די שפּינער האָבען משה׳ן, אין אָנפאַנגס, בעגעגענט נישט גאָר פריינדליך. זיי האָבען גלייך איינגעזעהן, וואָס פאַר אַ נפש דאָס איז. זיי האָבען פערשטאַנען, אַז פון איהם קאָן מען אָבלאַ־כען, וויפיל דאָס האַרץ גלוסט, אַז איהם קאָן מען אָבטהון: אַ קינצעל, אַ שפּיצעל, אַ שטות—ער וועט נישט ענטפערען. האָבען זיי טאַקי משה׳ן באַלד געקרוינט מיט׳ן נאָמען „מאָשק׳ה בן-בקוהע״.

נאָר ביסלעכווייז האָט זיך אָנגעהויבען צו ענדערען צו איהם די בעציהונג אויך פון די אַרבייטער. אייניגע האָט ער צוגעצוי־גען מיט זיין שטילקייט, מיט זיין עניוות, אַנדערע איז געפעלען, וואָס ער טרינקט נישט קיין בראָנפען. נאָר איבערהויפּט, האָבען די אַרבייטער בעקומען דרך-ארץ, ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט,

אַז ״ א״ו, ווי מ׳זאָגט, קלאָר ווי אַ וואַסער כמעט אין גאַנץ ש״ס, ער וואָלט אפשר געקאָנט ווערען אַ רב... אַ למדן—דאָס איז שוין אַנ׳אַנדער זאַך. ס׳קאָן זיך שוין די צונג נישט אַ קעהר טהון, אַ געשריי צו טהון אויף איהם.

די שפינער האָבען איהם אָנגעהויבען איינצוריידען, אַז ער זאָל אַריבערגעהן אין דעם בעל־מלאכה קלייזעל. מ׳האָט איהם דאָרט אָבגעגעבען אַנ׳אָרט אין מזרח און פון דעם ערשטען שבת אָן, אָנגעהויבען איהם אָבצוגעבען דעם גרעסטען כבוד: שישי, פתיחת־הארון. ער איז גאָר געוואָרען אין קלייזעל דער שענסטער בעל־הבית. צו איהם פלעגט מען צוגעהן פרעגען: אַ טייטש פון אַ לשון־קודש וואָרט, צו דאַרף מען זאָגען תחנון, צו דעם אָדער יענעם פיוט; אַנ׳אַנדערש מאָל, שבת נאָך מנחה, פלעגט מען איהם בעטען זאָגען אַ שטיקעל עין־יעקב, און עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז ווייבער האבען אָנגעהויבען צו געהן צו איהם שאלות פרעגען. און כאָטש ער פלעגט זיך יעדעס מאָהל דערשרעקען, און שיקען זיי צום רב, זענען דאָך די ווייבער געווען איינגעגלויבט, אַז ער פערשטעהט נישט ווייניגער, אפשר נאָך פיל מעהר, פונ׳ם רב.

שרה האָט אויך אָנגעהויבען קוקען אויף איהר מאַן מיט אַנדערע אויגען. זי האָט זיך געהאַלטען גרויס מיט איהם. פון זיין כבוד האָט זיך דאָך טיילווייז אויך געגאָסען. אַפילו ברוך דער קצב, פלעגט אויף איהר נישט שרייען, ווי אויף אַנדערע ווייבער און פלעגט איהר נאָך איינטיילען אַ בעסערע חלק. ברוך דער קצב האָט געדאַוועָנט מיט משה׳ן אין איין קלויז, האָט ער פון איהם שטאַרק געהאַלטען.

האָט, דאָס אַלץ, פערשטעהט זיך, געהאַט אַ ווירקונג אויפ׳ן משה׳ן אַליין. ער איז געוואָרען ביי זיך חשוב׳ער און מוטיגער, האָט אַ ביסעל אויסגעגלייכט דעם רוקען, אָנגעהויבען קוקען פריי־ער אויף גאָטס וועלט, ער האָט שוין נישט מורא געהאַט אַריינ־צושטעלען אַנ׳אייגענעם וואָרט אין אַ שמועס, אַרויסזאָגען הויך אַנ׳אייגענעם געדאַנק.

די מלחמה מיט׳ן דלות האָט אָבער נישט אויפגעהערט. שפינעריי גיט אַ שטיקעל ברויט נאָר אין ווינטער; זומער

מוז מען זוכען אַנ׳אַנדערע מלאכה: האָט זיך משה שוין געהאַט צוגעוועהנט צו פיזישע אַרבייט, האָט ער זומער אָנגעהויבען אַר־בייטען אַרום געביידען, אַרום די בערלינעס אויפ׳ן טייך. לסוף איז ער געוואָרען אַנ׳ערד-גרעבער. דאָס איז געווען אַ שווערע אַרבייט, אָבער מ׳האָט גוט געצאָהלט פאַר דעם. אין אַ משך פון צוויי יאָהר האָט זיך משה צוגעוואהנט צו דער אַרבייט, און בע־קומען אַ נאָמען פון אַ גוטען ערד-גראָבער.

אַזוי האָט זיך געצויגען זיין לעבען.

פאַר די צעהן יאָהר נאָך זיין חתונה, זענען ביי משהן מיט שרה׳ן צוויי קינדער אַוועקגעשטאָרבען און פערבליבען זענען נאָך דריי. געאַרבייט האָט משה שטענדיג. זומער-צייט — געגראָבען, ווינטער-צייט—געשפינט, ווי נישט ווי האָט מען זיך דורך־געלעבט. נאָר דעם לעצטען ווינטער, האָט משה זיך שטאַרק פער־קיהלט, בעקומען אַ פיבער, און איז אָבגעלעגען דריי חדשים אין הקדש. דאָס הויז-געזינד איז פערבליבען, ווי אין מיטען ים. שרה האָט שוין פערקויפט, פערזעצט, וואָס זי האָט געהאַט און זיך פער׳חוב׳עט אויף וואָס זי האָט געקאָנט. נאָר משה איז געקומען צו זיך און האָט ווידער זיך גענומען צו דער אַרבייט. האָט דאָס געזינד אָבגעלעבט און אָנגעהויבען ווייטער צו האָפען...

אין אַ לאַנגען גראָבען פון צוויי אַרשין די ברייט און ביי צוויי קלאַפטער די טיף האָבען געאַרבייט פיער גרעבער: שמואל כליאַפ. דער פאָדראַטשיק, אַ יוד פון אַ יאָהר פופציג, אַנידעריגער, אַ געזונטער, מיט ברייטע פלייצעס און אַ רויטען קאַרק; נעבען איהם—אַ הויכער, דאַרער יונגערמאַן מיט אַנ׳ענערגיש פנים; ווייטער אַ ביסעל—אַ קריסט אַנ׳אויסגעהאָרוועטער, אַ פערביטערטער, דער פערטער גרעבער איז געווען משה.

געגראָבען האָט מען אין אַ גרויסען אָבגעצוימטען הויף, וואו ס׳זענען געווען אָנגעלעגט: גרויסע קופעס שטיינער, ציגעל, קאַלך, און קלעצער. געגראָבען האָט מען פאַר אַ פונדאַמענט, געגראָבען מיט אַ גאַנצען קלאַפטער טיפער. ווי געוועהנליך, ווייל דער האָט זיך געפונען אויף אַ בערגיל, און דאָע בערגיל האָט מען גערע־כענט שפעטער אויסצוגלייכען. אַרויסוואַרפען די ערד גלייך פון

נראָבען אַרויס איז געווען אונמעגליך. האָט מען זי געוואָרפען פריהער אויף אַ בריקעל, אויף אַ קלאָפּטער די הויך, און ערשט פון בריקעל האָט מען זי' געזאָלט אַרויסוואַרפען אין דרויסען.

די גרעבער האָבען געאַרבייט שטיל. און יעדער נאָך זיין כאַראַקטער נאָך. משה האָט געאַרבייט לאַנגזאַם, אָננעמענדיג אַ האַלבען רודעל הערד. ער איז נאָך געווען שלאָף—נאָך דער קרענק. ער האָט אָבער פון געוואָהנהייט געאַרבייט גלייך און רעגעלמע־סיג, ווי אַנ'אָנגעצויגענער זייגער. דער יונגערמאַן האָט געאַרבייט גיך, ווי מיט כעס, נאָר נישט גלייך. דאָ פלעגט ער אָננעהמען אַ פולען רודעל ערד, און דאָ—פלעגט דער רודעל פערקריכען אין אַ זייט, פערטשעפען זיך, און דערפאַר פלעגט איהם דער קריסט מכבד זיין מיט אַ קללה. און דער קריסט האָט געאַרבייט ווי משה—לאַנגזאַם און רעגעלמעסיג, נאָר יעדעס מאָהל פלעגט ער אַרויסוואַרפען אַ פולען רודעל ערד. שמעריל אַליין, האָט נאָר געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער אַרבייט. דאָ האָט ער פאַרגלייכט די וועגטלעך, אָנגעבאָפּט אויפ'ן גראָב-אייזען אַ שטיינדעל און אַרויסגעוואָרפען פון גראָבען, דאָ האָט ער זיך צוגעקוקט, ווי אַנ-דערע אַרבייטען, געשטאַנען פערטראַכט, געגלעט די באָרד און געברומט פאַר זיך.

פלוצלינג, האָט שמעריל אַ קוק געטהון צום הימעל, אַ העפטיגען שפיי געטהון און אַרויסגערעדט מיט האַרץ:

—אַך, פערברענט זאָל ער ווערען, דער משומד! געה, פער-לאָז זיך אויף איהם! האַלבער טאָג—און ער איז נישטאָ.

—מסתמא, פערגאַנגען אין שענק.— האָט זיך אָבגערופען דער יונגערמאַן

—געהן זאָל ער אין כף-הקלע!—האָט זיך געבייזערט שמעריל—נאָך דעם מלאך־המות דאַרף מען איהם שיקען...

ער האָט נאָך נישט געענדיגט די ווערטער, ווי ביים גראָ-בען האָט זיך בעוויזען אַנ'אַרבייטער פון אַ יאָהר פערציג, אַ לע-בעדיגער, אַ געזונטער. ער איז געקומען מיט צוויי נייע רודלען. ער האָט זיי פאַרזיכטיג אַראָבגעוואָרפען אין גראָבען און אַליין פלינק צהין אַראָבגעשפרונגען.

נאָך דעם מלאך-המות בעדאַרף מען דיך שיקן:—האָט זיך צו איהם געווענדעט מיט כעס שמערעל. — אַריבערגעהן צו זעליג שמיד געווערט ביי דיר דריי זייגערנע שעה!

—ליג אין קרענק מיט זעליגען אינאיינעם. — האָט זיך קאַלטבלוטיג אָבגערופען דער געקומענער און האָט גענומען איי-נעם פון די גראָבאייזענס.—קאָנסט נישט זעליגען? נישט געקאָנט איהם הייסען נעכטען מאַכען די גראָבאייזענס? געדאַרפט איצט וואַרטען ביי איהם צוויי שעה...

—גע׳הרג׳עט זאָל ער ווערען! — האָט זיך רוהיג אויסגע-שאָלטען שמערעל.

חיים וואָלף, דער געקומענער גראָבער, האָט זיך אַ נעהם געטהון צו דער אַרבייט. ער האָט געאַרבייט „גרינג און ריין״. דער גראָבאייזען איז ביי איהם אַליין געגאַנגען. גרינג ווי אין פוטער שניידט ער זיך אַריין אין דער ערד, שפּרינגט אַרויס מיט אַ בערגעלע ערד, וועלכע פליהט געשווינד אויף דעם ברי-קעל. און דער גראָבאייזען גליטשט זיך שוין ווידער אין דער ערד. צווישען די גראָבער האָט ער זיך גערעכענט פאַר איינעם פון די בעסטע, און דערפאַר האָט ער זיך געהאַלטען מיט שמער-לען, ווי מיט אַ גלייכען. נישקשה, פאַר אַ גראָב וואָרט וועט שמע-רעל נישט אָבזאָגען.

ביי אַ האַלבע שעה האָבען אַלע געאַרבייט שטיל.

חיים וואָלף האָט מיט אַמאָל אָבגעשטעלט דעם גראָבאייזען און אויסגערעדט מיט אימפּעט:

—איהר האָט געהערט אַ נייעס? אין צוויי וואָכען אַרום וועלען זיין טאָרגעס אויף דעם מאָגילנעם באַרג.

—איך האָב שוין דאָס לאַנג געהערט, — האָט זיך אָבגערו-פען שמערעל,—איך וויים אפילו ווער עס וועט נעהמען דעם פּאָדריאַד.

—ווער? האָבען געפּרעגט גלייכצייטיג חיים וואָלף און דער יונגערמאַן.

—דוד חיימאָוויטש. געוויס, ווי דער טאָג! יענער האָט אַזעלכע צדדים, אַז מיט איהם וועט זיך קיינער נישט שטייגען.

—ער וואַקסט דער הונט, ווי אויף הייוועןǃ—האָט אויסגע-שריִען דער יונגערמאַן.

—אַ חדוש אַז ער וואַקסט,—האָט געענטפערט שמערעל,— די בעסטע פּאָדריאַדען קומען איהם אָן, און ער נעמט משוגע׳נע מקחיםǃ וויפיעל מיינסטו וועט ער נעהמען פאַר׳ן אָבגראָבען דעם מאַגילנעם באַרג? איך קאָן דיר שווערען, אַז נישט ווייניגער, ווי פופצען טויזענד רובעל.

—פערשטעהסט אַ מקחǃ — האָט זיך אָבגערופען חיים וואָלף צו משה׳ן,—דאָס איז דאָך צעהן טויזענד רובעל אין קעשענע.

—ווי איין קאָפּיקעǃ און אפשר נאָך מעהרǃ—האָט איהם אונ-טערגעהאַלטען שמערעל. — מעהר ווי פינף טויזענד וועט נישט קאָסטען אָבגראָבען דאָס בערגעל, וואָס דאַרפסטו מעהר? איך אַליין נעהם ביי חיימאָוויטשען דעם פּאָדריאַד פאַר פינף טויזענד, זאָל ער נאָר געבען.

—וואָס דאַרפסטו נעהמען ביי חיימאָוויטשען, נעהם גלייך פון קאַזנאַ, ווערסטו האָבען מיט צעהן טויזענד מעהר. — האָט זיך פו-נאַנדערגעלאַכט חיים וואָלף. שמערעל האָט איהם געענטפערט מיט אַ געלעכטערל.

—פערשטעהסטו מיך, איך האָב געטראַכט וועגען דעם. בעטען זיי, די הינט, דריי טויזענד רובעל זאַלאָג. איך האָב זיי געוואָלט געבען פאַר זאַלאָג מיין חנה בלומען, ווילען זיי נישט; נישט אַנדערש—מזומנים.

משה האָט שווער אָבגעזיפצט.

—דאָס איז אַביסעל אַ פּרנסהǃ אַ נאַש-בראַט דאַרף האָרע-ווען אויף דעם אפשר צעהן יאָהר.

—צעהן יאָהרǃ—האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט חיים וואָלף.— קצין מיינערǃ דו פערדינסט דאָס טויזענד קערבלעך אַ יאָהר? ניין ברודערל, פאַר דיין גאַנץ לעבען ווערסטו נישט אויסהאָרעווען. מיגיע כפּי איז קוים פּאַפּע...

—אַ רוח אין זייער טאַטענס טאַטעןǃ—האָט מיט אַמאָל אויס-געשריִען דער יונגערמאַן. — בע׳גזל׳ט די בעלי מלאכות. קאַזנאַ צאָהלט דאָך פופצעהן טויזענד. חיימאָוויטש טהוט דאָ עפּעס? ער

חייסט מעהר נישט: סאָפּען מיט דער נאָז און שפּאַרען אין דעם גראָבען בויך, פלאַצען זאָל ער איהם אין גיכע צייטען!

—שאַ, היץ דיך נישט, — האָט איהם אָבגעשטעלט חיים וואָלף.—מאָרגען וועסטו אַליין קומען זיך בעטען צו איהם אויף מלאכה. וועסט נאָך זאָגען אַ דאַנק, אַז ער וועט דיך נעהמען.

אָבער דער יונגערמאַן האָט איהם איבערגעשלאָגען.

—ווייסטו, פאַר וואָס? ווייל מיר זענען אַלע הינט. ווי איז די מעשה, אַז מיר קלויבען זיך צונויף אַ מאַן צוואַנציג דרייסיג גראָבער און געהען אַליין אַוועק אין דומע בעטען דעם פּאָד־ריאַד ? וואָס ?

—פרא אדם!—האָט איהם איבערגעשלאָגען שמערעל, — און זאַלאָג ?

—מען וואָלט געקראָגען,

—דעם טלית און תפילין פערזעצען ? האָט זיך אָבגערופען חיים וואָלף.

—און גלאַט גערעדט,—האָט פאָרטגעזעצט שמערעל,—אַז דו נעהמסט שוין דעם פּאָדריאַד. ערשטענס, וואָלט דיך חיימאָוויטש נישט צוגעלאָזען, ער האָט גענוג צרדים. און, צווייטענס, וואָלסטו דעמאָלט ערשט רעכט אויסגעריסען געוואָרען: קיין פּאָדריאַדטשיק וואָלט דיך מעהר צו מלאכה נישט צוגעלאָזט. וואָס דאַרפסטו מעהר, איך בין נישט קיין פּאָדריאַטשיק, איך דינג אַ פּאָר אַרביי־טער און נעהם אַ שטיקעל מלאכה. זאָלען אָבער קומען אַ פּאָר בעלי מלאכות, שקצים, און נעהמען אַליין פון פּאָדריאַטשיק אַנ׳־אַרבייט, ווער איך זיי אויף נישט קוקען אין די ציין.

עס האָט זיך געהערט, ווי אויף דעם הויף איז אַרויפגע־פאָהרען אַ שווערע פוהר: די פייכטע ווענד פון גראָבען, האָבען זיך געטרייסעלט. שפּעטער אַ ווײלע האָט זיך בעוויזען איבערן גראָ־בען, אַנ׳אַלט , איינגעהויקערט יודעלע מיט אַ שפּיציג גראָהע בערדעלע.

—קום שמערעלע, מאַכען אַ שנעפּסעלע!—האָט ער פרעהליך אַ געשריי געטהון אין גראָבען אַריין.—מען האָט טאַקי מיר אַוועק־געגעבן די ציגעל פיהרען.

—עס געהט!—האָט זיך אָבגערופען שמערעל.

—לייזער, מאַך נישט קיין הינטישע טענץ!—האָט אַ געשריי געטהון פון גראָבען חיים וואָלף. — האָסט צוגעזאָגט אַ קוואָרט בראָנפען אויף אַלעמען-טאָ שטעל. וואָס רופסטו שמערלען אַליין?

—שאַ, זיי נישט קיין שגץ!—האָט זיך צולאַכט דאָס יודעלע אין דער הויך:—אַ וואָרט איז אַ וואָרט. געזאָגט איז נישט געבי-לען. חברה, קריך אַרויס פון קאנאווע.

אַלע אַרבייטער זענען אַרויס פון גראָבען, געבליבען איז נאָר משה.

—נו, משה! האָט איהם אַ רוף געטהון שמערעל.

—איך טרינק דאָך נישט,—האָט ער געענטפערט,—איך וועל אַרויס, אַז מיין ווייב וועט מיר ברענגען וואַרמעס. מיין גלעזעל בין איך מנדר היים וואָלף'ן

חיים וואָלף האָט געלאַכט:

—איך וועל מאַכען איבער איין גלעזעל אַ ברכה און אַלע וועלען ענטפערען אמן.

אַז די גראָבער זענען אַוועק, איז משה געשטאַנען אַ ווײלע פערטראַכט, אָנגעלעהנט אָן גראָבאייזען. ער האָט דערפיהלט מיט אַמאָל אַ שרעקליכע שוואַכקייט אין אַלע גלידער. ער האָט זיך געמוזט אָנלעהנען אָן דער וואַנד. די געדאַנקען האָבען איהם גע-טראָגען ווייט פון דער קאנאווע.

איהם האָט זיך פאָרגעשטעלט זיין קליין צימערל, זיין דירה, זיין היים, שרה מיט איהר פינסטערען, פערביטערטען פנים, די קינדער נאַקעטע, באָרוועסע. ער האָט זיך דערמאָהנט, ווי זיי פלעגען קומען איהם געזעגנען אין הקדש, און ווי איהם פלעגט פערקוועטשען דאָס האַרץ, קוקענדיג אויף זיי.

ער האָט זיך אומגעקוקט. אין גראָבען איז געווען שטיל און זומעטיג, ווי אין אַ קבר.

און ער האָט זיך ווייטער דערמאָהנט, ווי מיט צוויי יאָהר צוריק איז איהם געשטאָרבען דאָס עלטערע יונגעל. עס איז גע-ווען אַ קאַלטער ווינטער. דאָס יונגעל האָט זיך פערקיהלט און אין דריי טעג האָט איהם די בייזע חולאת אויפגעגעסען.

—אַז עס וואָלט דאָס זאָן געווען דרייסיג קאָפּיקעס צו רו־פען דעם רופא צו דער צייט...—איז איהם דורכגעלאָפען אַ גע־דאַנק.

צוויי גרויסע טרערן האָבען זיך איהם פּערקליבען אין די אויגען, זיך אָנגעהאָנגען אין די ברעמען, אַראָבגעקייקעלט זיך אויף די באַקען און פון די באַקען אויף דער פייכטער ערד אַראָב.

פּלוצים האָט זיך משה אויפגעכאַפּט. ער האָט דערפיהלט, זוי עמיצער וואָלט איהם אַ שטויס געטהון פון וואַנד. איהם האָט זיך געדוכט, אַז די וואַנד פון קאנאַווע און די קלאַדקעס ציגעל האָבען זיך אַ טרייסעל געטהון.

משה האָט געשווינד אָבגעווישט די אויגען און זיך גענו־מען צו דער אַרבייט, וועלענדיג פערטרייבען די בייזע מחשבות.

—שרה וועט באַלד ברענגען וואַרמעס,—האָט ער זיך גע־טראַכט.

מיט אַמאָל האָט ער דערהערט איבער זיך אַן אונגעוועהנליכען רעש, ווי צעהנדליגער שווערע וואָגענס וואָלטען אַרויפגעפאָהרען אויפן הויף. ער האָט נאָך קיין צייט נישט געהאַט צו בעגרייפען פון וואַנען עס קומט דער רעש, ווי ער האָט דערזעהן, אַז די וואַנד פון קאנאַווע האָט זיך אָבגעזעצט, אָנגעבויגען, לאַנגזאַם מיטשלעפּענדיג מיט זיך די צוויי קלאַדקעס ציגעל. משה איז גע־בליבען צוגעשמידט צום אָרט.

—אוי, ראַטעוועט!

און אין דערזעלבער רגע איז די וואַנד פון קאַנאַווע מיט אַ שטורם אַראָבגעפאַלען און משה איז געוואָרען פערשאָטען מיט ערד און מיט אַ האָגעל פון ציגעל...

די גרעבער, וואָס זענען געזעסען אין שענק, האָבען שוין געענדיגט די קוואָרט בראָנפען און זיך געקליבען געהן צו דער אַרבייט, ווען עמיצער איז אַריינגעלאָפען מיט דער שרעקליכער בשורה. זיי האָבען זיך געלאָזט לויפען צו דער קאַנאַווע.

אויפ'ן הויף איז געווען אַ שרעקליכער גערודער. ביי דער קאַנאַווע זענען שוין געשטאַנען אַ פּאָר צעהנדליג מענשען,

האָבּען געשריען, זיך געוואונדערט און זיך נאָכגעפרעגט איינער בּיי דעם צווייטען, צי איז עמיץ נישט פערשאָטען געוואָרען, און קיינער האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערען, בּיז די גרעבּער זענען צוגעלאָפען מיט אַ פערצווייפעלטען געשריי.

—גראָבּאייזענס, געוואַלד, גראָבּאייזענס!

צוזאַמען מיט משה'ן זענען פאַרשאָטען געוואָרען אויך די גראָבּאייזענס.

—חיים וואָלף!—האָט געשריען שמערעל,—געוואַלד, לויף צו ברוכ'ן, בּיי איהם אַרבּייטען אויפ'ן הויף גוים, כאַפּ בּיי זיי די גראָבּאייזענס, געוואַלד!

און צו דער קאנאווע האָבּען זיך דערווייליע געשטופּט צעהנדליגער נייגיריגע און איינער צום צווייטען געשריען: „וואוהין קריכסטו? וואָס האָסטו דאָ נישט געזעהן?"

עס האָבּען זיך געהערט געשרייען:

—ווער איז ער?

—אַ מענש מיט אַ נאָז, מיט אויגען!

—איך פרעג: אַ יוד, צי אַ גוי?

—גראָבּ אים אָבּ, וועסטו זעהן!

—שוין נישט דער ערשטער אין בּערקעס מויערען!

—אַ מענשישער פונדאַמענט;

—זאָל ער, דער ימח שמו'ניק שוין אַליין פאַרשאָטען ווערען!

דערווייל האָבּען זיך אויפ'ן הויף געפונען עטליכע גראָבּאייזענס, דריי אַרבּייטער זענען אַריינגעשפּרינגען אין קאנאווע און זיך גענומען גראָבּען. אין אַלע זייטען זענען געפלויגען ציגעל און הויפענס ערד. חיים וואָלף איז געקומען צולויפען מיט צעהן קריסטען, אַלע האָבּען זיך אַריינגעלאָזט אין דער קאנאווע — און אין עטליכע מינוט אַרום איז משה געווען אָבּגעגראָבּען.

ער איז געלעגען ווי אַ טויטער, מיט אַ צובּלוטיגטען קאָפּ, דאָס פּנים פערדעקט, פערקלעבּט מיט ערד.

די אַרבּייטער האָבּען איהם פּאַמעליך אויפגעהויבּען און פאָרזיכטיג אַרויסגענומען פון גראָבּען.

שמערעל, אָהן אַ היטעל, אַ פערשמירטער אין בּלאָטע און

אין בלוט, איז אומגעלאָפען, נישט ווייסענדיג, וואָס צו טהון.

—אין שענק טראָגט איהם, אין שענק, לויפט נאָך אַ דאָקטאָר!

משה'ן האָט מען אַריינגעטראָגען אין שענק און איהם אַרומ־געוואַשען דאָס פּנים. ער האָט שווער געעפענט די אויגען, אַ קרעכץ געטהון און צוריק זיי צוגעמאַכט. איבער איהם איז גע־שטאַנען חיים וואָלף.

—משה... וואָס איז דיר?

משה האָט ווידער געעפענט די אויגען און אין זיי האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אַ שטילע און טיפע לייד.

—וואָס איז דיר, משה?

ער האָט קוים פונאַנדערגענומען די ליפּען.

עס איז געקומען דער דאָקטאָר. האָט אַרומגעזעהן, אַרומ־געטאַפּט דעם אומגליקליכען, האָט איהם איבערגעבונדען דעם קאָפּ און נישט געהייסען ריהרען פון אָרט. און אַז דער דאָקטאָר איז אַרויסגעגאַנגען, איז איהם שמערעל נאָכגעלאָפען און זיך שטיל נאָכגעפרעגט וואָס עס הערט זיך.

דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז ביי משה'ן איז צושפּאָל־טען דער שאַרבען און, אַז ער וועט קומען אין אָווענד אַ קוק טהון, צי מען קאָן דעם קראַנקען מאַכען אַן אָפּעראַציע.

שמערעל איז אַריין צוריק אין שענק און טרויעריג פער־טרויט די בשורה חיים וואָלף'ן און חיים וואָלף—דער שענקערין חיים וואָלף האָט זיך געכאַפּט פאַר'ן קאָפּ:

—אוי, אוי, דער שאַרבען צושפּאָלטען!

נאָר די שענקערין האָט זיי געפּרובט בערוהיגען.

—גאָט איז אַ בעל רחמים, און כל זמן עס קלאַפּט אַן־אָדער, דאַרף מען האָפען און טהון. וואו איז די רעצעפּט? זאָל מען לויפען אין אַפּטייק.

אין שענק איז אַריין אַ מענש פון אַ יאָהר פערציג, רייך געקליידט. ער האָט געהאַט אַ קיילעכדיג אונטערגעשוירען בערדעל און אַ שאַרפען בליק. דאס איז געווען לייב בערקין, דער בעל הבית פון מויער.

ער איז אײַליג אַרײַן און גלײַך צו צו שמערלען
—ווי אַזוי האָט דאָס געטראָפען?
דערזעהענדיג דעם בעל הבית. האָט זיך שמערעל צומישט. האָט זיך אײַנגעהויקערט און אויף זײַן פּנים איז געווען אַ געמיש פון חנופה און רחמנות.
—אַי, ר׳ לייב, אַי, וואָס פאַר אַנ׳אומגליק!—ער האָט אויף אַ בעזונדערען, פערצאָגטען שטייגער אויסגעצויגען די ווערטער.
—איך פרעג דאָך דיך, ווי אַזוי האָט עס געטראָפּען?—האָט איהם איבערגעשלאָגען בערקין.
—ווי אַזוי? מיר האָבען אַלע געקאָנט דאָרט בעגראָבען ווערען. לייוויק, דער ימח שמו׳ניק, האָט נעכטען ביי דער נאַכט אויסגעלעגט פיער קלאַדקעס ציגעל ביים רעכטען ברעג, האָבען זיי פּראָסט אַראָבגעזעצט די ערד.
—לייוויק!—האָט איהם בייז איבערגעשלאָגען בערקין,—און וואו ביזטו געווען? וואו זענען געווען דיינע אויגען?
שמערעל האָט געמורמעלט, ווי אַ פערשולדיגטער חדר יונגעל.
—איך בעט אייך, פון וואַנען האָב איך געזאָלט וויסען? נעכטען, שפּעט ביי נאַכט, האָט ער געבראַכט די ציגעל... הײַנט אין דערפריה האָב איך דערזעהן... וואָס האָב איך געקאָנט טהון?
בערקין האָט מיט כעס אַ ציה געטהון מיט די אַקסעל און אין אַ מינוט אַרום געפרעגט:
—וואו איז ער? האָט מען איהם אָבגעפיהרט אין שפיטאָל?
—ער איז דאָ אין יענעם חדר. דער דאָקטאָר האָט נישט געהייסען ריהרען איהם פון אָרט.
—איז שוין געווען אַ דאָקטאָר אויך? וואָס האָט ער געזאָגט?
—געזאָגט?— שמערעל האָט אַ שווערען זיפץ געטהון.— געזאָגט, אַז דער שאַרבען איז צושפּאַלטען.
בערקין איז אַרײַן אין צווייטען צימער. משה איז געלעגען שטיל מיט צוגעמאַכטע אויגען. ער האָט שווער און איבערגעריסען געאָטעמט. די שענקערין איז געזעסען נעבען איהם און איהם צוגעלעגט צום קאָפּ קאָמפּרעסען.

בערקין איז געבליבען שטעהן ביי דער טהיר און לאַנג און אויפמערקזאַם געקוקט אויף משה'ן, וועלכען ער האָט געזעהן צום ערשטען מאָל. ער האָט געזעהן פאַר זיך אַ קליין, דאַר מענשעלע, אַנ'אויסגעהאָרעוועטס, אַ פאַר'חושכ'טס. דאָס מענשעלע האָט פון דעסטוועגען געלעבט, געוואָלט לעבען, אפשר געוואָלט אַביסעלע גליק, דאָס גאַנצע ביז איצטיגע לעבען זיינס איז געווען אַ לאַנגזאַמער, ביטערער שטאַרבען פאַר הונגער, פאַר קעלט און פון דער שווערער אַרבייט איבער די כוחות. ביז עס איז געקומען אַ קלאַדקע ציגעל און האָט איהם צעקוועטשט.

בערקין איז נישט געווען קיין רך לב, כאָטש זיינע הונדערט טויזענד רובעל האָט ער געהאַט „כשר פערדינט". ער האָט קיינעם נישט גע'הרג'ט, ביי קיינעם קיין שלעסער נישט געבראָכען און ביי קיינעם קיין קעשענע נישט געשלעפּט. נאָר אין זיין פערמעגען האָבען זיך געפונען נישט וועניג רובעלס, בענעצטע מיט יתומ'ישע טרערען, מיט טרערען פון ביטערע אָרעמע לייט. בערקין איז געווען אַ וואַלד-סוחר, און, נישט איינמאָל נאָכ'ן „ספלאַוו", פלעגט ער אָבשיקען די אונגליקליכע פויערים אַהיים נישט בעצאָהלטערהייד. און רוהיג פלעגט ער צוזעהן זייערע טרעהרען, רוהיג אויסהערען זייערע קללות; ער איז געווען אַ מענש אַ קלוגער, אַ געבילדעטער, אַ היינטוועלטיגער. ער האָט פאַר מענשען וועניג וואָס מורא געהאַט, נאָך וועניגער פאַר גאָט.

אָבער איצט, דערזעהענדיג דאָס דאַרע, קליינע מענשעלע, וועלכעס האָט אַזוי וועניג געדאַרפט אום צו דערציהען, איז איהם געוואָרען שווער אויפ'ן האַרץ. ער האָט זיך פערטראַכט. נאַכהער האָט ער אומעטיג אַ שאָקל געטהון מיט'ן קאָפּ, אַרויסגענומען פון דיקען טייסטער אַ פינפרובעלדיגע און דערלאַנגט שמערלען.

—יאָ, דערווייל... מען וועט מסתמא דאַרפען אַ רעצעפּט, אַ דאָקטאָר... וועסט אין אָוועָנד, אַ זייגער אַכט אַריינגעהן צו מיר.

זיי זענען אַריין אין צווייטען צימער.

—זאָג מיר,—האָט בערקין שטיל געפרעגט,—כוו פאַליציי איז עמיץ געווען?

—דערווייל קיינער נישט...

—מען דאַרף מעלדען... נאָר איך וועל דאָס אַליין מאַכען... אַ פיין געשעפט האָט איהר מיר פערשאַפט!

און ביים אַרויסגעהן האָט ער זיך ווידער געווענדט צו שמערלען:

—ווערסט נאָך היינט שטעלען אַ מאַן צעהן אָבגראָבען די קאנאווע.

די שענקערין, וועלכע איז אַרויס איהם בעגלייטען, האָט זיך צוריקגעקעהרט אַנ׳אויפגעקאָכטע.

—געפעלט אייך דער יוד? דאָ שטאַרבט אַ מענש, ביי איהם אויפ׳ן בנין דער׳הרג׳ט געוואָרען, טראַכט ער גאָר וועגען זיין קאנאווע.

—אַ יוד איז ער?—האָט אויסגעשריען שמערעל פערצאָרנט—ערגער ווי אַ משומד! זאָל ע ר פערשאָטען ווערען, וועט אפילו אַ הונט נישט וואָיען נאָך איהם.

חיים וואָלף איז געלאָפען אין אַפטייק, האָט ער דערזעהן פון ווייטענס שרה׳ן. זי האָט געטראָגען דעם מאַן וואַרמעס. זי איז געגאַנגען פערטראַכט, זי איז חושד געווען, אַז מלכה די קרעמערין האָט איהר צוויי מאָל גערעכענט דיזעלבע ליכט אויף שבת.

ביי חיים וואָלפ׳ן איז איינגעפאַלען דאָס האַרץ. ווען ער האָט דערזעהן שרה׳ן. ער האָט געוואָלט זיך אומקעהרען צוריק, אַריבערגעהן אויף אַ צווייטער זייט גאַס. נאָר שרה האָט איהם שוין בעמערקט און איהם געגאַנגען אַנטקעגען מיט אַ פריינדליכער מינע.

—גוט מאָרגען, ר׳ חיים וואָלף! איהר געהט שוין אודאי וואַרמעס עסען! איך האָב מיך אַביסעל פערשפעטיגט.

חיים וואָלף איז געשטאַנען, ווי פערשטיינערט. געקוקט אויף שרה׳ן, אויף איהר קליין טעפעלע, און פון זיין האַרץ האָט זיך אַרויסגעריסען אַ ביטערער זיפץ.

—אַי, שרה, שרה!

—וואָס איז מיט אייך, ר׳ חיים וואָלף!—האָט זי אויסגעשריען דערשראָקען.

חיים-וואָלף האָט נישט געענטפערט, נאָר שרה האָט איהם אָנגעקוקט און דערשפּירט דאָס אומגליק.

—אוי, רבונו של עולם! אַנ'אומגליק האָט געטראָפען! מיט משה'ן? וואו איז משה, געוואַלד,? — און זי האָט איהם געריסען ביי דער האַנד,—זאָגט, זאָגט, וואָס איז געשעה!? איבערגעפאָהרען? אַראָבגעפאַלען? גע'הרג'ט געוואָרען?...

—פאַרשאָטען געוואָרען... — האָט שטיל אַרויסגערעדט חיים וואָלף..

איז איהר פינסטער געוואָרען אין די אויגען. די הענט האָבען זיך אָהנמעכטיג אַראָבגעלאָזט, און דאָס טעפּעלע איז אַראָבגעפאַלען און זיך אָהן רעש צובראָכען.

—איך בין פערפאַלען... האָט זי שטיל אויסגעשריען. אין אַ ווײַלע אַרום איז זי געלאָפען מיט אַ קלאָג און מיט אַ יאָמער צו דער קאַנאַווע.

—וואו איז ער? וואו איז ער? — האָט זי ווילד געשריען, פונאַנדערשטויסענדיג די מענשען אַרום, זי האָט געמיינט, מען האָט איהם נאָך נישט אָבגעגראָבען. איז צו איהר צוגעגאַנגען אַן אַלטער יוד און זי אָנגענומען ביי דער האַנד.

— שאַ, ווייבעל, זיי אַ מענש. מען האָט איהם אָבגעגראָבען. ער איז אין שפּיטאָל, ער לעבט און וועט אם ירצה השם געזונד זיין.

און ביי דער האַנד האָט דער יוד זי אַוועקגעפיהרט אין שפּיטאָל. און אַז שרה האָט דערפיהלט, אַז מען פיהרט זי ביי דער האַנד, האָט זי זיך צעוויינט, ווי אַ פערוואָגעלט קינד. זי איז אַריין אין שפּיטאָל און דערזעהן איהר משה'ן מיט'ן פערשוואָלענעם, צעבלוטיגטען פנים, מיט'ן פערבאַנדאַזשירטען קאָפּ, האָט זי זיך האַסטיג אַ ריס געטהון צו איהם.

—אַי, מיין מאַן! מיין קרוין! מיין קאָרמיליעץ!

שמערעל האָט זי גענומען טרייסטען, נאָר שרה האָט איהם נישט געהערט.

—געוואַלד, וואָס טהוט מען גאָרנישט? וואָס ראַטעוועט מען ישט? וואו איז אַ דאָקטאָר? העלפט! זיינע פיצעלעך קינדער דער-

פען נאָך האָבען אַ טאַטען.

—זיי אַ מענש, שרה.—האָט זיך שמערעל געפּרובט זי איינ-נעהמען.—דער דאָקטאָר איז געווען. מען טהוט, וואָס מען קאָן. חיים וואָלף איז געלאָפען אין אַפּטייק. יעקב בער איז אַוועק אין שיל עפענען דעם ארון קדש. מען טהוט, מען זיצט נישט מיט פערלעגטע הענד.

און שרה האָט געהאַלטען אין איין טענה'ן:

—משה, קרוין מיינער! רעד אַרויס אַ וואָרט! עפען דיינע אויגען, זאָג, וואָס טהוט דיר וועה?

משה האָט מיט גרויס מיה אויפגעעפענט די אויגען און זיי אַקעהר געטהון האַלב בעוואוסטזיניג צו שרה'ן. ער האָט אַרויסגערעדט זעהר שטיל:

—מיר.. איז שווער..

—וואָס טהוט דיר וועה?

—גאָרנישט... עס טהוט מיר נישט וועה... נישט וויין... אַנ'עברה. ברענג די קינדער..

עס זענען געקומען שמואל, שרה'ס טאַטע, און מלכה, משה'ס מאַמע. און קרובים און בעקאַנטע. עס האָבען זיך אָנגעהויבען קולות און געשרייען און יללות. נאָך דעם זענען אַלע אַרויס אין צווייטען צימער, נאָר שרה מיט מלכה'ן זענען פערבליבען ביים קראַנקען צו בייטען די קאָמפּרעסען. עס האָט אָנגעהויבען טונקעל צו ווערען. משה האָט ווידער געעפענט די אויגען, עפּעס געזוכט אַרום זיך און אויסגערעדט הייזעריג און שנעל:

—די קינדער!.. ברענגט די קינדער!

—שרה'נקע, געה זיך דורך אַהיים, ברענג די קינדער, פאַלב מיך,—האָט געזאָגט מלכה.—דער קליינינקער האָסטו אַ גאַנצען טאָג נישט געגעבען צו זויגען, זי מוז דאָרט נעבעך וויינען.

—זי האָט נעבעך אויף וואָס צו וויינען... אָה...—האָט שרה געזאָגט און זיך אַליין צעוויינט.

ז

אין דער פריה, ווי נאָר שרה איז אַרויס פון שטוב מיט׳ן וואַרמעס, האָט יאַכנע, די בעל הבית׳טע פון איהר דירה, אויס-געשריען מיט כעס צו איהר מאַן:

—נישקשה, לייזער דער בעקער געהט ביי איהר פון זינען נישט אַרויס! פאַרוואָס? חייל ער מאָהנט, ווייל ער לאָזט זי נישט צורוה, ווייל ער רייסט דאָס פלייש! וועגען דירה-געלד טראַכט זי, ווי וועגען פאַראַיאָהריגען שניי. גאָרנישט, זי ווייסט: איך חעל זי פון דער דירה נישט אַרויסטרייבען, איך בין דאָך די גוטע, דער נאַר!...

—ווער הייסט דיך זיין אַ גוטע? ווער הייסט דיך זיין אַ נאַר?—האָט זיך אָבגערופען קאַלטבלוטיג יעקב, אַריינקלאַפענדיג טשוועקעס אין אַ פאַדעשווע,—מאָהן אויך, רייס אויך דאָס פלייש, וועסטו אויך ליגען אין זינען.

—„מאָהן!״ „רייס דאָס פלייש!״—האָט איהם איבערגעמישט מיט כעס יאַכנע,—וואָס עפעס דאַרף איך דאָס טהון? און דו ביזט אַ פריץ? דיר האָט די צונג אָבגעדאַרט? דו קאָנסט איהר נישט זאָגען, אַז אויב זי וועט נישט בעצאָהלען פאַר דריי חדשים דירה-געלד, וואַרפסטו זי אַרויס אויף צוויי שפענדלעך מיט איהרע בע-בעכעס און שמאַטעס? דו קאָנסט נישט זאָגען? דו ביזט דאָך עפעס אַ מאַנסביל! אַ כוואַראַנסביל!

—מכשפה, דו הויבסט שוין אָן? ווער האָט זי אַריינגעלאָזט אין דירה? דו—טאָ ווער אויסגעריסען און ברעך דעם קאָפ מיט איהר אינאיינעם!

—משומד, אפיקורוס, אַ כאַליערע זאָל דיך כאַפען!—האָט אויסגעשריען יאַכנע—צוליב מיין וואוילטאָג האָב איך זי אַריינגע-לאָזט? איך האָב געמאוסט, אַז זי וועט נישט צאָהלען?

—האָסטו נישט געוואוסט, בין איך ווייטער נישט שולדיג, האָסטו געזאָלט וויסען.

—דו זעה נאַר, וואָס פאַר אַ קאַלטער מלאך דאָס איז! ממזר! ממזר!—האָט געשריען יאַכנע,—דו מיינסט, איך פערשטעה נישט, וואָס דו ווילסט? דו ווילסט גיכער פטור ווערען פון מיר, ווילסט נעהמען אַ מיידעל. דו וועסט עס אָבער נישט דערלעבען און נישט דערהאַרען! דיר אויף צו להכעיס וועל איך לעבען און געזונד זיין, אָהאָ!

—דאָס דוכט זיך דיר נאַר, אַז דו ביזט געזונד, נאַר איי-נע!—האָט געענטפערט יעקב מיט אַ בייזען שמייכעל,—דו ביזט שוין אַ האַלבער פגר. קיין סך וועסטו שוין נישט ציהען, גלויב מיר. און אַז דו וועסט אין גיכען איינגעהמען די מיתה משונה, וועל איך טאַקי נעהמען אַ מיידעל.

יאַכנע איז אַרויס פון די כלים.

—אפיקורות! משומד! שווייג! איך וועל דיר דעם מוח פלעטען!

—פרוב נאַר, אדרבא,—האָט יעקב נישט פערלוירען זיין קאַלטבלוטיגקייט.—און איך זאָג דיר נאָך אַמאָל, אַז ווי נאַר איך וועל זיך פון דיר אויסלייזען...

—אַ כוואַראָבע, אַ קדחת! זאַלסער הונט! הונט אָהן ציינער! וועלכעס מיידעל וועט דיך נעהמען? מעהר טויגסטו דאָך נישט, ווי צו לויפען אין שענק.

—וואָס דען? אָט וועל איך ענדיגען דעם שטיוועל, געה איך אין שענק, אַ סך ליבער, ווי צו זיצען מיט דיר.

—האָב דיר אַ שוואַרץ יאָהר! פערטרינק אפילו דעם קאָפּ דיינעם!

יעקב האָט אָבגעוואָרפען אין אַ זייט דעם שטיוועל, איז אויפגעשטאַנען און האָט אַ בליק געטהון צו יאַכנען.

—אָבער, אַז איך וועל פון דיר פטור ווערען און וועל חתונה האָבען מיט'ן מיידעל, וועל איך דאָך אויפהערען טרינקען. דו פערשטעהסט עס, מרשעת? איך טרינק דאָך מחמת דעם ווייל איך האָב דיך פאַר אַ ווייב. אין שענק? אין כף-הקלע וועל איך אַנטלויפען פון דיר! דו, דו טרייבסט דאָך מיך אין שענק.

—אָה, ער הויבט שוין אָהן זיינע גנבה'שע שטיק! גנב!

דו ביזט דאָך געווען אַ גנב אין דער מאַמעס בויך. געהערט אַ געשעפט? איך טרייב איהם גאָר אין שענק.

—טרעט אָב!—האָט פלוצים אויסגעשריען יעקב און געכאַפט אין האַנד אַ שטיוועל.—אָט זעהסט דעם שטיוועל? ער פליהט דיר באַלד אין קאָפּ אריין.

—און איך וועל דיר צופּראַסקען די צורה מיט דער שיסעל. דו מיינסט, איך וועל דיר שווייגען? מופקר! פּיאַניצע!

—נאַ דיר!!

יעקב האָט מיט קראַפט אַ שליידער געטהון דעם שטיוועל. יאַכנע איז אָבגעשפּרונגען אין אַ זייט. זי האָט איהם געוואָלט אָבענטפערען מיט דער שיסעל וואָס זי האָט געהאַלטען אין האַנד, נאָר יעקב איז שוין געווען אויף יענער זייט טהיר.

—אויסגעוואָרצעלט זאָלסטו ווערען מופקר! — זי האָט מיט האַרץ אַ שטעל געטהון די שיסעל אויפ׳ן טיש.

נאָך עטליכע מינוט האָט זי געשאָלטען, פריהער אין דער הויך, נאָכהער אין דער שטיל, און האָט זיך גענומען קאָכען וואַר־מעס. און אַז עס איז געקומען די צייט פון וואַרמעס, האָט זי אָנגעהויבען אַלץ עפטער זיך אומצוקוקען אויף דער טהיר: זי האָט מורא געהאַט, אַז יעקב וועט אינגאַנצען נישט קומען עסען. יעקב איז אָבער יאָ געקומען, האָט זיך געוואַשען, געזעצט עסען, גלייך עס וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען. מיט יאַכנען האָט ער נישט אויסגערעדט קיין וואָרט.

שפּעטער איז אַריינגעקומען שרה׳ס קלענערער יונגעל, דוד׳קע. ער איז אַריין אין צימערל, דערזעהן, אַז די מאַמע איז נישטאָ, האָט ער געכאַפּט אַ קוק אויף זיין שלאָפענדיג שוועס־טערל, זיך צוגע׳גנב׳ט צום עלמערל, אַרויסגעשלעפט אַ שטיקעל ברויט און גענומען קייען.

דאָס קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט און אָנגעהויבען וויינען. דוד׳קע האָט אַ שאָקעל געטהון דאָס וויגעלע און גלייך אַרויס אין שוסטערס צימער.

—ריבה׳לע וויינט, איך האָב זי געוויגט און געוויגט...

—וויג זי נאָך אַביסעלע, וועסטו זיין אַ וואויל יונגעל, —

האָט איהם צוגע־עדט יאַכנע.

—גוט, — האָט געהאָרכזאַם געענטפערט דוד׳קע און האָט זיך אומגעקעהרט צוריק אין צימערל. דאָרט האָט ער אָבגעקניפען נאָך אַ שטיקעל ברויט פון לעבעל און ווידער גענומען קייען. איז אָנגעקומען דאָס עלטערע ברודערל פון חדר, דוד׳קע האָט בעהאַלטען זיין שטיקעל ברויט אונטערן רוקען און מיט שרעק געקוקט דעם ברודער אין די אויגען.

—וואו איז די מאַמע?

—זי האָט... אַוועקגעטראָגען וואַימעס.

—וואָס האַלטסטו דאָרטען אין האַנד?

—גאָנישט.— דוד׳קע האָט אַראָבגעלאָזט דאָס שטיקעל ברויט אויף דער ערד און געוויזען אַ לעדיגע האַנד.

—וואָס איז דאָס?—דער עלטערער האָט אויפגעהויבען פון פאָדלאָגע דאָס שטיקעל ברויט.—און וואָס איז דאָס, הא?

—ברויט.—האָט געענפערט דוד׳קע, פינסלענדיג פאַר שרעק מיט די אויגען.—אַ ביעקעלע,—האָט ער זיך געפרובט פערענטפערן.

—וואַרט, אַ כאָיערע זאָל דיך כאַפּען! איך... וועל דערבעהלען דער מאַמען. אַז דו נעהמסט אַליין ברויט.

—אַ ביעקעלע... האָט זיך צעוויינט דוד׳קע.

דער עלטערער האָט איהם אַ שטויס געטהון, און אַליין, מעשה בעל הבית, אָבגעבראָכען פאַר זיך אַ שטיקעל ברויט און גענומען עסען. די קליינינקע האָט געוויינט. האָט ער אַ געשריי געטהון צו דוד׳קען מיט אַ פול מויל: וויג זי!

דוד׳קע איז צוגעלאָפען וויגען דאָס קינד. אַז דער עלטערער האָט אויפגעגעסען זיין ברויט, איז ער צוגעגאַנגען צום וויגעל.

—וואָס איז דיר, ריבה׳לע? ווילסט עסנ׳קען? באַלד.

ער האָט זיך געשטעלט אויף אַ שטוהל, אַראָבגעשלעפט פון דער פאָליצע אַ שטיקעל אַלטגעבאַקענע חלה, אָבגעביסען, צוקייט און געלעגט דעם קינד אין מויל אַריין. דאָס קינד האָט הונגעריג געשלונגען און צווישען איין שלונג און דעם צווייטען געשריען. דאָס יונגעל איז אָבער נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון און

צוקייענדיג דעם לעצטען ביסען, האָט ער אַליין נישט בעמערקט, ווי ער האָט איהם אַראָבגעשלינגען.

—ריבה׳לע מעהר איז נישטאָ.

נאָר אַז ריבה׳לע האָט אויף דעם געענטפערט מיט אַ גע־וויין, האָט זיך דאָס יונגעל אַליין צעשריען:

—שטיל, קבצנ׳ישע קישקע! וויפיל מען שטאָפּט, איז דאָס אַלץ וועניג מען זאָגט דאָך דיר—נישטאָ מעהר.

דאָס איבערגעשראָקענע קינד האָט נאָר שטיל געכליפּעט נאָכהער אַנטשוויגען געוואָרען און איינגעשלאָפען.

נאָך וואַרמעס, אַז יעקב האָט זיך ווידער געזעצט צו דער אַרבייט, איז יאַכנע אַרומגעגאַנגען איבער׳ן שטוב און אַלץ גע־טראַכט, ווי אַזוי מיט איהם שלום צומאַכען. זי האָט אַריינגעקוקט אין צווייטען צימערל און געפרעגט ביי די קינדער:

—וואו איז דאָס פערפאַלען געוואָרען די מאַמע? וואהין איז זי אַוועק אויף אַ גאַנצען טאָג?

—עס קאָן זיין, זי איז אַוועק צום זיידען, — האָט געענט־פערט דאָס יונגעל.

—פאַרוואָס זאָל זי טאַקי נישט געהן? זי האָט דאָך דאָ אומזיסטע ניאַנקעס.—דאָס האָט יאַכנע געזאָגט מעהר צו יעקב׳ן, ווי צו די קינדער. ער האָט אָבער איהר נישט געענטפערט.

דאָס יונגעל איז אַוועק אין חדר. יאַכנע איז געוואָרען אַלץ אומרוהיגער.

—וואָס קאָן דאָס זיין, וואָס שרה איז אַלץ נישטאָ? צי האָט זיך עפּעס נישט געטראָפען?—דאָס האָט זי זיך שוין גע־ווענדט גלייך צו איהר מאַן.

—ווערסט אפשר געהן זי זוכען?

אין דער אמת׳ן האָט יאַכנע טאַקי געוואָלט געהן זוכען שרה׳ן, נאָר יעקב׳ס איראָנישער טאָן האָט זי אָבגעהאַלטען.

—נאָך וואָס? זוכען וועל איך געהן? צופיל כבוד.

עס איז שוין גוט פינסטער געוואָרען. יעקב איז שוין אויך געוואָרען אומרוהיג. ער איז פלוצים אויפגעשטאַנען און אַ זאָג געטהון צו יאַכנען:

—נעהם די פאַטשיילע און קום זעהן, וואו זי איז.

נאָר דאָ האָט יאַכנע דערזעהן שרה'ן דורכ'ן פענסטער, האָט זי אַ וואָרף געטהון די פאַטשיילע מיט כעס:

—אָט געהם זי די פריצ'טע!

ווי נאָר שרה האָט אַריבערגעטראָטען די שוועל, האָט יאַכנע באַלד אויף איהר פנים איבערגעלייענט, אַז אַנ'אומגליק האָט געטראָפען.

שרה האָט געטהון אַ פּאָר טריט אין שטוב, אויסגעשטרעקט די הענד, ווי עפעס זוכענדיג און געזאָגט מיט דער גלייכגילטיגער רוהיגקייט פון אַ פערלוירענעם מענשען.

—וואו זענען זיי? די יתומים מיינע...—מיט אַמאָל האָט זי זיך אַ וואָרף געטהון אין איהר צימערל אַריין מיט אַ ביטערן געשריי:

—אַי, אַ דונער האָט מיך געטראָפען! אַי, מיין מאַן!

יעקב און יאַכנע האָבען זיך אַ וואָרף געטהון צו איהר, און עס האָט געדויערט זעהר לאַנג, ביז זיי זענען פון איהר עפעס דערגאַנגען וועגען דעם עצם אומגליק. דער שוסטער און זיין ווייב האָבען זי געפּרובט טרייסטען, איינשמועסען איהר, אַז משה וועט געזונד ווערען, נאָר שרה האָט געהאַלטען אין איין שרייען:

—אַי נישט טרייסט מיך! איך ווייס—איך בין פערפאַלען! ער וועט נישט לעבען! משה וועט נישט לעבען! קינדער מיינע! יתומים מיינע! לערנט זיך זאָגען קדיש...

און אַזוי שרייענדיג, האָט זי פערנומען די קינדער און געאיילט.

—לאָמיר לויפען! לאָמיר לויפען גיכער! אפשר וועלען מיר איהם נאָך געפינען אַ לעבעדיגען.

און שרה מיט די קינדער בעגלייט פון יעקב'ן מיט יאַכנען, זענען געקומען אין שענק. זיי האָבען נישט געהערט נישט קיין געוויין, נישט קיין קולות. משה איז געלעגען מיט האַלב פערמאַכטע, טונקעלע, פערגלאָצטע אויגען. ער האָט געכראָפּעט און האָט ריטמיש אויפגעהויבען און אַראָבגעלאָזט די לינקע האַנד. אין צימער זענען געזעסען משה'ס מוטער און שרה'ס פאָטער,

ביידע מיט אָראָבגעלאָזטע קעפּ, זיי האָבען אַזוי פיעל איבערגע-טראָגען אין זייער לעבען. אַז זיי האָבען אָנגעהויבען שוין צוצו-פּאַסען זיך צום נייעם אומגליק.

שרה מיט'ן קינד אויף דער האַנד און מיט ביידע יונגלעך ביי דער זייט איז צוגעגאַנגען צום בעט און האָט שטיל אַ פרעג געטהון:

—נו, וואָס?

—גאָט דער באַרמהאַרציגער זאָל רחמנות האָבען. — האָט געענטפערט שטים משה'ס מוטער.

—דוכט זיך ער איז אַיינגעשלאָפען געוואָרען,—האָט געזאָגט שמואל.

די יונגלעך זענען געשטאַנען דערשראָקענע, זיך געטוליעט צו דער מוטער. דער יונגערער האָט אַ וויין געטהון, אויסגערעדט טאַטע! האָט דער עלטערער איהם אַ ציה געטהון ביים אַרבעל, ער זאָל שווייגען.

שרה האָט זיך אָנגעבויגען איבער משה'ן, איהם אַריינגע־קוקט אין פנים און נאַכהער זיך געווענדט צו יאַכנען:

—אַ, גוט, יאַכנינקע?!—און זי האָט זיך צעוויינט.

אין דערזעלבער צייט זענען אַריין אין צימער דריי אַרביי-טער מונטער אויפגעלעגט.

—מזל טוב! מזל טוב! צוגעלעגט אַ נאָמען אין אַ גוטער שעה. איצט וועט ער שוין אם ירצה השם געזונד ווערען. איצט הייסט ער שוין משה חיים.

און, צוגעהענדיג צו משה'ן, האָט איינער פון די אַרבייטער אַרויסגערעדט ערנסט:

—מזל טוב דיר, משה חיים! מיט אַ נייעם נאָמען... איצט וועסטו אם ירצה השם געזונד זיין!

די הויכע קולות, די אויפגערעגטע פנים'ער, די האָפנונגען, וועלכע זענען אַריינגעדרונגען אין דער סביבה פון פערצווייפלונג האָט אויפגעוועקט, אויפגעלעבט און אויפגעמונטערט אַלעמען און אַריינגעדרונגען אין די צעבראָכענע הערצער פון שרה'ן, שמואל'ן

און פון מלכה׳ן נאָר די דאָזיגע האָפנונג האָט געדויערט נישט לאַנג. מיט אַ שעה שפּעטער זענען די זעלבע אַרבייטער, וואָס האָבן משה׳ן אָבגעגעבן מזל טוב, געשטאַנען איבער איהם און ערנסט און אָנגעשטרענגט אַריינגעקוקט איהם אין פּנים, איבער וועלכען עס איז דורכגעלאָפען אַ שוואַכער שוידער. און דער טויט-געוואָרענער שטילקייט האָט פערקלונגען די לעצטע שרעקליכע ברכה:

—ברוך דין האמת!

עס זענען אַריבער עטליכע טעג. שרה איז געזעסען שבעה. דאָס אָרים חדר׳ל האָט אויסגעזעהן נאָך פינסטערער און אָרימער. אַלץ אין איהם האָט אָנגעוויזען, אַז דאָ איז נישטאָ קיין בעל הבית, נישטאָ קיין האָפנונג, נישטאָ קיין צוקונפט.

אין צימערל איז געווען שטיל. די קינדער האָבען געשלאָ-פען. שרה איז געזעסען אויף אַ נידריג קלעצעל נעבען אַ בענקע-לע און האָט אָהן חשק געגעסען איהר וויעטשערע—דאָס שטיקעל ברויט מיט הערינג, דאָס חלב׳נע ליכטעל האָט בעלויכטען דאָס ווינקעל וואו זי איז געזעסען, מיט אַנ׳אַנגענעהמען געלען, ליכט.

שרה האָט זיך שוין צוגעוועהנט צו איהר אומגליק. דער ווייטאָג האָט איהר געפּרעסט דאָס האַרץ, נאָר ער איז פערטעמפּט און פערשטעלט געוואָרען פון געדאַנק וועגען מאָרגענדיגען טאָג. וועגען דעם שטיקעל ברויט. שרה האָט פערשטאַנען, אַז איצט איז איהר געבליבען נאָר איין מיטעל: געהן איבער די הייזער.

אין צימערל זענען אַריין שמערעל מיט נאָך צוויי אַרביי-טער—משה׳ס חברים, חיים וואָלף און מענדעל. זיי זענען אַריין, ווי דער מנהג איז אַריינצוגעהן אין אַ שבעה-הויז, מיט אַראָבגע-לאָזענע קעפּ אָהן אַ גוטען אָוונד. שמערעל האָט זיך צוגעזעצט אויפ׳ן עק בעט און אַ זיפץ געטהון:

—הער, שרה! מיר זענען געקומען... דו פערשטעהסט דאָך, מיר זענען דאָך אַלע געווען משה׳ס גוטע פריינד. אַ ליכטיגען גן עדן זאָל ער האָבען... מיר אַלע... וואָס איז דאָ צו ריידען...

שרה האָט זיך צוגעהערט מיט אַ פערגליווערטען פּנים און צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, שמערעל האָט ווידער אָבגעזיפצט:

—נאָר ביי גאָס וו[illegible]טו [illegible]ען פרעגען קשיות! אזא פרומער אזא כשר׳ער יוד! מסתמא דאַרף דאָך זיין אַזוי, גאָט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט. מאָגסט זיין זיכער, אַז איהם, משה׳ן איז איצט פיל בעסער אויף יענער וועלט, ווי עס איז איהם גע-ווען אויף דער וועלט. ער האָט זיך אָנגעגרייט מיט זיינע מעשים טובים דאָרט אַ פיינעם אָרט... נאָר דו מיט די יתומים, וואָס וועט איהר טהון?

שרה האָט אָבגעענטפערט מיט אַ פערצווייפעלטען זיפץ.

—די מעשה איז דאָך אַזוי,—האָט ווייטער גערעדט שמע-רעל,—מען דאַרף זיך מישב זיין. מען קאָן דאָך דיך נישט לאָזען פאַלען אין גאַס, מען דאַרף דיר העלפען...

—העלפען! מיט וואָס קאָנט איהר מיר העלפען, יודען?

דאָ האָט זיך אַריינגעמישט חיים וואָלף:

—אפשר וואָלסטו דיר געמאַכט אַ קרעמעל? קריגען אַביסעל געלד...

—קריגען... וואו קריגט מען?

—נו, למשל, בערקין,—האָט זיך אָבגערופען שמערעל.—ער האָט דאָך מיר געזאָגט, דו זאָלסט אַריינגעהן צו איהם. וואָס? ער האָט דיר גערופען צו זיך גוט יום-טוב ביטען? אַז ער האָט גע-הייסען אַריינגעהן, הייסט עס, ער וויל דיר עפּעס געבען. ווער ווייסט? ער קאָן אפילו געבען אַ הונדערטער אויך.

שרה האָט ביטער אַ שמייכעל געטהון.

—וואָס רעדט איהר, ר׳ שמערעל? האָט קיין פעראיבעל נישט—איהר רעדט, ווי אַ קינד, בערקין וועט געבען הונדערט רובעל! יענער וועט זיך גיכער שיידען [illegible] דער נשמה...

—נו, נישט הונדערט, איז פופציג, — האָט זיך אָבגערופען שמערעל,—מיט פופציג רובעל קאָן מען אויך עפּעס מאַכען. שטע-לען אַנ׳עלמערל אין מאַרק, אָדער וואָס... דער עיקר דאַרף מען זיך מישב זיין וועגען די קינדער, ווי אַלט איז דאָס עלטערע יונגעל?

—דאָס אַכטע יאָהר ביז הונדערט און צוואַנציג.

—דאָס אַכטע? קאָן מען איהם שוין אָבגעבען צו אַ בעל

מלאכה. דאָס קאָן איך נעהמען אויף זיך. נו, און דאָס צווייטע?

—איהם וויל צונעהמען דער טאַטע מיינער.

—נו, הייסט עס, בלייבסטו מיט׳ן עופ׳לע אַליין, און אַז בערקין וועט געבען.

—אַי, וואָס איז דאָ פערהאַן וועגען דעם צו ריידען,—האָט איבערגעשלאָגען מיט ביטערקייט שרה,—צו וועט בערקין עפּעס געבען, איז נאָך אַ גרויסע שאלה... איך מיין, איך וועל אָבגע-בען עמיצען דאָס קינד און אַליין זיך שטעלען פאַר אַנ׳אַם.

שמערעל האָט אַ קוק געטהון אויף דער אויסגעדאַרטער שרה׳ן און האָט געטראַכט, אַז נישט גרינג וועט איהר זיין אָנ-צוקומען פאַר אַנ׳אַם, נאָר צו איהר האָט ער געזאָגט:

—וואָס מיינסטו, עס קאָן זיין עס איז דער בעסטער פּלאַן.

—איך וועל אייך אָט וואָס זאָגען,—האָט זיך אַריינגעמישט מענדעל, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגען, — בערקין, איהר קאָנט דאָך איהם, ער וועט וועלען זיך אַרויסמאַכען מיט עטליכע רובעל.

—עס קאָן זיין, אַז אָהן די עטליכע רובעל, נאָר מיט אַ פּאָר גוטע ווערטער,—האָט ביטער געשמייכעלט שרה.

—דאַרף מען זיך נישט לאָזען נאַרען.

—וואָס הייסט נישט לאָזען נאַרען?

—גאַנץ פּראָסט—אָט וואָס עס הייסט: דאָס אומגליק האָט געטראָפען ביי בערקינ׳ען אויף דער מלאכה, מוז ער „פּאָ זאַקאָנו" בעצאָהלען. אויב ער וועט נישט וועלען, קאָן מען איהם נויטען, מען קאָן איהם אָנקלאָגען.

—בערקין וועט זיך שטאַרק איבערשרעקען.

—וואָס אַרט דיר? ער וועט מורא האָבען, אַז מען וועט זיך, ווי עס בעדאַרף צו זיין אַ נעהם טהון, דער הויפּט זאָלסטו מיט איהם ריידען ווי אַ מענש, און אויב ער וועט זיך איינשפּאַ-רען, זאָלסטו פאָדערען, פערשטעהסט?

שמערעל האָט אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד, אַ שאָקעל געטהון מיט׳ן קאָפּ, ווי איינער זאָגט: פון דעם האַלט ער נישט...

דערנאָך האָט ער מיט אַ טיפען זיפץ זיך אויפגעהויבען, חיים

וואָלף און מענדעל נאָך איהם. זיי זענען געשטאַנען אַ ווײַלע שווייגענדיג און אַרויסגעגאַנגען.

אויף מאָרגען נאָך די שבעה טעג, האָט שרה בעשלאָסען געהן צו בערקינ׳ען. פון פריהמאָרגען אָן האָט זי זיך אָנגעהויבען צוגרייטען צו דעם וויזיט. שרה איז זיכער געווען, אַז בערקין וועט איהר דאָך העלפען, און, באמת, אויב ער וואָלט נישט גערעכענט איהר צו העלפען, נאָך וואָס-זשע וואָלט ער איהר געהייסען קומען צו איהם. און, אַזוי טראַכטענדיג, האָט זי שטיל בעוועגט מיט די ליפען: „רבונו של עולם, פאָטער פון אַלע אלמנות און יתומים! האָב רחמנות, מאַך איהם ווייך דאָס האַרץ״.

שרה האָט געוואוסט, אַז צו בערקין דאַרף מען געהן אָוונדצייט, אַ גאַנצען טאָג איז ער אינדערהיים נישטאָ, פון דעסטוועגען האָט זי זיך געקליבען פון דער פריה אָן. זי האָט נאָך געדאַרפט געהן אויפ׳ן בית עולם אויסוויינען איהר ביטער האַרץ. זי האָט נאָך בעדאַרפט דערצעהלען משה׳ן, אַז זי געהט צו בערקינ׳ען,—ער זאָל דאָרט זיין אַ גוטער בעטער... זי האָט נאָך געדאַרפט געהן צום טאַטען איהרען איבעררייַדען וועגען קלענערען יונגעל. זי האָט איבערגעלאָזט פאַר די קינדער ברויט אויף אַ גאַנצען טאָג. דאָס קליינע האָט זי אָנגעזויגען און געלעגט שלאָפען און געבעטען יאַכנען, זי זאָל דעם קינד עפּעס געבען אין מויל אַריין, ווען עס וועט זיך אויפכאַפּען. יאַכנע האָט צוגעזאָגט אַכטונג צו געבען אויפ׳ן קינד.

—געה, געה, זיי רוהיג!—האָט יאַכנע געזאָגט, און אויפ׳ן בית עולם זאָלסטו וואָס וועניגער וויינען און וואָס מעהר דערצעהלען. דערצעהל איהם אַקוראַט, ווי די מעשה איז – זאָל ער העלפען... נישקשה...

—אָך, אָך, אָך!—האָט שרה טיף אָפּגעזיפצט, וועמען זאָל איך דערצעהלען מיין ביטער האַרץ, אַז נישט איהם?

נאָך שרה׳ס אַוועקגעהן איז אַריינגעקומען אין שטוב יאַכנעס אַ גוטע בעקאַנטע, רבקה הענדעל, אַ קליינע יודענע מיט אַ שפּיציגער נאָז, און מיט שפּיציגע אויגעלעך. רבקה הענדעל האָט זיך מתעסק געווען מיט פיל עסקים און זי איז געווען גוט בע-

קאָנט צווישען די אָרעמע לייט. די איז געווען אַ סוקערין אין באָד, האָט געקאָנט אָבשפּרעכען אַנ׳עין הרע און אַנדערע חולאת׳ן, האָט געקאָנט אויסקוועטשען ביי קינדער זאַוואלקעס אין האַלז און איז געווען אַ קלאָגערין איבער מתים, דערצו איז זי נאָך געווען אַ מעקלערין ביי דינסטען, אַמ׳ען, סאַרוועריגס און ד. גל.

—גוט מאָרגען דיר יאַכנינקע!

יאַכנע האָט זיך אויפגעהויבען אַנטקעגען און פריינדליך בע-גריסט:

אַי, וואָס פאַר אַנ׳אורח! אַ גוט מאָרגען, אַ גוט יאָהר, רבקה׳ הענדעלע! וואָס פאַר אַ גוטע רוחות האָבען דיך פערטראָגען צו מיר? זעץ דיך צו.

רבקה האָט זיך צוגעזעצט און אָנגעהויבען צו דרעהען מיט׳ן קאָפּ:

—מען לויפט אַרום, מען שמאַיעט... פאַרבייגעלאָפען — בין איך אַריינגעלאָפען... וואָס מאַכסטו?

יאַכנע האָט אָבגעענטפערט מיט אַ זיפץ:

—נאָך קיין גביר׳טע נישט געוואָרען.

—ווער רעדט וועגען גבירה׳שאַפט? איך רעד וועגען גע-זונד. מען דאַרף דאַנקען און לויבען זיין ליבען נאָמען פאַר יע-דע מינוט, אַז מען לעבט, מען איז געזונד — און אַז מען האָט נאָך דערצו אַ שטיקעל ברויט... און דו רעדסט וועגען גבירה׳שאַפט?

יאַכנע האָט מיט אַ זיפץ צוגעשטימט:

—איך פערשטעה, ריבה׳לע, איך פערשטעה, אָבער אַ מענש איז זינדיג...

—זינדיג, יאַכנינקע, זינדיג... אַ מענש, אַז ער לעבט, ער איז געזונד און האָט אַ שטיקעל ברויט, מיינט ער, עס קומט איהם בדרך הטבע. ער מיינט, אַז גאָט איז מחויב...

יאַכנע האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן אויף דעם.

—אַ מענש... וואָס איז אַ מענש? אַ מענש—איז גאָרנישט...

—אַ מענש ווייסט נישט, וואָס ער וויל. אַ מענש איז בלינד —האָט רבקה אָנגעהויבען האַסטיג צו רעדען. אַ מענש לויפט אַרום, אַ מענש קעהרט מעשים, פרעגט איהם— וואָס... ער ווייסט נישט,

אַז אונטער זיינע פלייצעס שטעהט שוין דער טויט און לאַכט פון איהם...

יאַכנע האָט אָבגעזיפצט:

—ביזט גערעכט, ריבה׳לע, וואָס דאַרפסטו מעהר? אָט נעהם משה שרה׳ס, אַ גוטער בעטער זאָל ער זיין; האָט ער מיט צוויי וואָכען צוריק געטראַכט, אַז ער וועט איצט ליגען אין קבר?..

—יאָ, כ׳לעבען, האָט מיט אַמאָל איבערגעשלאָגען רבקה — כ׳האָב פערגעסען צו פרעגען ביי דיר—כ׳האָב געהערט אין מרחץ, אַז צוויי טאָג פאַר׳ן אומגליק האָט זיך משה אויסגערעדט, אַז ער וואָלט געוואָלט פערשטאָטען ווערען... איז יאָס אמת?

—צו איז דאָס אמת?.. האָט כמעט ברוגז אויסגעשריען יאַכנע, ווער האָט עס די ערשטע דערצעהלט, אַז נישט איך? זאָל איך אַזוי הערען שופר של משיח, ווי איך האָב דאָס געהערט מיט מיינע אויערן: „בעסער, האָט ער געזאָגט, וואָלט איך גע-שטאָרבען אין הקדש, אָדער פערשאָטען געוואָרען, איידער אַזאַ לעבען... לכל הפחות—איינמאָל אַ סוף“!..

—אַי, אַי, אַי! האָט אויסגעשריען רבקה, — אָט וואָס עס הייסט אויסרעדען זיך אין אַ בייזער שעה! אַ מענש האָט זיך אַליין געקוילעט.

—געקוילעט אָהן אַ מעסער!

—זאָג-זשע מיר, וואו איז זי איצט?

—זי איז נעבעך אַוועק אויפ׳ן בית עולם. פון דאָרטען וועט זי געהן צום גזלן, צו בערקינ׳ען—טאָמער וועט ער עפּעס געבען.

—ער וועט איהר געבען... האלז און אַקען וועט ער איהר געבען... געפּינען צו וועמען צו געהן... איך האָב געוואָלט זי עהן—איך האָב פאַר איהר אַנ׳אָרט.

—נו,—האָט זיך דערפרעהט יאַכנע, ביי וועמען?

—פערשטעהט זיך, נישט ביי קיין נגיד—אַ נגיד וועט נישט נעהמען אַזאַ אַס, ווי שרה. אַ נגיד דאַרף האָבען גראָב פלייש. נאָר אַנ׳אָרט איז עס אַ גוטס — ביי הענעך קרעמער. ער איז גע-בליבען אַנ׳אלמן און ביי איהם איז פערהאַן אַ זויג-קינד. ער איז נישט קיין גביר, אָבער שרה וועט זאַט זיין און זי וועט נאָך בע-

קומען עטליכע רובעל אַ חודש.

—אוי, טייערינקע,— האָט זיך אָנגעכאַפּט יאַכנע,— איך וועל דיר אויסקושען אַלע גלידער. אַז דו ווערסט זי צונעהמען פון מיר! ערשטענס—טהוט מיר וועה דאָס האַרץ צוצוזעהן איהרע צרות. כ׳האָב געגוג מיינע אייגענע. צווייטענס—האַלטען זי אומזיסט קאָן איך נישט. אַרויסטרייבען — דערלאָזט נישט דאָס האַרץ. און ער, דער גזלן מיינער, לאָזט נישט לעבען, פאַר וואָס איך האָב איהר פערדונגען.

רבקה האָט זיך אומגעקוקט:

—יאָ, קרוינעלע, וואו איז ער דאָס דיינער?

—וואו זאָל ער זיין?—האָט אָבגעזיפצט יאַכנע. — ער האָט אַנ׳אָרט, פון וואַנען ער געהט נישט אַרויס.

—ער טרינקט נאָך אַלץ?

—אַלץ הייסט טרינקען... ער גיסט, ווי אויף אַ הייסען שטיין. אַך, אַך, צרות מיינע...

רבקה האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטען און האָט גע-זאָגט צו יאַכנען אויפ׳ן אויער:

—הער נאָר, יאַכנינקע, וואָס איך וועל דיר זאָגען. איך האָב אַ טייערע סגולה צו שכרות..,

—אוי, רחמנות האָב!—האָט אויסגעשריען יאַכנע,—איך וועל דיר דאָס לעצטע העמד אַוועקגעבען. וואָס איז דאָס פאַר אַ רפואה?

רבקה האָט אומעטיג אַ שמייכעל געטהון:

—אַ רפואה אַ וואָלוועלע, נאָר זי נעהמט, ווי מיט דער האַנד אַראָב—ער וועט נישט קאָנען נאָכהער דעם ריח פון בראָנפען איבערטראָגען.

זי האָט זיך צוגערוקט נעהנטער צו יאַכנען און איהר שטיל ערקלערט:

—אַז מען איז מטהר אַ מת, דאַרף מען נעהמען אַביסעל פון דעם וואַסער, עס איז גענוג אַ גלאָז... מען קאָן געבען אי טהיי אָדער אין עסען... דער, וועמען מען גיט דאָס, טאָר פון דעם נישט וויסען.

—טהרה-וואַסער פון אַ מת!—האָט זיך דערשראָקן יאַכנע.

—איז וואָס אַזוינס? אַ מת איז דאָך נישט קיין בהמה. האָב קיין מורא נישט, איך וועל דיר צו קיין שלעכטס נישט צורע־דען. פרוב, וועסטו זעהן. איך וועל דיר אַהערברענגען אַ פלעשעל וואַסער. און אַנ׳אָבשפּרעכעניש ווייס איך נאָך אויך.

—געזונד זאָלסטו זיין, ריבה׳לע!—האָט איהר יאַכנע געדאַנקט.

## ח

ביי בערקינ׳ען אין זאַל זענען געזעסען געסט. שרה האָט פּלוצלונג געעפענט די טהיר און איז אַריינגעגאַנגען. אַז זי האָט דערזעהן אַזוי פיל מענשען, האָט זי זיך צוטומעלט און איז גע־בליבען שטעהן.

—וואָס איז דאָס? וואָס דאַרפסטו דאָ צו האָבען? — האָט אויסגעשריען בערקינס פרוי.

—איך האָב געוואָלט... איך האָב געוואָלט... איבעררעדען מיט ר׳ דוד׳ן.

—בעדאַרפסטו קריכען אַהער? געה אין פאָרהויז! — האָט אויסגעשריען מיט כעס בערקינס פרוי און צוגעגעבען: פאַר די געסט!—כל זמן עס איז פערהאַן אַ טהיר, דאַרף מען קריכען...

שרה איז געשווינד אַרויסגעגאַנגען. באַלד נאָך איהר איז אַרויס בערקין. דערזעהן בערקינ׳ען, האָט זי אָנגעהויבען צו טענה׳ן מיט אַ ציטערדיגען קול:

—ר׳ דוד! איך בין געקומען... איהר האָט געהייסען, איך זאָל קומען... איהר האָט געזאָגט שמערלען...

בערקין האָט זיך דערמאָנט ווער דאָס איז און האָט זיך פערקרומט. ער האָט זיך אָבער בעמיהט ליבליך אַ שמייכעל צו טהון:

—אַ, דאָס זענט איהר...

—דאָס בין איך...—האָט זי אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ.

ער האָט זי אַריינגעבעטען אין עס צימער.

-הייסט עס, איהר זייט דאָס זיצט, זייט מוחל.

—אַ דאַנק,—האָט שרה געזאָגט און געבליבען שטעהן.

בערקין איז דורכגעגאַנגען אַהין און צוריק איבערן צימער.

—יאָ, איך האָב געזאָגט שמערלען, איהר זאָלט אַריינגעהן... שוין לאַנג געזאָגט...

—איך האָב נישט געקאָנט, איך בין געזעסען שבעה.

—שבעה... עס פערשטעהט זיך. שבעה...—האָט זיך בערקין געכאַפּט—זעהסטו (ער איז פלוצים אַריבער אויף דו) איך האָב געהייסען שמערלען דיר זאָגען, זאָלסט אַריינגעהן. איך האָב געוואָלט...—ער האָט נישט געענדיגט רעדען און אַרויסגענומען פון בוזעם אַ גראָבען טייסטער.

—ר' דוד!—האָט אויסגעשריען שרה,— האָט רחמנות אויף מיר און אויף מיינע אָרימע יתומים, נישט לאָזט אונז פאַלען! אונזער איינציגע האָפנונג זענט איהר!

בערקינ'ען איז נישט געפעלען געוואָרען דער טאָן פון איהרע רייד.

אַזוי בעט מען נישט... און די גאַנצע האָפנונג אויף איהם... זי רעכענט אָפנים צו בעקומען אַנ'אַפּוטיקא. ס'איז געווען פון זיין זייט אַ נאַרישקייט: ער האָט געדאַרפט געבען שמערלען די עטליכע רובעל און—אַראָב פון מאַרק...

—די איינציגע האָפנונג?—האָט בערקין געקוועטשט מיט די פּלייצעס. — האָפען בעדאַרף מען נאָר אויף גאָט, נישט אויף אַ מענשען, און ביי גאָט ביזטו נישט איינע וואָס נויטיגט זיך און איך—נישט איינער, וועלכער קאָן העלפען.

—ס'טייטש, ר' דוד! דאָס אומגליק האָט דאָך געטראָפען ביי אייך אויף דער אַרבייט!

—נו, און אַז ביי מיר אויף דער אַרבייט, איז וואָס?

—בערקינס קול איז געווען טרוקען, און ער האָט איהר עזות'דיג געקוקט אין די אויגען אַריין.

—איך ווייס נישט... איך האָב געמיינט... איהר זענט דאָך אַ יוד... איהר דאַרפט דאָך עפּעס טהון... איהר זייט דאָך מחויב צו טהון...

דאָס האָט שוין אינגאַנצען אויפגעבראַכט בערקינ׳ען: ס׳טייטש! ער גיט די קבצנים אַ שטיקעל ברויט, ראַטעוועט זיי פון הונגער, איז ער גאָר מהויב! געוויס האָט ער אַ יודיש האַרץ, געוויס האָט ער רחמנות אויף אַנ׳אָרימאַן, איבערהויפּט אויף זיינעם אַנ׳אַרביי־טער, אָבער דער דאָזיגער אָרימאַן דאַרף דאָך נישט זיין קיין עזות פּנים, ער דאַרף דאָך פערשטעהן, ער דאַרף ד׳אָך דאַנקבאַר זיין.

—הער, יודענע, וואָס איך וועל דיר זאָגען,—האָט ער אָנ־געהויבען שאַרף און טרוקען, — זאָלסט וויסען, אַז איך בין דיר גאָרנישט מחויב, אַ ברעקעל נישט. אויב דו גלויבסט מיר נישט, קאָנסטו פרעגען ביי וועמען דו ווילסט. איך האָב געהייסען דו זאָלסט קומען נאָר מחמת דעם, ווייל איך האָב אויף דיר רחמנות געהאַט, קומסטו טענה׳ן וועגען מיינע התחיבות׳ן, וועסטו פון מיר אַ גראָשען נישט בעקומען.

ער האָט אַרויסגעוואָרפען אויפ׳ן טיש אַ פינפרובעלדיגען:

—נאַ, אָט האָסטו דיר און געה!

שרה האָט נישט גענומען דאָס געלד און איז נישט אַוועק־געגאַנגען. פון איהר פּנים איז פערשוואונדען דער אויסדרוק פון בעטלעריי. זי האָט אַ קוק געטהון אויף דעם געלד, דערנאָך אויף בערקינ׳ען.

—דאָס איז גאָר?

—גאָר.

—הייסט דאָס, ר׳ דוד, איהר גיט מיר און מיינע יתומים אויף תכריכים? איהר האָט אָבער פערגעסען, ר׳ דוד, נאָך צוצו־לעגען אויף אַ שטריקעל זיך אויפצוהענגען לעבעדיגערהייד.

—הער צו, יודענע, זאָלסט מיר אויפהערען צו דרעהען אַ מוח, איך האָב דאָס פיינד, וואָס ווילסטו — אָבגילטען זאָל איך דיך. געפעלט דיר נישט, קלאָג מיך אָן, פּאַדער פון מיר, אַז דיין מאַן איז נישט אַרויסגעקראָכען פון קאַנאווע...

—ר׳ דוד, מיר זענען אַלע אין גאָט׳ס האַנד! איהר האָט אויך מיט גאָט קיין קאָנטראַקטען נישט געמאַכט!

—וואָ—אָס?—בערקין איז ערשטוינט געוואָרען פון אַזאַ חוצפה.

שרה האָט פערלוירען איהר גלייכגעוויכט — עס איז איהר פינסטער געוואָרען אין די אויגען... זי האָט געשריען אַזוי הויך, ווי בערקין אַליין:

—דו פרעגסט: וואָס? דו פרעגסט נאָך: וואָס? דו זאָגסט— דאָס געריכט וועט מיך נישט אויסהערען-פערשטעהסט, אפיקורוס?!... רבונו של עולם!—האָט זי אָנגעהויבען היסטעריש צו שרייען. — רבונו של עולם! דו דאַרפסט דאָס נישט פערשווייגען! זאָלען זיין ווייב און קינדער פערזוכען דעם טעם פון מיין פינסטערן מזל, און זאָל ער לעבען און זאָל דאָס צוזעהן מיט זיינע אויגען!

—אַרויס!—האָט בערקין געטופעט מיט די פיס,— דיין פוס זאָל דאָ נישט זיין.

און אַז שרה איז אַרויסגעלאָפען, האָט נאָך בערקין געטו-פעט מיט די פיס און געשריען:

—ירחמיאל, וואַרף אַראָב די מרשעת פון אַלע טרעפּ! ירחמיאל!

פון ערגעץ-וואו איז אַרויסגעלאָפען אַ הויכער צושויבערטער בחור און זיך געלאָזט לויפען נאָך שרה'ן אין קאָרידאָר, זי אָנ-געיאָגט, האָט ער זיך אָבגעשטעלט און שטיל געזאָגט צו זיך:

—די גזלנ'ישע בלוט האָט זיך שוין אין איהם פונאַנדער-געקאָכט, אין דר'ערד זאָל ער געהן!

אויף בערקינ'ס קולות זענען אַריינגעלאָפען דאָס ווייב און די טעכטער.

—וואָס איז געשעהן?

—גאָרנישט... נישט אייער זאַך...

ער האָט אַ צוקאָכטער אַרומגעשפּאַנט איבערן צימער.

—שדים זאָלען דאָס נעהמען! געדאַרפט זיך אויפרעגען, אַרויס פון די כּלים! עס קאָן זיך פערקאָכען אַ גאַנצע געשיכטע...

בערקין האָט מורא געהאַט פאַר זיינע שונאים: אַראָבגע-וואָרפען פון די טרעפּ אַנ'אלמנה פון זיינעם אַ דער'הרג'טען אַרביי-טער. די „גוט-האַרציגע” וועלען זי אָנריידען, זי זאָל איהם אָנ-קלאָגען, אפשר נאָך אויסגעפינען אַנ'אַדוואָקאַט, שדים וויסן וואָס!...

—מען דאַרף זי אָב׳פּטר׳ן מיט אַ פינפאונצוואַנציגער, — האָט ער זיך אַ טראַכט געטהון און ביי דעם געדאַנק האָט ער זיך בערוהיגט.

עס איז אַריבער אַ חודש.

אין אַ נידעריגען, האַלב פינסטערען חדר איז געזעסען שמואל לאַטוטע און זיך געמיטליך דורכגעשמועסט מיט זיינער אַ קרובה.

שמואל איז געזעסען, ווי אַלע מאָל, אויפ׳ן טיש, די פיס אונטער זיך און געלאַטעט אַנ׳אַלטען בגד. די קרובה, אַ קליינע, איינגעהויקערטע, אַלטע יודענע, איז געזעסען נעבען טיש אויף אַ בענקעל, און אויפ׳ן בעט, וואָס איז אַריבער אַהער פון שרה׳ס בעל הבת׳ישקייט און האָט איצט פערנומען אַ האַלבען חדר, איז געזעסען שרה׳ס יונגערע יונגעל.

—הערסטו, קרוינע, — האָט שמואל אויסגעצויגען די ווער־טער,—עס איז פערהאַן אַ גאָט אויף דער וועלט—מיט איין האַנד שטראָפט ער, מיט דער אַנדערער העלפט ער...

—אוודאי, אודאי!—האָט די אַלטיטשקע צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ,—ער שיקט די רפואה פאַר דער מכה...

—אַנ׳אָרט האָט זי, זאָג איך דיר, קרוינע, הלואי אַלע יודען נישט ערגער, מען זעהט זי צו, ווי אַנ׳אייגענע טאָכטער — יעדען פריהמאָרגען אַ גלעזעלע קאַווע מיט פּלעצלעך.—דער אַלטער האָט זיך אַזש צולאַכט פאַר נחת!

נו, און די קינדער?

—דאָס מיידעלע האָט זי אָבגעגעבען צו אַ יודענע, זי צאָהלט פאַר איהר דרייסיג קאָפּיקעס אַ וואָך. דאָס עלטערע יוגגעל אָבגע־געבען צו אַ סטאָליאַר, ער האָט איהם גענומען אויף זיבען יאָהר אָהן אַ גראָשען געלד, און דאָס קלענערע יונגעל, זעהסטו—איז ביי מיר, אַ וואויל יונגעל—קאָן שוין דעם גאַנצען אַלף בית.

—אַלף, בית, גימל, דלת—האָט דער קליינער פּלוצים אנגע־הויבען צו ציילען, ווי אַ זייגער.

—לעבט זי, הייסט דאָס, ווי אַ פּריצ׳טע?

—אַ דאַנק זיין ליבען, הייליגען נאָמען!

—נאָר הער, דאָס איז נאָך נישט אַלץ, קרוינינקע, גאָט האָט נאָך בעוויזען אַ גרעסערען נס — שמואל איז זיך פערגאַנגען אין אַ שטילע התפעלות. דער בעל הבית, דוד בערקין, ביי וועמען משה האָט געאַרבייט, ווייסטו דאָך, איז, אַז זי איז געקומען צו איהם, האָט ער זי געהייסען אַראָבוואַרפען פון אַלע טרעפ... נו, איז, דוכט זיך, שוין אַלץ פערפאַלען... נישטאָ וועגען וואָס צו ריידען... אין דריי טעג אַרום, ווי מיינסטו, וואָס איז געשעהן? נעהמט ער נישט און שיקט נישט אַריין פינפאונצוואַנציג זילבערנע רובעל, ווי איין קאָפּיקע? פאָרט אַ יודיש האַרץ! איך זאָג דיר, קרוינע, אַז גאָט לאָזט אַ ינדען נישט פאַלען... מיר האָבען אַ גרויסען גאָט!„

# אין שענק

## I

# שיכּור=איבעל.

## א

דער שענק-טאָג הויבּט זיך אָן פריה. פריהער פאַר אַלע-מען איילט אין שענק אַריין פערגיסען דעם שיכּור-איבּעל פון נעכטען, דער אַרבּייטער דער בּעל-מלאכה. אַביסעל שפּעטער—דער בּעאַמטער און נאָכדעם שוין די איבּריגע טרינקער. דעם „אָנהויבּ״ מאַכט אָבּער שטענדיג דער בּעטלער. און גליקליך איז דער שכּור וועמען עס איז פון נעכטען איבּערגעבּליבּען עטליכע קאָפּיקעס אויף אַ גלעזעל בּראָנפען, וואָרום די שענקער האָבּען בּכלל נישט ליעבּ צו געבּען בּראָנפען אויף בּאָרג אָדער אויף אַ משכּון נאָר בּאָרגען אויף אַנ׳„אָנהויבּ״, דאָס זאָל שוין גאָר גאָט אָבּהיטען, זיי קענען נור אָנשילטען און אַרויסטרייבּען.

ס׳איז פינף אַ זייגער אינדערפריה. דער גרויער הערבּסטיגער פריהמאָרגען ווייסט זיך קוים. אַ דין רעגענדעל ווי אַ נעפּעל זייהט שוין עטליכע טעג אָהן אויפהער און אויף די נישט-בּרוקירטע גאַסען און געסלעך ווערט אַלץ טיעפער און שיטערער די בּלאָטע.

אין איינעם פון אַזעלכע געסלעך פון דער פערוואָרפענער, ווייס-רוסישער שטאָדט וו. האָט זיך געפונען אַ שענק אונטער׳ן נאָמען „דער תהום״.

אין געסעל אַריין האָט פערקירעוועט אַנ׳איינגעהויקערטע פרוי פון אַ יאָהר פערציג מיט אַ בלאָהליך געזיכט פון קעלט. איהרע מאַטע אויגען זענען שטאַר איינגעשפאַרט געווען אין דער טהיר פון שענק. זי האָט געטראָגען אַ שמוציג פערלאַטעט סיצען קליידעל און אויך אַזאַ קאַפטאַן. אויפ׳ן האַלז איז ביי איהר געהאנגען אַ לייוועגטענע טאָרבע. פון אונטער׳ן אַלטען אָבגעבליאַקירטען טיכעל אויפ׳ן קאָפּ, זענען אַפערגעפאַלען צעשויבערטע שיטערע האָהר אויפ׳ן שטערען אַרויף און אויך אויף דער פלאַטשיגער רויט-פליישיגער נאָז. אין האַנד האָט זי געהאַלטען אַ דיקען שטעקען פון אַ בעזעם. ציטערענדיג מיט׳ן גאַנצען גוף, איז די פרוי צוגעגאַנגען צו דער טהיר פון שענק און האָט נישט זיכער אָנגעקלאַפּט. קיינער האָט פון דאָרט נישט געענטפערט. ווארטענדיג אַ ווײלע האָט די בעטלערין ווידער עטליכע מאָל אָנגעקלאַפּט אין טהיר. דערנאָך האָט זי זיך אָבגעקעהרט, אַ וואָרף געטהון אַ פערצווייפעלטען אומעטיגען בליק אויף די פערנעפעלטע אַרומיגע הייזלעך אין דער טיעפער בלאָטע, און האָט ציטערענדיג שטיל אָבגעזיפצט:

—אָך, אָך! גאָטעניו ליבער! — און זי האָט ווייטער אָנגעקלאַפּט אין טהיר.

דאָסמאָל האָט זיך פון שענק דערהערט אַ פערשלאָפענע ווייבערשע שטים:

—ווער איז דאָרט? כ׳עפען גלייך!

די בעטלערין האָט אויפגעלעבט און אָנגעהויבען שנעל מיט אַ ווייך-חנופה׳ש קול:

—דאָס בין איך, חנה׳לע, איך! עפענט טייערינקע. כ׳בין אינגאַנצען פערפרוירען, איך וויל אויסטרינקען אַ גלעזעל... עפענט... ליבינקע...

—אַ-אַ!—אקסעניע!—האָט זיך פון אינוועניג דערהערט אַנ׳-אונצופרידענער אויסגעשריי, דער טאָג הויבט זיך דאַנקען גאָט אָן! דער טייוועל האָט זי שוין געבראַכט צוטראָגען! זי לאָזט אפילו נישט אויסשלאָפען זיך!... ניין, מעגסט דאָרט אפילו פגר׳ן וועל איך דיר נישט עפענען!...

אַקסעניע האָט זיך אָבגעקעהרט האָפנונגסלאָז אַרומגעקוקט זיך

און אַ טיעפען זיפץ געטהון, שטאַרק עפענענדיג דאָס מױל, ווי איהר וואָלט לופט פערפעלט און האָט ווייטער אָנגעקלאַפּט.

—חנה׳לע, האַרציגע, טייערע, האָב רחמנות, עפען מיר!... גלויב מיר, כ׳בין אינגאַנצען געפרוירען.

קיינער האָט נישט געענטפערט.

—חנה׳קע, נו, האָב דאָך רחמנות! האָט די בעטלערין נאָך שטאַרקער געבעטען.

נישט בעקומענדיג אויך דאָסמאָל קיין ענטפער, איז זי צו־געגאַנגען צום פענסטער פון שלאָף־צימער, געעפענט די לאָדען און גענומען שוואַך קלאַפּען איבער דער שויב.

—חנה׳לע, האָב־זשע אויף מיר רחמנות! לאָז מיך אַריין, איך בין אינגאַנצען פערשטאַרט, איך וועל אויסטרינקען, בעצאָה־לען און באַלד אַוועקגעהען.

—אָך, גאָט מיינער! אַנ׳אמת אָנשיקעניש מיט דער נבלה!— האָט זיך ווידער דערהערט חנה׳קעס אויפגערעגט קול.

נור פונדעסטוועגען איז זי געגאַנגען עפענען. אַ דערפרעהטע האָט זיך אַקסעניע אומגעקעהרט צו דער טהיר און, גלייך ווי חנה האָט געעפענט, איז זי פּשוט אַריינגעפאַלען אין שענק אַריין.

—אַך, חנה׳לע, אַ דאַנק דיר, טייערינקע—האָט זי שוידערענ־דיג אינגאַנצען געשטאַמעלט.

—געה, עפען די לאָדען—האָט איהר חנה נאָך אַלץ האַלב בייז און בעפעהלעריש געזאָגט, אויסרייבענדיג זיך מיט דער פויסט די פערשלאָפענע אויגען.

—באַלד, די מינוט—האָט אַקסעניע געענטפערט און איז שנעל אַרויסגעלאָפען, אויפמאַכען די לאדען.

## ב

אין שענק איז ליכטיג געוואָרען. דאָס איז געווען אַ גרויסע, נישט־הויכע שטוב מיט ברודיגע װענד און שטאַרק פערבלאָטיגטער פּאָדלאָגע. לינקס אין ווינקעל איז געווען דער בופעט און ביי דער

אַנטקעגענדיגער וואַנד אַ ליעזשאַנקע מיט אַנ׳איינגעמויערטען קע-סעל מיט אַ לאַנגע שמאָלע באַנק דערנעבען. ביי די פענסטער זענען געשטאַנען קליינע, זעהר שמוציגע רויטע טישלעך. אויפ׳ן בופעט זענען געלעגען אָנגעוואָרפען אין איין הויפען אַרומגעבי-סענע און אַרומגעריסענע זעמעל. אויף צוויי טעלער, עטליכע שטיקלעך פיש און אַ צעהנדליג האַלב-אָבגעשיילטע אייער. אויסער דעם דאָזיגען „פערבייסען״, פון וועלכען ס׳האָט זיך געשפּירט אַ שאַרפער זויערער ריח, זענען דאָרט געשטאַנען אויך גלעזער און גלעזעלעך און אַ מעשענע געשטעמפּעלטע מאָס. הינטערן בופעט ביי דער וואַנד, אויף פּאָליצעס אויסגעשטעלטע פלעשער בראָנפען, אונטען—עטליכע דריי-עמערדיגע פעסלעך. הינטער די פעסלעך און אין די ווינקלען זענען געלעגען אָנגעוואָרפען גרויסע הויפענס מיט אַלערליי אַלטע צוריסענע בגדים: קליידער, קאַפּטאַנעס, העמדער, זשילעטען איין גאַנצער שיך, אַ זעלנעריש היטעל אָהן אַ דאַשיק און נאָך שמאַטעס, וועלכע קיינער וואָלט נישט געקאָנט דערקע-נען וואָס זיי שטעלען מיט זיך פאָר: אַ קאַפּטאַן, צי אַ זעלנעריש רעקעל, אָדער גאָר עפּיס אַנדערש, אויסערדעם אויך אַלערליי געצייג, אָנהויבענדיג פון אַ זעג, ביז אַ שוסטעריש פרעסעל אָהן אַ הענטעל, דאָס אַלץ איז געווען משכנות, וועלכע אַלערליי קבצנים, האָבען אין אַ שווערער מינוט אָראָבגעריסען פון לייב, אַרויסגע-שלעפּט בגנבה פון שטוב און געבראַכט צו מלכה׳ן אין שענק אויסצובעטען ביי איהר אויף דערוייל אַ גלעזעל בראָנפען.

חנה׳קע, מלכה דער שענקערינס אייניקעל, אַ הויך, נישט מאוס מ״ידעל פון אַ יאָהר אַכצעהן, איז געשטאַנען הינטער׳ן בופעט און געוואָרט אויף אָקסעניען.

אָקסעניע איז אַריינגעקומען צולויפען מיט קליינינקע טרי-טעלעך, ציטערנדיג, ווי זי וואָלט געוואָלט מיט איהר נעבעכ-דיגען אויסזעהן דערוועקען חנה׳קעס רחמנות אויף זיך.

—בר-ר-ר!... כ׳האָב אויפגעעפענט אַלע לאָדען און צוגע-קייטעלט אויך... בר-ר-ר!

—וואָס געבען דיר? אַ „סאָטע״?—האָט חנה׳קע טרוקען אַ פרעג געטהון.

יאָ, יאָ, חנה׳לע, יאָ! אַ „סאָטע״... אָבער גיס צו אַביסע-לע ספירט, איך בין פערפרורירען.

חנה האָט איהר אָנגעמאָסטען אַ „סאָטע״ אין אַ בלעכענער מאָס (וואוהין עס געהט אַריין אַ הונדערטעל עמער און דערפאַר רופט זי זיך „סאָטע״) האָט צוגעגאָסען עטליכע טראָפּען ספירט פון צווייטען פעסעל און אַנידערגעשטעלט די מאָס אויפ׳ן שענק-טישעל, אָבער ווען אַקסעניע האָט אויסגעשטרעקט די האַנד נאָכ׳ן בראָנפען, האָט חנה׳קע מיט דער האַנד צוגעדעקט דאָס מעסטעל און רוהיג געזאָגט:

—גיב געלד...

—אָט האָסטו דיר!—האָט אַקסעניע האָפערדיג אויסגעשריען. שוין-זשע האָב איך קיין געלד נישט? גיב! אָט איז געלד—האָט זי צוגעגעבען, ווייזענדיג אַ צוגעמאַכטע האַנד, אין וועלכער ס׳האָט זיך כלומרשט געזאָלט געפינען געלד.

—חנה׳קע! גיב נישט אָהן געלד!—האָט זיך דערהערט פון צווייטען חדר אַן׳אומרוהיגע שטים פון אַן׳אַלטער פרוי—זי האָט געוויס קיין געלד נישט, זאָל זי פריהער בעצאָהלען.

—גוט!—האָט חנה׳קע הויך, אָבער רוהיג אָבגעענטפערט.

—מלכה׳לע! האָב קיין מורא נישט, איכ׳ל בעצאָהלען, כ׳האָב געלד, אָט דאָ אין האַנד—האָט אָקסעניע אויסגעשריען, ווענדענ-דיג זיך צו דער זייט, פון וואַנען ס׳האָט זיך געהערט מלכה׳ס קול.

--ניין, ניין! גיב פריהער געלד, איך קען דיך שוין, האָט מלכה נאָך אומרוהיגער געשריען פון שלאָף-צימער—חנה׳קע, הערסט? גיב איהר נישט קיין בראָנפען, ביז זי וועט נישט בעצאָהלען.

—ס׳פערשטעהט זיך, אַז איך וועל נישט געבען! איך קען זי דען נישט?

—חנה׳לע, נו...—האָט אַקסעניע בעטענדיג אָנגעהויבען, נור זי האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז אַזאַ טאָן רייסט נאָך מעהר אונ-טער איהר קרעדיט פון איהר פערמאַכטע האַנד און זי האָט צו-געגעבען האָפערדיג:

--וועסט נישט געבען—איז נישט! וועל איך געהן אין אַנ׳-אַנדער שענק... גיב... ס׳איז ניר, ווייל איך בין געוועהנט צו

אייער בראָנפען... אָט איז דאָך געלד,—האָט ער געזאָגט, ווייזענ-דיג נאָכאַמאָל די פערמאַכטע האַנד.

—קיין שום קונצען ווילען דיר נישט העלפען!—האָט חנה׳קע געזאָגט ענטשידען און רוהיג, וועסט געבען געלד, וועל איך דיר געבען בראָנפען, ווען נישט—קאָנסטו דאָ כאָטש פגר׳ן און קיין בראָנפען וועסטו נישט בעקומען.

נאָך דעם טאָן, מיט וועלכען די װערטער זענען געװען אַרויסגערעדט, האָט אַקסעניע פערשטאַנען, אַז ס׳איז נישטאָ קיין שום האָפנונג צו בעקומען בראָנפען איידער זי וועט געבען געלד. אין דער פערדריקטער האַנד האָט זי אָבער אינגאַנצען געהאַט דריי קאָפּיקעס. די בעטלערין איז געבליבען שטעהן אין מיטען שענק אין אַ טעמפּער פערצווייפלונג. קומענדיג צו זיך, האָט זי געשווינד אַראָבגעריסען פון זיך דעם קאַפּטאַן, האָט עס צונויפ-געדר״ט און אַ וואָרף געטהון איבער׳ן בופעט אויף דעם הויפען שמאַטעס. מיט דערזעלבער געשווינדיגקייט האָט זי, פונאַנדערעפענענ-דיג די האַנד, אַ קלאַפּ געטהון מיט איהר איבער׳ן טיש און זי באַלד צוריקגעכאַפּט. אויפ׳ן טיש איז געבליבען אַ דריי-קאָפּיקענע מטבע.

—חנה׳קע, דערבאַרים זיך!—האָט ער שטיל בעטענדיג אַרויס-גערעדט.

הנה׳קע האָט אַ בליק געוואָרפען איוף דער קאָפּטע און איז אַ ווײלע געשטאַנען אונענטשלאָסען.

—דו ביזט דאָך שוין אַזוי אויך זעהר פיל שולדיג!—האָט זי געזאָגט מיט אַ פּאָרוואורף, נור שטיל, אַז מלכה זאָל נישט דערהערען—וויפעל ביזטו שולדיג אויף דאָס קליידעל?—איינאונ-צוואַנציג קאָפּיקעס, אויף דער װאַרימער קאָפּטע—צוועלף, אויף די שיך—אַכצעהן, איז איינאונפופציג קאָפּיקעס! אַי-אַי—אַי—! אויף וואָס קוקענדיג האָסטו אַזויפיעל אָנגעבאָרגט? ווען וועסטו עס בעצאָהלען?

—זאָל איך פאַלען אַ טויטע, אויב איך וועל נישט נאָך היינט אַלץ אויסקויפען;—האָט אַקסעניע פ״בערהאַפט אויסגעשריען, פיהלענ-דיג, אַז נאָך איין מינוט און חנה׳קע וועט זיך לאָזען איבעררײדען—

ווייסט דאָך, היינט איז די לויה פון גענעראַל און איך וויל נאָך עפּיס אויסטרינקען, זאָל איך פּגר'ן!... האָב רחמנות...

--נעהם, נור געדענק!--האָט חנה ערנסט געזאָגט און האָט אַקסעניען דערלאַנגט דעם בראָנפען, איבערגיסענדיג איהם אין אַ טיי-גלאָז.

--ז...זאָל דיר גאָט געבען--האָט אַקסעניע אָנגעפאַנגען, זי האָט אָבער נישט געענדיגט. מיט ציטערנדע הענד האָט זי גע-כאַפּט דאָס גלאָז און פאַמעליך גענומען עס צו די ליפען. וואָס פעסטער זי האָט דאָס גלאָז געדריקט אין האַנד, אַלץ מעהר האָט זי זיך איינגאַנצען געוואָרפען און געציטערט און די משקה אין גלאָז האָט מיטגעטאַנצט. פאַמעליכינקע האָט זי צוגעטראָגען דאָס גלאָז צום מויל איינשפּאַרענדיג דערין איהרע צעגליהטע אויגען. ווען ס'וואָלט, דוכט זיך, אין דער מינוט איינגעפאַלען דער סופיט איבער איהר קאָפּ, וואָלט זי אויך די אויגען נישט אָבגעריסען פון גלאָז. עפּענענדיג ברייט ס'מויל האָט זי פעסט צוגעדריקט דאָס גלאָז צו די ליפען און גענומען האַסטיג, פיבערדיג זופּען, פערכלינענדיג זיך דערביי. דער בליק איהרער איז אין דער זעל-בער צייט געווען מאָדנע ליידענשאַפטליך אָנגעשטרענגט אויף איין פונקט ערגיץ אין חלל. ענדליך האָט זיך אָט דער מאַטערענדער אַקט פון „פערגיסען דעם שיכור-איבעל" געענדיגט.

זי האָט אויסגעטרינקען און זיך אָבגעווישט דאָס מויל מיט דער נאָך אַלץ ציטערנדער האַנד און אַ פערמאַטערטע און צעבראָ-כענע האָט זי זיך אַראָבגעזעצט אויף אַ באַנק מיט אַ מינע פון שטאַרקען אומעט און פערטראַכטקייט אויפ'ן געזיכט.

--חנה'קע! האָסט נאָך אַלץ צוטהון מיט אַקסעניען? וואָס עפּעס אַזוי לאַנג?--האָט זיך ווידער דערהערט מלכה'ס שטים.

--זי האָט אויסגעטרינקען און בעצאָהלט--האָט חנה גע-ענטפערט.

אַקסעניע האָט אומגעקעהרט דעם קאָפּ צו חנה'קען, האָט קוים אַ שמייכעל געטהון און מיט דאַנקבאַרקייט געשעפּטשעט: זאָל דיר גאָט געבען געזונד! און איהר געזיכט איז צוריק געוואָרען פערזומערט.

—אָך—אָך—אָך!—האָט זי מיט אַ מין האָפּנונגסלאָזען או-מעט אָבגעזיפצט און האָט זיך עטליכע מאָל איבערגעזעצט אויף איהר אָרט.

—וואָס איז דיר, אַקסעניע?—האָט איהר חנה׳קע געפרעגט.

—אַלץ איבער דעם בראָנפען... פערכאַפּט זאָל עס פון דער וועלט ווערען, דאָס פּאַסקודסטוואָ!—האָט די בעטלערין מיט אַ ני-דערגעשלאָגענער שטים געזאָגט, און אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ.

—הער אויף צו טרינקען,—האָט איהר חנה׳קע נאַכלעסיג געזאָגט, געהענדיג אין קיך אַריין זיך וואַשען.

אַקסעניע האָט גאָרנישט געענטפערט, זי האָט איר נאָר נאָך מעהר פערבענגט נאָכגעקוקט און טיף אָבגעזיפצט.

אין שענק איז וואָס אַמאָל לעבעדיגער געוואָרען. פון דער וואוין העלפט איז אַרויסגעקומען די אַלטע מלכה, אַ דאַרע זיבעציג-יעהריגע איינגעהויקערטע פרוי, מיט אַ צעקנייטשט פּאַר-מעטען געזיכט, מיט אויסגעלאָשענע אויגען אין וועלכע ס׳האָט נאָך בלויז געלויכטען אַ מין זקנה׳שע פּחדנות.

אַ הויכער, דאַרער מענש אין אַ פּאַרטוך איז אַריינגעקומען. מיט אַ פאַרכמורעט פערשלאָסען געזיכט איז ער צוגעגאַנגען צום בופעט. שווייגענדיג האָט ער אַנידערגעלעגט אויפ׳ן טיש קופּער-נע מטבעות, האָט שווייגענדיג אויסגעטרונקען און גיך אַרויסגע-גאַנגען. נאָך עפּעס אַ בעל-מלאכה איז אַריין, האָט לאַקאָניש אַרויס-געזאָגט: „געבליבען פון נעכטען״, ער האָט אויך אויסגעטרונקען, האָט פערביסען אַ שטיקעל ברויט, פריהער בעשמעקענדיג עס און איז אויך געשווינד אַרויס.

אין אַלגעמיין זענען שטענדיג די פריהמאָרגען-געסט אין שענק פערכמורעטע שווייגענדיגע און צעררייצטע. און ס׳איז נישט קיין וואונדער: דער „שיכור-איבעל״ איז אַ געוואַלדיג קלאָגענדיגער צושטאַנד. די שכורים פיהלען זיך אויף צומאָרגענס אינדערפריה

זעהר שלעכט. די הענד און די פיס טרייסלען זיך, דער קאָפּ איז ווי מיט בליי אָנגעגאָסען און אין מויל—אַ שרעקליכער טעם. אויף דער נשמה איז נאָך ערגער: אַ דריקענדער שווערער אומעט פּרעסט דאָס האַרץ און דעם מוח. אין גאַנצען גוף פיהלט זיך אַ צעבראָכענקייט אין די אברים—אַ פערמאַטערטקייט. צו דעם צו גיט נאָך קיין רוה נישט דאָס בעדערפניש דורכאויס צו „פערגיסען”. עס שטרענגט אָן די צערודערטע נערוועז און נויט דעם מידען מוח צו אַרבייטען. דער אומעט ווערט פון דעם נאָך שטאַרקער און שרעקליכער.

עס איז אַריינגעקומען אַ פייערלעשער אַנ׳אויסגעדיענטער סאָלדאַט פון אַ יאָהר פופציג אין אַנ׳אַלטען שינעל און אויסגעטרעטענע שטיוועל, זיין פּנים איז געווען ווי אַ זיפּ פון פּאָקעןלעכלעך אַ מין האָלצענע גלייכגילטיגקייט, כמעט ברוטאַלקייט איז דערויף געווען, די אויגען זיינע זענען עהנליך געווען צו דרייעקען. ער איז שטיל און לאַנגזאַם אַריינגעקומען, פאַרבייגעהענדיג פאַרביי אַקסעניען האָט ער הייזעריג און גלייכגילטיג אַ זאָג געטהון: „אַקסעניע” און איז צוגעגאַנגען צום בופעט, זי האָט נאָר שווייגענדיג אַ שאָקעל געטהון צו איהם מיט׳ן קאָפּ און צוריק זיך פערטראַכט.

—אַ קוואָרט...—האָט ער אַ ברום געטהון מיט זיין האָלצערנער שטים און לאַנגזאַם גענומען צעהלען געלד.

חנה׳קע האָט אָנגעמאָסטען און אַנידערגעשטעלט אויפ׳ן טיש אַ פולע קוואָרט בראָנפען. דער זעלנער האָט אַנידערגעלעגט געלד און האָט ערענסט און אויפמערקזאַם בעטראַכט דעם בראָנפען, דערנאָך האָט ער צעשפּרייטענדיג עטוואָס די פיס אַראָבגעבויגען דעם קאָפּ צו דער קוואָרט און צולעגענדיג די ליפּען האָט ער מיט איין האַנד גענומען זי בויגען אויף אַ הינטער. אָבטרינקענדיג אַביסעל האָט ער ערשט אָנגענומען די כּלי מיטביידע הענד און מיט איינמאָל אויסגעטרונקען דעם איבריגען בראָנפען. ער האָט זיך נישט פערקרימט, ער האָט נישט פערביסען גאָרנישט, דאָס געזיכט זיינס האָט אַפילו דעם פריהערדיגען האָלצערנעם אויסדרוק נישט פערלוירען. אָבווישענדיג די וואָנסעס מיט דער פּאָלע האָט

ער הייזעריג אַ זאָג געטהון: „וואויל״... און גלייך אַרויסגעגאַנגען.

אַ יונגע פרוי מיט אַ פערשלאָפען געזיכט, מיט צעשויבערטע האָר, מיט קאַלאָשען אויף די באָרוויסע פיס איינגעהילט אין אַ טיכעל איז געקומען אַריינצולויפען.

—גיב חנה׳לע, גיכער, אַ קוואָרט!—האָט זי געשווינד גע־זאָגט און אַנידערגעוואָרפען אויפ׳ן בופעט זילבערנע מטבעות.

—וואָס האָסטו אַזוי קיין צייט נישט?—האָט זי חנה׳קע שמייכלענדיג געפרעגט.

—מיט מיינעם איז גאָר שלעכט!—האָט די פרוי לאַכענדיג געענטפערט און האָט ענערגיש אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד. נעכטען אַרום צוועלף און אפשר נאָך שפּעטער האָט איהם אַנ׳ א־זוואָשטשיק געבראַכט צופיהרען, ער איז ערגיץ אויף אַ וויע־טשערינקע געוועזן און אַזוי זיך אָנגעזויפען, אַז ער האָט נישט געוואוסט וואָס מיט איהם טהוט זיך. ער האָט זיך אַנידערגעוואָר־פען אויפ׳ן דיוואַן און היינט אַזוי ווי ער האָט נאָר געעפענט די אויגען האָט ער גענומען שרייען: „מאַלאַניא, גיכער, לויף און ברענג מיר אַ קוואָרט, וואָרום כ׳שטאַרב!״ כ׳וויים שוין, ער וועט שוין היינט א גאַנצען טאָג ליגען און וועט נישט געהן אין קאַנ־צעלאַריע דער פוילער!

חנה׳קע האָט איהר אָנגעמאָסטען, אַריינגעגאָסען דעם בראָנ־פען אין אַ וויים פלעשעל, וועלכעס די פרוי האָט מיטגעברענגט מיט זיך און געוואָלט פערשטאָפען עס.

—שטעה, פערשטאָפ נישט! האָט זי גיך געזאָגט און אַרויס־נעהמענדיג פון חנה׳קעס האַנד דאָס פלעשעל, האָט זי אָבגעגאָסען אַ האַלב גלעזעלע און בעטראַכט דאָס פלעשעל צו ס׳וועט נישט קענטיג זיין, אַז ס׳פעלט. איבערצייגענדיג זיך אפנים אַז מ׳וועט נישט דערקענען האָט זי צוגעגאָסען אין גלעזעל אַריין נאָך עט־ליכע טראָפּען. האָט געשווינד אויסגעטרינקען און פערשטאָפּט דאָס פלעשעל.

—וואויל!..—ס׳וועט גענוג זיין פאַר איהם!..—האָט זי אַ מורמעל געטהון און איז איילענדיג אַרויס.

—די קעכין פעאָדאָראָווּנא,—האָט אַקסעניע גלאַט אין דער

וועלט אַריין, צו קיינעם נישט ווענדענדיג זיך קאָנסטאַנטירט.

—וואָס פאַר אַ קעכין! זי איז ביי איהם „אַלץ"—האָט חנה'קע לאַכענדיג צווייךייטיג געזאָגט.

## ד

די טהיר האָט זיך לאַנגזאַם געעפענט און אין שענק האָט זיך אַריינגעקייקעלט עפּעס אַ קנויל שמאַטעס. דאָס איז געווען אַ פרוי פון אַ יאָהר זעכציג, אַ דיקע, נישט קיין הויכע, מיט אַ קיי־לעכדיג, רויט גלאַנציג געזיכט און מיט אַ ברייט מויל. קיין אויגען האָט מען כמעט נישט אַרויסגעזעהען, זיי זענען געווען פערשוואו־מען אין שמאַלץ און האָבען אויסגעזעהען ווי צוויי שפּעלטעלעך. אָנגעטהון איז זי געווען אין אַ פינף־זעקס קליידער און עטליכע קאַפּאָטאַנעס, דאָס אַלץ איז בעשטאַנען פון דורכאויס לאַטעס, שמאַ־טעס און שמוציגע שטיקלעך וואַטע. אויפ'ן האַלז און ביי די זיי־טען האָט זי געטראָגען עטליכע טאָרבעס, דעם קאָפּ האָט זי גע־האַט פערהילט אין עטליכע קויטיגע טיכלעך, אויף די פיס האָט זי געטראָגען אַפּאָר שטאַרק פערבלאָטיגטע צעריסענע לאַסטיגענע פּאַנטאָפלעך.

—ס'טעכטערעל איז דאָ געווען?—האָט זי צוגייענדיג צום בו־פעט געפרעגט חנה'קען מיט אַ גראָבע, הייזעריגע שטים וואָס איז גאָרנישט ענהלעך געווען צו קיין פרויען־שטים.

—ניין.

—ניין, אַקולינושקע איז דאָ נישט געווען—האָט אַקסעניע שטיל בעשטעטיגט.

—געמיין שטיק! באַלד אינדערפריה איז זי שוין געגאַנגען זיך צרומשלעפּען—האָט אַקולינע אַ מורמעל געטהון גאַנץ קאַלט־בלוטיג און אַנידערלעגענדיג געלד אויפ'ן טיש האָט זי פּעפּעה־לעריש אַ ברום געטהון:

—גיס אָן!

—נאָכ׳ן „פערגיסעון״ האָט אַקולינע זיך אויסגעצויגען אויף דער באַנק, און איינגעשלאָפען.

שפּעטער איז אַריינגעקומען אַקולינעס טאָכטער, גלאַשקע, אַ מיידעל פון פינפאונצוואַנציג יאָהר זעהר זעהר אַ דאַרע און אַ הויכע. איהר גאַנץ געזיכט איז געווען פול מיט רויטע פון דער הויט אָבגעשיילטע פלעקען. איהר רויט-פיאָלעטען נעזעל האָט אַרויסגע-שטאַרט כון פּנים, ווי אַ קאַרטאָפּעלע פון אויבען איינגעפּלאַטשט. און איהרע בלויע אונטערגעהאַקטע אויגען האָט געברענט אַ פּי-בערהאַפט פייערעל. אָנגעטהוען איז זי געוועון אין אַ לייווענטען פערבלאָטיגט קליידעל, וואָס איז צוגעלעגען צו די פיס און אין אויסגעטרעטענע שיך. דעם קאָפּ האָט זי געהאַט אַרומגעהילט מיט עפּיס אַ שמאַטע און אָנשטאָט אַ בלוזע האָט זי געטראָגען אַנ׳אַלט סאָלדאַטיש רעקעל אָהן קנעפּ.

זי האָט אינגאַנצען געציטערט, זי האָט זיך שנעל אַרומגע-קוקט איבער׳ן שענק און בעמערקענדיג איהר מוטער שלאָפען אויף דער באַנק איז זי שטיל אויף די שפּיצפינגער צוגעגאַנגען צום בופעט און שעפּטשענדיג געפרעגט חנה׳קען ווייזענדיג מיט׳ן קאָפּ אין דער זייט צו דער מוטער:

—זי האָט אויסגעטרינקען?

איהר שטים איז געווען אַ הייזעריגע, אַ צעבראָכענע. אין אַלגעמיין איז לייכט געווען צו זעהן אַז די אומגליקליכע וואָלט גיכער זיך בעדאַרפען געפינען אין שפּיטאָל ווי אין שענק.

—זי האָט אויסגעטרינקען אַ „סאָטע״—האָט חנה׳קע געענט-ערט און בעמערקענדיג ערשט איצט אַז אַקולינע שלאָפט איז זי אומצופרידען צוגעגאַנגען:

—זעה גאָר! זי האָט זיך צעלעגט שלאָפען ווי אַ גרעפין.

—חנה׳קע, לאָז זי געמאַך!—האָט גלאַשקע זי געבעטען און איז שטיל אונטערגנב׳ענדיג זיך, צוגעגאַנגען צו דער מוטער. עט-ליכע מינוט האָט זי ציטערענדיג אינגאַנצען זי בעטראַכט מיט איהרע מאַטע אויגען, דערנאָך האָט זי שטיל, מיט גרויס פאָרזיכט געפּרובט אַריינרוקען איהר די האַנד אין בוזעם—אומזיסט, ס׳געהט נישט. זי האָט געזוכט די קעשענע און האָט נישט געפונען, די

מוטער איז גראָד געלעגען אויף דער ז··ס וואו ר קעשענע גע־פינט זיך. זי האָט אָנגעטאַפּט עפּעס אַ טאָרבע אָבער דאָרט איז נאָר געווען אַביסעל זאַלץ און אַ שטיקעל שמאַטקעלע. ענדליך, נאָך אַ לאַנגען אַרומזוכען האָט זי געפונען אַ צוגעקניפּט טיכעל. זי האָט אינגאַנצען אויפגעציטערט, מיט די הענד און מיט די ציינער האָט זי אומגעדולדיג גענומען אויפבינדען דאָס קניפּעל מורמלענדיג: פערשאָלטענע! נאָר פּלוצלונג האָט זי איבער'ן רו־קען בעקומען פון אַקולינען מיט דער פויסט.

—חזיר!! ריהר נישט! קלערסט, אַז כ'שלאָף? כ'הער אַלץ!— האָט אַקולינע געכריפּעט, נישט אויפהויבענדיג זיך, נאָר קוים עפּענענדיג איהרע חזיר'שע אויגעלעך.

גלאַשקע האָט נערוועאיש אַ געשריי געטהון און איז אָבגע־שפּרונגען.

—פערשאָלטענע!—האָט זי זיך צעשריען. זי האָט מיר נעכ־טען אָוועקגעשלעפּט מיין קליידעל, צעפּלאַצט זאָלסטו ווערען!

אַקולינע האָט זיך אונטערגעהויבען און, נעהמענדיג דעם שטע־קען, וועלכער איז נעבען איהר געשטאַנען האָט זי גלאַשקען געדראָהט:

—זעה, וואָס איך האָב!

—איבערגעשראָקען!—האָט גלאַשקע געמורמעלט קוקענדיג מיט שנאה אויף דער מוטער און איז צוגעגאַנגען צום בופעט, וואו חנה'קע איז געשטאַנען און נייגעריג, מיט אַ לייכט שמייכעלע זיך צוגעקוקט צו דער מחלוקה צווישען דער מוטער און טאָכטער.

—ס'האָט זיך נישט איינגעגעבען?—האָט זי גלאַשקען איבער־געפרעגט.

—פּגר'ן זאָל זי, די קאַטאָרזשנע!—האָט גלאַשקע בייז גע־ענטפערט—נעכטען האָט זי מיר צוגעגנב'עט דאָס מאַטאָווע קליי־דעל און עס פערקויפט פאַר פופצעהן קאָפּיקעס און איצט האָב איך נישט מיט וואָס צו „פערגיסען"... חנה'קע האָב רחמנות, גע־טרוי מיר אַ „סאָטע", כ'שווער דיר, אַז כ'וועל דיר היינט אָבגע־בען,- האָט זי צוגעגעבען אָנהויבענדיג פּלוצים מיט אַ וויינענדיגען טאָן.

—וויפיל ביסטו שולדיג אויף דער בלוזע?

—צוועלף קאָפּיקעס? וואָס האָסטו מורא? צי רעכנסטו דען אַז איך וועל ביי דיר איבערלאָזען מיינע משכנות?

חנה׳קע האָט שטילשווייגענדיג אָנגעגאָסען און דערלאַנגט איהר אַ „סאָטע״.

ציטערענדיג, פערכלינענדיג און פערגיסענדיג האָט גלאַשקע אויסגעטרונקען דעם בראָנפען.

—פּאַסקודסטווע, פערכלינעט זיך!—האָט אַקולינע פילאָזאָפיש גלייכגילטיג געזאָגט.

פלוצים האָט זי זיך הויך און צופרידען צעלאַכט.

—כאַ—כאַ! זי האָט געמיינט אַז איך שלאָף, איך האָב מיך אָבער נאָר עקסטרא אַזוי געמאַכט און—באַץ! כאָ—כאָ—כאָ!

זי האָט זיך ווייטער צעלאַכט, אַז טרערען זענען איהר אין די אויגען אַריינגעקומען. נישט אויפהערענדיג צו לאַכען איז זי צוגעגאַנגען צום בופעט און האָט אויסגעטרונקען אַ „סאָטע״.

—פרעסערין! גיסט אין זיך אַריין דעם בראָנפען ווי אין אַ פאַס אַריין!—האָט גלאַשקע מיט כעס אַ מורמעל געטהון און האָט זיך געזעצט נעבען אַקסעניען.

—און דיר, טאַכטערעל האַרצינקע, איז מיאוס אין מויל וואָס כ׳האָב דיך נישט מכבד געווען—האָט אַקולינע זיך ווידער צעלאַכט און צונויפגעהמענדיג איהרע זעקלעך, וועלכע האָבען זיך אַרומגעוואַלגערט אויף דר׳ערד איז זי אַרויסגעגאַנגען.

## ה

די גאַנצע צייט וואָס אַקולינע און גלאַשקע האָבען זיך געקריגט איז אַקסעניע געזעסען אומבעוועגליך אויף איין אָרט, אומנערדרעהט צום פענסטער און האָט, דוכט זיך, גאָרנישט געהערט. נאָר ווען גלאַשקע האָט זיך נעבען איהר אַנידערגעזעצט, האָט זיך לאַנגזאַם אומגעקעהרט און אויף איהר אָנגעשטעלט אַ לאַנגען, פערטראַכטען תמ׳עוואַטען בליק. גלאַשקע האָט אויפגעהויבען פון דער ערד אַ שטיקעל פּאַפּיראָס, האָט פעררויכערט און זיך שוויי-

גענדיג אַנידערגעזעצט. לאַנג האָט אַקסעניע אַזוי געקוקט אויף גלאַשקען מיט אַ קרענקליכען בליק. זי האָט עטליכע מאָל געוואָלט אָנהויבען עפּיס רעדען, נאָר זי האָט, ווי ס'ווייזט אויס נישט גע-קענט, נאָר וואָס די ווינקלען פון די ליפּען האָבען זיך איהר נערוועאיש געהויבען.

—גלאַשקאַ! — האָט זי ענדליך אַרויסגעזאָגט אָפּגעהאַקט, שאַרף, ווי דאָס וואָרט וואָלט איהר ביז איצט געשטאַנען אין האַלז און זי וואָלט זיך שיר נישט דערשטיקט דערמיט.

גלאַשקע האָט זיך אַ וואָרף געטהון און האָט פערוואונדערט אַ קוק געטהון אויף אַקסעניען.

—וואָס איז דיר?

—גלאַשקעלע—האָט אַקסעניע שוין וויינענדיג גערעדט,— האַרציגע, ליבינקע, דערבאַרעם דיך איבער מיר...

זי האָט אָבגעהאַקט, האָט קוים אַראָבגעשלונגען דעם שליים און האָט ווייטער גערעדט.

— אויף דריי קאָפּיקעס!..! כ'קום אום!... נעם ליבענקע, פאַר מיר... דיר וועט מען געטרויען... מאָרגען וועל איך אָבגע-בען... כ'שטאַרב...

זי האָט אויסגעווישט די טרעהרען פון די אויגען און האָט ווייטער געקוקט אויף גלאַשקען מיט אַ בעטענדען בליק.

— דו האָסט נאָך נישט „פערגאָסען"? — האָט גלאַשקע מיט פיהלענדיג געפרעגט.

—שוין „פערגאָסען"... מיט אַ „סאָטע"... כ'האַלט עס נישט איבער... כ'געה אויס...—האָט אַקסעניע קרענקליך געמורמעלט.

גלאַשקע האָט אַ בליק געטהון צום בופעט: מלכה איז דאָרט, שאָקלענדיג כסדר מיט'ן קאָפּ, געזעסען און געדאַווענט.

—אַט וואַרט צו—האָט גלאַשקע אַ שעפּטשע געטהון אָנבוי-גענדיג זיך צו אַקסעניען, זאָל נאָר די מכשפה אַוועקגעהן, זי וועט נישט געבען. חנה'קע וועט געבען.

אַקסעניע האָט בענגליך בעשטעטיגט צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ און זיך פערקוקט צום בופעט.

אין עטליכע מינוט אַרום איז מלכה אַוועק אין דער

„וואוין-הענפס״ זאָן הינטער׳ן בופעט האָט זיך חנה׳קע אוועק-געשטעלט.

גלאַשקע איז צוגעגאַנגען.

—חנה׳קעלע, באָרג מיר, האַרציגע, נאָך איין „סאָטע״...

—דו האָסט דאָך ערשט געטרונקען—האָט זיך חנה׳קע גע-וואונדערט.

—ס׳איז ווייניג...—האָט גלאַשקע קרענקליך געשמייכעלט; כ׳שווער דיר, כ׳וועל אַלץ אויסקויפען, כ׳האָב דאָך נעכטען אויס-געלייזט דאָס וואַטאָווע קליידעל... כדי די מאַמינקע זאָל עס קע-נען צוגנב׳ענען—האָט זי פערביטערט צוגעגעבען.

—האָסט אויסגעלייזט! און היינט נעהמסטו צוריק אָן און דיין בלוזע וועט דאָ אַזוי כסדר אַרומוואַלגערען גאַנצע יאָהרען.

—יאָהרען! ס׳האָט זיך קיינמאָל נישט אַרומגעוואַלגערט. גיב! חנה׳קע האָט בייז אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד.

כ׳ווייס שוין, ס׳וועט שוין היינט זיין אַזאַ טאָג: אַלע אָהן געלד. דער טייוועל האָט זי געבראַכט צוטראָגען, פאַרטאָגס אַנ׳„אָנ-הויב״ האָט זי מיר געמאַכט אָהן געלד! קיין שלאָף נעהמט זי גאָרנישט! און איצט וועט שוין אַזוי אַ גאַנצען טאָג געהן פדיון „פאַר שמאַטעס״...

זי האָט בייז אַ קוק געטהון אויף אַקסעניען, וועלכע האָט, ווי ס׳ווייזט אויס, פאָלקאָם אָנערקענענדיג איהר שולד, זיך בענקליך אויסגעדרעהט צום פענסטער און אָבגעזיפצט.

אָבער חנה׳קע האָט פונדעסטוועגען אָנגעגאָסען אַ „סאָטע״. גלאַשקע האָט אַוועקגעטראָגען דעם בראָנפען צום פענסטער און איהם אַנידערגעשטעלט אַקסעניען. אַ נערוועאישער ציטער איז אַדורכגעלאָפען איבער אַקסעניעס קערפער, זי האָט אויפגעציטערט און האָט זיך אומרוהיג גענומען דרעהען אויף איהר אָרט.

—אָ-אָ-ך, טייבעלע מיינס... אַ דאַנק!...—האָט זי געמורמעלט.

—טרינק,—האָט גלאַשקע כמעט צערטליך געזאָגט.

—די גאַנצע „סאָטע״? ניין... מ׳דאַרף נישט! כ׳וויל נאָר אַ גלעזעלע... אַ דאַנק!... טרינק אויך... האָט זיך אַקסעניע אַנטקעגען-געזאָגט.

—איך וויל נישט, כ׳בין נעלטען נישט געווען שיכּור—האָט גלאַשקע געענטפערט—טרינק די גאַנצע „סאָטע״, צו געזונד דיר..

—געזונד זאָלסטו מיר זיין, גלאַשקעלע!—האָט אַקסעניע כּמעט אויסגעשריען, הייס אַרומנעמענדיג גלאַשקען און קושענדיג זי גלייך אין מויל. דערנאָך האָט זי געכאַפּט דעם בראָנפען און דורשטיג אויסגעטרינקען. נאָכ׳ן אויסטרינקען האָט זי מיט דער פולער ברוסט אָבגעזיפצט און נאָכאַמאָל זיך צעקושט מיט גלאַשקען.

—נו, אַ דאַנק! כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳געה אויס.. אָ-אָך, גאָט דו מיינער!—האָט זי אָבגעקרעכצט שוין מעהר רוהיג און האָט באַלד צוגעגעבען: גלויב מיר,—כ׳וועל דיר היינט אָבקויפען אַ האַלבע קוואָרט!

—נויטיג בעדאָרפען איהר בראָנפען געבען!—האָט חנה׳קע בייז אַ מורמעל געטהון,—ווען כ׳וואָלט געוואוסט אַז ס׳איז פאַר איהר—וואָלט איך בנאמנות, נישט געגעבען. איצט איז פערפאַלען, זי האָט שוין אויסגעטרינקען די צווייטע „סאָטע״ און זי וועט שוין אַ גאַנצען טאָג זויפען און איהרע שמאַטעס וועלען זיך דאָ אַרומוואַלגערען.

—כ׳וועל אויסקויפען, כ׳וועל היינט אויסקויפען,—האָט אַקסעניע נאַכלעסיג געענטפערט און גענומען זיך גריבלען אין דער טאָרבע וואָס ביי איהר אויפ׳ן האַלז.

פון גאַס האָט זיך דערטראָגען אַ טויב געקלינגעריי פון די צערקווע גלאָקען.

—מ׳קלינגט!—האָט אַקסעניע זיך אַ וואָרף געטהון און איז געשווינד אויפגעשטאַנען. קום גיכער, גלאַשקע, מ׳וועט באַלד אַרויסטראָגען דעם גענעראַל...

—געדענק-זשע, גלאַשקע, איצט ביסטו שולדיג אויף דער בלוזע פיער און צוואַנציג קאָפּיקעס—האָט איהר חנה׳קע דערמאָהנט.

—כ׳געדענק, כ׳געדענק, חנה׳קעלע, האָב קיין מורא נישט!—האָט גלאַשקע געענטפערט, קלויבענדיג זיך צום אַרויסגעהן.

—און דו, אַקסעניע—האָט חנה׳קע דראָהענדיג זיך געווענדעט צו אַקסעניע׳ן,—הער: אויב דו וועסט נאָך היינט טרינקען,

וועסטו שוין גאָרנישט אויסקויפען—געדענק וואָס כ׳זאָג דיר!

—כ׳וועל אַלץ אויסקויפען! כ׳וועל שוין היינט מעהר נישט טרינקען!—האָט אָקסעניע קאַטעגאָריש געענטפערט, האָט פערשפּילעט דעם קאָלנער פון איהר קאַפטאַן און איז שנעל אַרויס נאָך בלאַשקען.

אין שענק איז אינגאַנצען שטיל געוואָרען. ענדיגענדיג דאַוונען, איז מלכּה אַריין און קיך און האָט פון דאָרטען אַריינגעטראָגען אַ קליינעם סאַמאָוואַר פון וועלכען ס׳האָט געזעצט אַ פּאַרע און איילענדיג, איינגעבויגענערהייד, כּמעט לויפענדיג, האָט זי איהם פאַרויסגעטראָגען אין דער „וואוין העלפט”, רופענדיג אויפ׳ן וועג צו חנה׳קען: טראָג אַריין גלעזער!

חנה׳קע האָט גענומען צוויי גלעזער און איז אוועק נאָך דער באָבען.

עס איז נישט אַריבער קיין פינף מינוט, ווי אין שענק האָט זיך בעוויזען אַ נייער גאַסט. חנה׳קע איז אַריין צו איהם מיט אַ גלאָז טהיי אין דער האַנד.

דער אַריינגעקומענער איז געווען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר דרייסיג, נישט קיין הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ קליין, נישט סימפּאַטיש געזיכט, אַרומגענומען מיט אַ שיטער צאַרומגעשוירען בערדעל. זיינע איבערגעשראָקענע האָזען-אויגעלעך האָבען אויסגעזעהן ווי זיי וואָלטען רחמנות געבעטען און האָבען זיין פּנים צוגעגעבען אַ מאָדנעם אויסדרוק, ווי עס וואָלט געהאַלטען ביים צעוויינען אָדער צעשמייכלען זיך איבער אַ גרויס נאַרישקייט, וואָס ער אַליין האָט אָקאָרשט אָבגעטהון. אין אַלגעמיין איז עס געווען אַ גענוג נעבעכדיג און אַפילו אַ נידערטרעכטיג-נעבעכדיג פּנים. אַנ׳אַלטער פּאַלטאָ, אויסגעטרעטענע און אויסגעקרומטע שטיבלעטען, אַ שמוציגע מאַנישקע און אַנ׳אַלט היטעל מיט אַ קאָקאַרדע. פּחדנות׳דיג, ווי אַריינגגנב׳ענדיג זיך, איז ער צוגעגאַנגען

צום בופעט און פערנויגענדיג זיך גענוג אומגעלומפערט, האָט ער שטיל און אַ ביסעל כאָרכלענדיג געזאָגט:

—גוט מאָרגען...

—גוט מאָרגען,—האָט חנה׳קע געענטפערט, אַ קוק געבענדיג נישט פריינדליך אויפ׳ן גאַסט.

פון דעם בליק איז זיין פנים געוואָרען נאָך נעבעכדיגער. ענדליך האָט ער אַ ביסעל צעמישט אַרויסגערעדט:

—ס׳איז נישט עפיס געבליבען פון נעכטען געלד?...

—און אַליין געדענקט איהר דען נישט?—האָט חנה׳קע מיט אַ לייכט-פעראַכטליכען טאָן געענטפערט—„איבערגעבליבען״! איהר, ה׳ קאָנדרקעוויטש, זענט נאָך, דוכט זיך, שולדיג געבליבען פאַר צוויי פלעשלעך ביער... איהר געדענקט?... האַ?...

—יאָ—יאָ, יאָ! כ׳דערמאָן זיך, כ׳דערמאָן זיך!... ריכטיג!...—האָט איהר קאָנדרקעוויטש איילוג איבערגעשלאָגען און זיין פנים איז נאָך מעהר אויסגעצויגען געוואָרען—ריכטיג, ריכטיג...—האָט ער שטיל איבערגע׳חזר׳ט און האָט קוים לייכט אָבגעזיפצט.

ער איז אַוועקגעגאַנגען פון בופעט, איז זיך אַדורכגעגאַנגען איבער דער שענק, אומרוהיג זיך אַרומקוקענדיג. עטליכע מאָל האָט ער געוואָלט צוגעהן צום בופעט, נאָר אַ קוק טהוענדיג אויף חנה׳קען, האָט ער זיך פערלוירען און איז נישט צוגעגאַנגען. ער האָט זיך זעהר נישט אָנגענעהם געפיהלט און האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען, דאָ האָט ער זיך געזעצט, דאָ האָט ער דורכ׳ן פענסטער אַרויסגעקוקט, דאָ האָט ער געהוסט. חנה׳קע האָט עקשנות׳דיג געשוויגען, נישט אַראָבלאָזענדיג פון קאָנדרקעוויטשען איהר פערדעכטיגען בליק. ענדליך, נאָך אַן׳אויסערגעוועהנליכע אָנשטרענגונג איבער זיך, איז ער צוגעגאַנגען צום בופעט און האָט אַ באָמקע אַרויסגעטהון צושמייכלענדיג נעבעכדיג:

—געטרויט מיר, כ׳בעט אייך, אַ „סאָטע״... כ׳האָב איצט נישט קיין דראָבנע געלד... המ!... היינט נאָכמיטאָג וועל איך אייך בעשטימט אָבגעבען... זייט רוהיג, פריילין...

—איך בין רוהיג,—האָט חנה׳קע,ווירקליך גאַנץ רוהיג, געענטפערט. אָבער זי האָט איהם באַלד גענומען פאָרוואַרפען...

קענט איהר נאָך איצט בעטען בראָנפען אָהן געלד! אַ רובעל מיט פינף און זיבעציג קאָפּיקעס זענען ביי אייך פערפאַלען געוואָרען, כ׳מאָהן עס שוין מעהר ביי אייך נישט. איצט האָט איהר ווייטער אָנגעכאַפּט אַכט און דרייסיג קאָפּיקעס און קלערט אויך נישט, זעה איך, אָבצוגעבען; נעכטען האָט איהר אויסגענאַרט צוויי פלעשלעך ביער און איצט קומט איהר ווייטער בעטען!...

—פערפאַלען? כ׳גיב אייך מיין וואָרט, פריילין, אַז איך וועל אייך אַלץ, ביז דער לעצטער קאָפּיקע בעצאָהלען!—האָט ער טראַגיש אויסגעשריען, צולייגענדיג די האַנד צום האַרץ און אויסציענדיג דעם האַלז.

—דאָס האָב איך שוין פון אייך נישט איינמאָל געהערט,—האָט חנה׳קע קאַלטבלוטיג געענטפערט, אַ מאַך טהוענדיג מיט דער האַנד.

קאָנדרקעוויטש האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט ווידער אַמאָל שטיל אָבגעזיפצט און איז אַוועקגעגאַנגען פונ׳ם בופעט. אַרומדרעהענדיג זיך אַ ביסעל איבער׳ן שענק, איז ער אומבעמערקט, אַריין אין דער צווייטער „וואוין העלפט” פון וואַנען ער איז אין עטליכע מינוט אַרום אַרויסגעקומען, האַלטענדיג עפּעס אַ פּעקעל אונטער דער פּאָלע. ער איז צוגעגאַנגען צום בופעט.

—פריילין,—האָט ער שטיל, כמעט איינרוימענדיג, אַ זאָג געטהון,—איך וועל אייך איבערלאָזען אַ „סימן”... אַ זשילעטקע... האָט, כ׳בעט אייך, קיין מורא נישט...

ער האָט אַפּערגענומען פון אונטער דער פּאָלע די זשילעטקע און עס דערלאַנגט חנה׳קען. זי האָט עס נישט גערען גענומען, איבערגעוואָרפען עס אין דער האַנד און אומצופרידען געזאָגט:

—אייער בלוזע וואַלגערט זיך שוין צוויי חדשים...

—כ׳וויים, כ׳וויים!—האָט ער איהר איילי‍ג איבערגעשלאָגען, אויסשטרעקענדיג ביידע הענד,—גלויבט מיר, כ׳וועל אַלץ אויסקויפען!... איהר, כ׳בעט אייך, בעהאַלט עס נאָר,—האָט ער בעטענדיג צוגעגעבען בעמערקענדיג, אַז חנה׳קע קלויבט זיך אַנידערצולעגען די זשילעטקע הינטער׳ן פּעסעל.

—וואו זאָל איך זי בעהאַלטען! עס וועט איהר דאָ אויך

גאָרנישט געשעהען!—האָט חנה׳קע גראָב געענטפערט

—גוט, גוט,—האָט ער איבערגעשראָקען אַ מורמעל געטהון, און האָט אַ געה געטהון פונ׳ם בופעט מיט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט שוין מכלומרשט גאָרנישט בעדאַרפען.

—אַ סאָטע אייך געבען?—האָט חנה׳קע געפרעגט.

—יאָ—יאָ!—האָט ער איילינ געענטפערט און איז האַסטיג צום בופעט צוריקגעגאַנגען.

ער האָט אויסגעטרינקען און, אַבווישענדיג זיך די ליפּען מיט אַ שמוציג טיכעל, האָט ער זיך פערנויגט און האָט מיט אַ געוויסער פייערליכקייט געזאָגט:

—אַ דאַנק אייך, פריילין!... און אין אַ סעקונדע אַרום האָט ער שוין גאַנץ רוהיג צוגעגעבען: איהר, האָט נאָר, כ׳בעט אייך קיין מורא נישט, גלויבט מיר אויף מיין עהרען וואָרט, אַז כ׳וועל אייך אַלעס, ביז דער לעצטער קאָפּיקע בעצאָהלען. איהר ווייסט דאָך, דער צוואַנציגסטער איז שוין פאַר דער נאָז,—האָט ער מיט אַ שמייכעלע צוגעגעבען. פאַר דער נאָז,האָט ער נאָכאַמאָל,—אַקצענטירענדיג איבערגעזאָגט, אַ קלאַפּ געבענדיג זיך לייכט מיט׳ן פינגער איבער דער נאָז, און האָט זיך צעלאַכט. חנה׳קע האָט אויך אַ שמייכעל געטהון.

—נו, צום ווידערזעהען!

ער האָט זיך פערנויגט, און איז אַוועקגעגאַנגען עטליכע טריט צו דער טהיר, נאָר פלוצים האָט ער זיך צוריק אומגעקעהרט צום בופעט, האָט, זעהר אומגעלומפערט דערלאַנגט חנה׳קען די האַנד, האָט אַ שמייכעל געטהון און איז אַרויסגעגאַנגען, פערפלאָנטערענדיג זיך אומגעשיקט ביי דער טהיר.

ז

אין אַ קנאַפּע שעה אַרום איז אַקסעניע צוריק אַריינגעקומען. נאָר ס׳איז שוין נישט געווען די זעלבע אַקסעניע, וועלכע איז פריהער דאָ געזעסען פערטראַכט און תּמע׳וואַטע. זי איז געקומען

אַריינצולויפען אין שענק אַ פרעהליכע, אַ לעבעדיגע, מיט אַ דרייס-טען בליק און עפעס זעהר שטאַרק פערנומען.

—אַ האַלבע קוואַרט מיט אַ „צוגאָס״! (ד. ה. מיט ספירט)— האָט זי בעפעהלעריש אויסגערופען, צולויפענדיג צום בופעט און גלייך צוריק צוגעלאָפען צו דער טהיר, וועלכע זי האָט פריהער געלאָזט אָפען.

—ראָזאַלקע! קום-זשע! גיכער!—האָט זי אַ געשריי געטהון.

איילענדיג, מיט קליינע טריטעלעך, איז ראָזאַלקע, אַ פרוי פון אַ יאָהר פינף און דרייסיג, געקומען אַריינצולויפען אין שענק. זי איז געווען אַ קליינע, אַ דיקע, מיט אַ פלאַטשיגע נאָז און מיט נאַרישע אויגעלעך. פון קאָפּ ביז די פיס איז זי געווען אַרומגעהילט אין שמאַטעס און שמוציגע וואַטע, אויפ׳ן האַלז האָט זי געטראָגען עטליכע טאַרבעס. איינגעבויגענערהייד איז זי אַריינ-געלאָפען נאָך אַקסעניע׳ן צום בופעט.

—נו, ראָזאַלקע, „פערגיס״!..—האָט אַקסעניע אַ געשריי גע-טהון, נאָר פלוצים איז זי געבליבען שטעהן פערוואונדערט, בע-מערקענדיג, אַז חנה׳קע קלויבט זיך נישט אָנצוגיסען קיין בראָנפען.

פאַרוואָס-זשע גיסטו נישט אָן? אַ האַלבע קוואַרט!

—און געלד האָסטו?—האָט חנה׳קע זי געפרעגט.

—ניין! כ׳האָב נישט קיין געלד! כ׳וויל דיך אָבנאַרען!— האָט אַקסעניע אויסגערופען נישט אויפגערעגט און נישט בעליי-דיגט, און האָט געוויזען אַ הויפען קופערנע מטבעות. נו, דו גלויבסט שוין? האָב איך געלד?—האָט זי שוין בייז צוגעגעבען.—גיס אָן!

—גיב-זשע געלד!

—און „מכה׳לעך״ ווילסטו נישט, חנה׳קעלע!—האָט אַקסע-ניע נאָך מעהר אויפגערעגט אויסגעשריען, ס׳געלד וועסטו צונעה-מען און קיין בראָנפען וועסטו נישט געבען—איך וויים שוין!

—געדענק, אַקסעניע,—האָט חנה׳קע בייז געזאָגט, אַז דו וועסט נאָכאַמאָל אַפילו פגר׳ען, בעטען זיך, וועל איך דיר שוין אויך נישט גלויבען! קיין האַלבען גראָשען וועל איך דיר נישט באָרגען! געדענק!... קויף בעסער אויס פאַר דעם געלד דעם קאָפּ-

טאָן דיינעם! דו הערסט? גיב אָהער דאָס געלד!—האָט זי בע-פעהלעריש צוגעגעבען.

אוי, כ׳וועל דאָך נישט געבען, כ׳וועל דאָך נישט געבען!—האָט אַקסעניע פּלוצים פרעהליך אָנגעהויבען זינגען און גענומען טאַנצען נעבען בופעט. וועלענדיג, ווי ס׳ווייזט אויס מיט דעם פּערריכטען איהר פריהערדיג האַנדלען געגען חנה׳קען.

—אַקסעניע! איך הייס דיר אויסקויפען דעם קאַפּטאַן!—האָט חנה׳קע נאָכאַמאָל בעפעהלעריש געזאָגט.

—נו, חנה׳קעלע, בעט גלייכער נישט!—האָט אַקסעניע בע-טענדיג, אָבער אויך גלייכצייטיג ענערגיש געענטפערט. כ׳וועל דיר, גלויב מיר, נישט געבען! צוואַנציג קאָפּיקעס האָב איך—דאַרף איך און ראָזאַלקע טרינקען... גיב האַרציגע!... וועסטו נישט געבען וועל איך געהן אין אַ צווייטע שענק!—האָט זי ענטשלאָ-סען צוגעגעבען.

—נו, געדענק-זשע!—האָט חנה׳קע געזאָגט און איהר אַנגע-גאָסען בראָנפען.

אַקסעניע האָט שנעל אַנידערגעוואָרפען אויפ׳ן טיש צוועלף קאָפּיקעס, האָט צעגאָסען דעם בראָנפען אין צוויי גלעזער און האָט איינס דערלאַנגט ראָזאַלקען.

—טרינק! אַך, גאָט מיינער, האָסט זיך ביז איצט נאָך נישט „פערגאָסען״!—האָט זי מיט מיטגעפיהל אויסגערופען און האָט האַסטיג, מיט איינמאָל, אויסגעטרינקען איהר גלאָז.

—אָ־אָך, כ׳זאָג דאָך דיר... האַרציגע, כ׳קען נישט!... האָט ראָזאַלקע קרענקליך אָבגעקרעכצט.-גיס שוין... דו אַליין מיר אַריין... אָך, כ׳וועל נישט קענען...

—שטעה! זעץ זיך!—האָט אַקסעניע בעפעהלעריש און מו-טערליך געקאָמאַנדירט. אַזאַ ראָלע איז איהר ווייזט אויס, געפע-לען געוואָרען, זיץ! איך וועל דיר אַריינגיסען אין מויל אַריין. וועסט אַליין נישט קענען, כ׳ווייס!—האָט זי מיט אויטאָריטעט צוגעגעבען.

זי האָט ראָזאַלקען אַריינגעגאָסען דעם בראָנפען, ווירקליך, ווי אַ מבין. מיט איין האַנד האָט זי איהר דעם קאָפּ אונטערגע-

האַלטען און מיט דער צווייטער האָט זי ביסלעכווייז פון גלאָז, לאַנגזאַם, געגאָסען ראָזאַלקען אין האַלז אַריין. ראָזאַלקע האָט נער- וועאיש געשלינגען, האַסטיג זיך פערכלינעט און מיט׳ן גאַנצען קערפּער זיך געוואָרפען.

—ביז אין קבר אַריין, וועל איך דיך, אַקסעניושקע, נישט פערגעסען!... האָט ראָזאַלקע אָבזיפצענדיג מיט אַ צעבראָכענע שטים געזאָגט.

—ווּעסט נאָך טרינקען?—האָט אַקסעניע שוין צערטליך ביז גאָר, אויסגערופען—רעד! כ׳קויף שוין! כ׳האָב נאָך אַכט קאָפּיקעס!

—ניין, אַקסעניושקע, אַ דאַנק דיר! אָך, אַ דאַנק דיר, טייע- רע שוועסטער מיינע!—האָט ראָזאַלקע סענטימענטאַל געענטפערט, אַרומגענומען אַקסעניען און שטאַרק און זאַפטיג זיך מיט איהר צעקושט.

—ווּעסט געהן מיט מיר שבת איבער די קלייטען?—האָט אַקסעניע זי געפרעגט, בעפרייענדיג זיך פון איהרע אָרעמס און נישט וואַרטענדיג אויף קיין ענטפער, האָט זי אויסגעשריען: נו, ווּעסט נישט טרינקען, וועל איך אַליין אויסטרינקען. חנה׳קע, גיס אָן אַ „סאָטע״ ספירט!—האָט זי אויסגערופען, צושפּרינגענדיג צום בופעט און אַנידערוואַרפענדיג געלד אויפ׳ן טיש—און אויך קוכען צו פערבייסען!

חנה׳קע האָט מיט שווייגענדיגען פּראָטעסט איהר אָנגעגאָ- סען און דערלאַנגט איהר דעם בראָנפען. אַקסעניע, וועלכע האָט זיך איצט געריכט אויף אַ נייעם פּראָטעסט און זידלערייען פון חנה׳קען, איז געריהרט געוואָרען און זי האָט ווייך געזאָגט:

—חנה׳קעלע, טייערע, זייט נישט בייז! כ׳שווער דיר, אַז כ׳וועל ביז די לעצטע שמאַטע אויסקויפען...

זי האָט גענומען דעם בראָנפען און צוגעטראָגען צום מויל, נאָר באַלד האָט זי צוריק אַוועקגעשטעלט אויפ׳ן טיש:

חנה׳קעלע!—האָט זי אויפריכטיג געזאָגט,—דעם גענעראַל האָט מען דאָך נאָך נישט אַרויסגעטראָגען! זאָל איך שטאַרבען אויפ׳ן אָרט, מ׳האָט איהם נאָך נישט אַרויסגעטראָגען! די צוואַנ- ציג קאָפּיקעס האָט מיר אַ „באַרין״ געגעבען! אָך!—האָט זי פּלוצים

פּאַטעטיש וויינענדיג אויסגערופען אויסדרעהענדיג זיך צום פענס-טער דורך וועלכען מ׳האָט געזעהען די צערקווע. אָך, זאָל איהם גאָט געבען געזונד און גליק!... גאָטעניו!—האָט זי נאָך העכער אויסגעשריען און געגומען זיך צלמ׳ען—גיב איהם, מיט זיין ווייב, מיט זיינע קינדער, אַלדאָס, אַלדאָס, אַלדאָס גוטס!! גאָטעניו-יו-יו!...

זי האָט, ווייזט אויס, זיך געגרייט נאָך לאַנג אַזוי צו צי-הען, די אויגען זענען איהר שוין פיילט געווען, אָבער אין דער זעלבער סעקונדע איז אין שענק אַריינגעלאָפען אַן אַכט יעהריג, אָבגעריסען, ברודיג יונגעלע און סאַפּענדיג האָט ער אויסגעשריען:

—אַקסעניע! ראָזאַלקע! מ׳וועט איהם באַלד אַרויסטראָגען!...

אַקסעניע האָט שנעל אויסגעטרינקען דעם בראָנפען און איז צוזאַמען מיט ראָזאַלקע׳ן אַרויסגעלאָפען.

## II

# שטענדיגע געסט

## א

פון שענק האָט זיך רוישיג און פרעהליך אַרויסגעשיט אַ שיכורער עולם און זיך צעגאַנגען איבער די הינטער-געסלעך, טאָפּ-טשענדיג אין דער שיטערער בלאָטע.

אין שענק זענען אויסער די שענקערינס, נאָך איבערגעבלי-בען צוויי שטענדיגע קליענטען פון „תהום": די בעטלערין אַק-סעניע און גלאַשקע. די ערשטע איז געווען אַ געזונדטע פרוי פון אַ יאָהר פערציג, אָנגעטהון אין בלויז שמאַטעס, אַ צעשויבערטע, מיט אונטערגעהאַקטע אויגען, איז זי געזעסען אויף דער ערד און אין שכור׳ער צעמישטקייט, אויסגעשריען אַלע מאָל אומפערשטענד-ליכע ווערטער און פראַזען. גלאַשקע, אַ מיידעל פון אַ יאָהר פינף און צוואַנציג, אַ דאַרע, אַ נערוועאישע, מיט אַ זעהר איינגעפלאַטש-טע נאָז און פיבערהאַפט ברענענדע אויגען, איז נישט ווי געוועהנ-ליך, געווען ניכטער׳ן און האָט העפטיג געקראַצט די פּאָדלאָגע מיט אַנ׳אייזערנער לאָפּאַטע, אָראָבקראַצענדיג שטיקער בלאָטע.

הינטער׳ן בופעט אויף די פּאָליצעס, האָט מלכה צעשטעלט לעדיגע פלעשער, וועלכע חנה׳קע האָט איהר דערלאַנגט.

פון דער וואוין־העלפט איז אַרויסגעקומען דער שענקער, מלכּה׳ס זוהן און חנה׳קעס פּאָטער, אַ הויקערדיגער יודעל מיט אַ פערפּלאָנטערט, געל בערדעל. וואַרפענדיג אַ בייזען, אומרוהיגען בליק איבער דער שענק, איז ער צו הינטער׳ן בופעט און האָט גענומען צעהלען דאָס געלייזטע געלד פון קאַסע.

—לייב,—האָט זיך מלכּה צו איהם געווענדעט, אפשר וואָלסטו אַ שעה צייט געזעסען ביים בופעט, חנה׳קע דאַרף געהן אין „פּאָדוואַל" (בראָנפען מאַגאַזין) נאָך בראָנפען און איך וויל זיך אַביסעל צולעגען אָברוהען.

—איך האָב קיין צייט נישט—האָט לייב קאַלט און אָבגעהאַקט געענטפערט, כ׳האָב שוין מעהר נישט וואָס צו טהון, נור צו זיצען ביים בופעט. חנה׳קע וועט נאָך בעווייזען אין אָווענד צו געהן נאָך בראָנפען—האָט ער צוגעגעבען אָנטהועדיג דעם מאַנטעל.

אַלס בעל־הבית פון שענק, איז לייב, פונדעסטוועגען, זעלטען געווען אין דער היים. ער האָט זיך געהאַט זיינע געשעפטען, געשעפטען ערנסטע, גרויסע און האָט זיך צו דער שענק בעצויגען מיט אַ געוויסער פעראַכטונג, ווי צו אַ „גראָשענדיג געשעפט" וועלכעס פּאַסט נאָר פאַר ווייבער.

—נעהמט צו דאָס האַנדטוך, מ׳וועט עס צוגנב׳נען!—האָט ער פערבייגעהענדיג צוגעוואָרפען און איז שנעל אַרויס.

גלאַשקע האָט אָבגעקראַצט די בלאָטע פון דער פּאָדלאָגע, האָט עס צונויפגענומען אין אַ קופּע און אַרויסגעטראָגען אויפ׳ן הויף. בעקומענדיג פאַר איהר אַרבייט אַ פּאַפּיראָס, האָט זי פערריכערט און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק אַנ׳ערנסטע און רוהיגע, ווי אַ מענש, וועלכער האָט געוויסענהאַפט ערפילט זיין חוב. באַלד האָט איהר חנה׳קע איבערגעגעבען אַ צווייטע, נאָך מעהר וויכטיגע שליחות: אָבצוטראָגען אַ לעדיג פעסעל אין „פּאָדוואַל". שווייגענדיג און ערענסט, נאָר מיט גרויס צופרידענהייט, האָט גלאַשקע גענומען דאָס פעסעל. זי איז געווען שטאָלץ מיט דעם צוטרויען וואָס מ׳האָט איהר אַרויסגעוויזען. אַ חוץ דעם האָט זי געוואוסט, אַז אין „פּאָדוואַל" וועט זי בעקומען אַ שנעפּסעל און

אויף חנה׳קע וועט איהר איינס געבען פּאַר׳ן וועג.

עס איז צריינגעקומען אַ היכער, דאַרער יוד פון אַ יאָהר דרייסיג, האָט זיך פלעגמאַטיש אַרומגעקוקט, איז צוגעגאַנגען צום בופעט און אַנידערלעגענדיג פינף קאָפּ. אויפ׳ן טיש, האָט ער שווייגענדיג, אָנגעוויזען מיט דער גאָמבע אויפ׳ן פעסעל. חנה׳קע האָט איהם אָנגעגאָסען אַכוס׳ע.

—אין דער פריה האָט איהר צוגעבאָרגט צוויי קאָפּיקעס, רב מיכל,— האָט איהם חנה׳קע דערמאָנט.

מיכל האָט קאַלט אויף איהר אַ קוק געטהון.

—וועסט נישט פערשפּעטיגען—האָט ער אַרויסגעזייט דורך די ציין, האָט אַ שפּיי געטהון אָן אַ זייט און, מיט אַ ציטערענדיגע האַנד גענומען דאָס גלעזעלע און מיט איינמאָל אויסגעטרונקען.

ער האָט נאָך נישט בעוויזען צוריק אַנידערצושטעלען דאָס גלעזעלע אויפ׳ן טיש, ווי אין שענק איז אַריינגעפאַלען זיין ווייב, אַ קליינע, דאַרע פרוי, מיט אַ שפּיציגער נאָז, מיט בייזע, שטעכעדיגע אויגעלעך. זי איז צוגעגאַנגען צום מאַן און מיט אַ גיפטיגע איראָניע געזאָגט:

אַ כוס׳על? אין גרגרת׳על איז דיר טרוקען געוואָרען? דאַרפסט עס אַדורכנעצען? ס׳ווילסט כוס׳עלע איז שוין היינט? האָ?

—ס׳פּופ-צע-ענטע... — האָט מיכל געענטפערט גאַנץ קאַלט-בלוטיג.

—אוי-אוי עכברוש! עכברוש! וואָלסט זיך כאָטש פּאַר מענשען געשעמט „פּופּצעהן" !...

מיכל האָט מיט ביטול אַ קוק געטהון אויפ׳ן ווייב און האָט זיך מאָנאָטאָן צעלאַכט.

מלכה און חנה׳קע האָבען צווישען זיך געשמועסט און האָבען זיך געמאַכט ווי זיי בעמערקען נישט די סצענע צווישען דעם פּאָרפאָלק; נור מיכל׳ס ווייב האָט מיט איהר שאַרפען בליק אויפגעכאַפּט דאָס לייכטע שמייכעלע וועלכעס איז אַריבער איבער חנה׳קעס ליפּען.

—אוי, שכור, שכור!—האָט זי זיך צעשריען. זעה, זייטיגע

מענשען לאַכען דאָך פון דיר, אין די אויגען לאַכט מען דאָך פון דיר!

—דאָס לאַכט מען עס פון דיר—האָט ער ווי פריהער, קאַלט-בלוטיג געענטפערט. דערנאָך, האָט ער זיך רוהיג אַנידערגעזעצט, האָט אַרויסגענומען פון טאַש דעם פּאַרטסיגאַר, האָט גענומען אַ פּאַפּיראָס, מיט'ן מונדשטיק אַ קלאַפּ געגעבען איבער'ן נאָגעל און פּעררויכערט.

—וואָס האָסטו זיך ערשט אַוועקגעזעצט? נאָך נישט צייט אַהיים צוגעהן וואַרמעס עסען?—האָט זי זיך מיט אַנ'איינגעהאַל-טענעם כּעס געפרעגט.

—איך בין זאַט, קוקענדיג אויף דיר—האָט איהר מיכ֗ל גע-ענטפערט.

—טפו! די כּפּרה זאָלסטו זיין, שכּור, משומד, מיאוס חזיר!—האָט מיכל'ס ווייב, אויסער זיך פאַר כּעס, אויסגעשריען און איז אַרויסגעלאָפען פון שענק, אַ קלאַפּ געבענדיג מיט דער טהיר.

די באָבע מיט'ן איינִיקל האָבען שווייגענדיג, נאָר בעדיי-טונגספול זיך איבערגעקוקט.

מיכל האָט רוהיג דערענדיגט רויכערען דעם פּאַפּיראָס און איז ווידער צוגעגאַנגען צום בופעט.

—גרעפין!—האָט ער מיט ביטול געזאָגט, ווענדענדיג זיך צו חנה'קען און אַנידערלעגענדיג אַ צעהנער אויפ'ן בופעט האָט ער ווידער געמאַכ֗ט דעם פריהעריגען זשעסט.

ער האָט אויסגעטרינקען און גלייך אַרויסגעגאַנגען.

ווי נאָר ער איז אַרויס, האָט אַקסעניע, אַ פּאַטש געבענדיג מיט דער האַנד אָן דער פּאָדלאָגע, זיך צעלאַכ֗ט מיט אַ שכּור געלעכ֗טער.

—אוי! מלכּה'שי! אוי! חנה'קעשי! אוי, כ'שטאַרב פון גע-לעכ֗טער!—האָט זי זיך געריסען—ווי זיין ווייב האָט דאָס איהם!... ווי ער האָט דאָס זיין ווייב!... כאַ-כאַ-כאַ!

—אַקסעניע, ליבינקע, האַרציגע!—האָט חנה'קע זיך צו איהר געווענדעט מיט אַ בקשה,—טהו מיר די טובה, געה אַוועק לאָטש אויף איין האַלבע שעה! דערמאָן זיך נאָר: פון סאַמע אין דער

פריה אָן זיצסטו דאָ און נאָר דו רעדסט, און רעדסט, און רעדסט! מ׳קען דאָך משוגע ווערען!... לאָז אונז זיך כאָטש איין האַלבע שעה בלויז אָברוהען!—האָט זי מיט אויפרעגונג צוגעגעבען.

—נו, נו, חנה׳טשקע! נו, כ׳געה, כ׳געה שוין, כ׳געה שוין!—האָט אַקסעניע פּרעהליך געענטפערט און צונויפנעהמענדיג איהרע סאָר-בעס וועלכע האָבען זיך נעבען איהר געוואַלגערט אויף דער ערד, האָט זי זיך מיט מיה אויפגעהויבען פון דער פאָדלאָגע,—כ׳געה, חנה׳קעלע! כ׳געה זיך צולעגען שלאָפען אין שטאָל ביי אונזער ליב קוהעלע!—האָט זי מיט היץ צוגעגעבען.

—געה, וואוהין דו ווילסט, אַבי געה!

ווען אַקסעניע איז אַרויס, האָט חנה׳קע געזאָגט צו מלכה׳ן, דערמאָנענדיג מיכל׳ען:

—ער האָט נישט פיל מגזם געווען, ווען ער האָט זיין ווייב געזאָגט, אַז ער טרינקט שוין די פופצעהנטע כוס׳ע. וויפיל האָט ער ביי דיר געטרינקען אין דער פריה?

—צוויי,—האָט די אַלטע געענטפערט.

—און ביי מיר האָט ער אין דער פריה גענומען דריי און איצט צוויי, האָסטו שוין זיבען. ביז נאַכט וועט ער נאָך דער-ציהען ביז פופצעהן...

פע! אָנקוקען קען איך נישט אַ יוד אַ שכור!—האָט די אַל-טע מיט עקעל אויסגעשריען.

## ב

ין שענק איז אַריינגעקומען, צוהינקענדיג, אַנ׳אָרימע, אָב-געריסענע. עלטערע פרוי. הינטער׳ן אָרעם האָט זי געהאַלטען אַ פול אָנגעפּאַקטע טאָרבע. זי האָט געוואָרפען אַ דורכדרינגליכען, פער-דעכטיגען בליק איבער׳ן שענק און, איבערצייגענדיג זיך אַז עס איז קיינער נישטאָ אויסער דער שענקערין, איז זי צוגעגאַנגען צום בופעט און שווייגענדיג געבליבען שטעהן, ווי זי וואָלט אויף עפעס געוואַרט.

—וואָס?..—האָט חנה׳קע די געפרעגט פאַרשענדיג.

—ס׳איז קיינער נישטאָ?—האָט די בעטלערין שנעל און שעפּ־טשענדיג געפרעגט און זיך אַרומגעקוקט.

—קיינער נישט...—האָט איהר חנה׳קע געענטפערט און זיך אויך אַרומגעקוקט.

די בעטלערין האָט געוויזען אויף דעם פולען זעקעל.

—ווערסט קויפען?...

—וואָס איז דאָרט?

—קום, ווערסט בעקוקען... און די בעטלערין האָט זיך גע־לאָזט געהן צו דער קיך.

מלכה האָט שאַרף, כאָטש מכלומר׳שט גלייכגילטיג, נאָכגע־קוקט דער בעטלערין און געזאָגט צו חנה׳קע׳ן אויף יודיש:

—גיב אַכטונג אויף איהר... דאָס איז פייער...

—כ׳וויים,—האָט חנה׳קע געענטפערט און איז נאָכגעגאַנגען דער בעטלערין אין קיך אַריין. די אַלטע איז אויך אַריינגעקומען.

מיט אַ געניטע האַנד האָט די בעטלערין אויפגעבונדען דאָס פול אָנגעפּאַקטע זעקעל און אַרויסגעשאָקעלט פון דאָרט אַן׳ערך צעהן שטיקלעך ווייסע וועש, נאָך נאַסע פון וואַשען. דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צום אויווען און גענומען אונגעדולדיג און צוטרויליך וואַרטען אויף דער עקספּערטיזע.

חנה׳קע און מלכה האָבען געגוי בעטראַכט די וועש, גע־פּרובט זי רייסען, בעקוקט זי אויף דער ליכט.

—האָלענדישע...—האָט די אַלטע, מיט אַ לייכט ציטערדיגע שטים, אַ שעפּטשע געטהון אויף יודיש.

—און נאָך אינגאַנצען נייע...—האָט איהר חנה׳קע מיט׳ן זעלבען טאָן געענטפערט.

—קוק, וויפיל דו ווילסט—דאָס איז ערשטער סאָרט וועש!—האָט די בעטלערין רוהיג זיך אָנגערופען.

—וויפיל זאָל איך דיר געבען פאַר די שמאַטעס?—האָט די אַלטע, מיט ביטול און מיט אַ געוויסער אויפרעגונג איבערגעפרעגט.

—שמאַטעס! און דו האָסט ביי דיר אין קופערט בעסערע וועש?—איז די בעטלערין אויפגעבראַכט געוואָרען.

—נו, גוט, גוט! זאָג זשע גיכער: וויפיל?—האָט איהר די אַלטע אומגעדולדיג איבערגעשלאָגען...

—גיב צוויי רובל!—האָט די בעטלערין, ווי בעטענדיג גע־זאָגט.—כ'שווער דיר, די וועש איז ווערט צעהן רובל.

—צוויי רובל?!—האָט די אַלטע, טיעף אויפגערעגט, כמעט מיט שרעק אויסגערופען.

און, כאַפענדיג איילינג די וועש אין קופּע האָט זי עס גענומען איינשטופּען דער בעטלערין.

—נעהם, חזיר, דיינע שמאַטעס, נעהם! געה צום טייוועל, געה! האָסט געזעהען! צוויי רובל! זי איז משוגע געוואָרען!

—וואַרט, זאָג, וויפיל גיסטו?—האָט די בעטלערין איבער־געשראָקען געפרעגט, אָבשטופּענדיג פון זיך די וועש.

—דרייסיג קאָפּיקעס!—האָט הנה'קע ענטשלאָסען זיך אָנגע־רופען—מעהר קיין גראָשען גיב איך נישט! דאָס איז שוין אויך צופיל!... מ'קען נאָך אַמאָל אַריינפאַלען מיט דער מציאה... האָט זי צוגעגעבען, פּערדעכטיג זיך אַרומקוקענדיג.

—ניין, ניין!... דערפאַר האָב קיין מורא נישט, בעאונרוהיג דיך נישט!...—האָט זי שטיל איינגערוימט און האָט בעטענדיג צו־געגעבען: גיב כאָטש פופציג קאָפּיקעס!

—הער אויף צו דולען אַ קאָפּ!—האָט חנה'קע אויף איהר אַ געשריי געטהון.—דאַנק מיר, וואָס כ'גיב דיר דרייסיג קאָפּיקעס... ס'וועט נאָך ווער אַריינקומען! גיכער!

און זי האָט זיך אומגעקוקט אויף דער טהיר.

—נו, נעהם, זאָל עס בלייבען ביי דיר!—האָט די בעטלערין זיך ענטשלאָסען.

—סוחר'טע!—האָט די אַלטע אָנגעבייזערט זיך אויף יודיש.—וואָס האָסטו זיך געאיילט? זי וואָלט עס פאַר צוואַנציג קאָפּיקעס אויך אַוועקגעגעבען...

—נו, גוט, גוט! דו ביזט דאָך קיינמאָל נישט צופרידען—האָט איהר חנה'קע אויפגערעגט איבערגעשלאָגען.

—פשוט, גענומען און אַרויסגעוואָרפען געלד...—האָט די אַל־טע געמורמעלט.

חנה׳קע האָט צוגענומען די װעש און אָװעקגעטראָגען עס אין דער װאוינונג.

—פּערטרינק כאָטש דאָ, בײַ אונז, די דרײַסיג קאָפּיקעס,— האָט מלכּה געזאָגט צו דער בעטלערין, — טראָג זײ נישט אַװעק אין אַן׳אַנדערער שענק.

—כ׳װיל עסען אױך—האָט די בעטלערין געזאָגט.

—עסען?—האָט זיך מלכּה, װי דערפרעהט.—איך האָב איצט פיש, װאָס צעגעהען זיך אין מויל! טעם גן-עדן! נעהם דיר צװײ שטיקלען, כ׳װעל זײ דיר מיט פיש-יוך בעגיסען, נעהם דיר צו צװײ זעמעל...

—נו, גיב אַהער... און אַ האַלבע קװאָרט אױך, װעט אַקוראַט זײַן דרײַסיג קאָפּיקעס...

בעקומענדיג דעם בראָנפען און די פיש, האָט די בעטלערין זיך געזעצט עסען מיט אַפּעטיט.

הינטער דער טהיר האָט זיך דערהערט אַ הויך געשרײ און באַלד דערנאָך איז גלאַשקע אַרײַנגעלאָפען אין שענק אַרײַן, אַ בלאַסע, אַ פערסאָפּעטע און געזוּלט זיך אַ װינקעל װאו צו בעהאַלטען. נאָך איהר איז אַרײַנגעפאַלען אין שענק אַרײַן איהר מוטער, אַקולינע, אַ רויטע, אַ צערײַצטע און זיך געװאָרפען נאָך איהר.

—ניי-ן! טאָכטערעל, װאַ-אַרט נאָר! ניי-ן!—האָט זי אויפגערעגט געשריען און זיך בעמיהט זי צו כאַפּען.

—װאָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט, אויסװאורף! בײַז אָנשיקעניש! װאָס װילסטו פון מיר האָבען!—האָט גלאַשקע װײנענדיג געשריען, לויפענדיג פון איין װינקעל צום צװײטען.

—גיי-ז, טאָכטערעל ליבס, װעסט נישט אַנטלויפען!—האָט אַקולינע סאַפּענדיג געשריען.

און כאַפּענדיג גלאַשקען פאַר׳ן קאָלנער האָט זי מיט אַלע כּוחות איהר גענומען שלעפּען צו זיך.

—אַכט קאָפּיקעס גיב אַהער, דו חיה דו! הערסט? און מיין קאַפּטאַן ברענג מיר אָב!

—פאַרוואָס קומט דיר אַכט קאָפּיקעס?!—האָט גלאַשקע גע-שריען, רייסענדיג זיך פון איהר. דו האָסט נישט פערקויפט מיין קליידעל און פערטרונקען? געמיין שטיק! עס שמעקט דיר נאָך? ס׳שמעקט דיר? האָסט נאָך ווייניג היינט אויסגעטרונקען? אַנ׳אַנ-דערער דאַרף אַפילו נישט צו „פערגיסען״! דו אויסוואורף! לאָז אָב!!

אַקולינע, אַ שרעקליך צערייצטע, האָט אָבגעלאָזט גלאַשקעס קאָלנער און איז איהר פערפאָהרען מיט דער גאַנצער גראָבער האַנד איהרער אין פּנים אַריין. גלאַשקע האָט אַ געשריי געטהון און איז מיט די הענד אַריינגעקראָכען אין אַקולינעס האָר. עטליכע מינוט האָבען זיי זיך העפטיג געריסען. אַקולינען איז אַרויסגע-טרעטען אַ ווייסע שוים אויפ׳ן מויל. גלאַשקע האָט געהאַט אַ צע-בלוטיגט פּנים. אויף איין מינוט האָבען זיי זיך אָבגעלאָזט, ווי זיי וואָלטען געוואָלט אָבאָטעמען כדי זיך דערנאָך, מיט נאָך מעהר אימפּעט צו וואַרפען אויף אייננאַנדער און מיט אַמין פלייסיגקייט גענומען רייסען איינע פון דער צווייטער די שמאַטעס.

—האַ!... אויף אַ מאַמע אַזוי!... אויסגעהאָרעוועט אַ טעכ-טערל!... אָך!...—האָט אַקולינע, קוים אָבאָטעמענדיג, געשריען.

זיי האָבען זיך נאָך לאַנג אַזוי געריסען, געפאַלען, אויפ-געשטאַנען, און ענדליך, פערלירענדיג די כחות, האָבען זיי זיך נאָכגעלאָזט, געבליבען שטעהן אין מיטען שענק, צעשויבערטע, פערבלוטיגטע, שווער סאַפּענדיג.

—פאַסקודניצע!... גיב כאָטש זעקס קאָפּיקעס!—האָט אַקולינע שוין רוהיגער געזאָגט, זעהענדיג, אַז מיט בייזען וועט זי ביי דער טאָכטער קיין געלד נישט בעקומען.

גלאַשקעס צעבלוטיגט, בלוי-געוואָרען געזיכט, איז פּלוצלונג אויסגעקרומט געוואָרען פון כעס. בליץ-שנעל האָט זי פון בוזעם אַרויסגעכאַפּט אַ פערקניפּט טיכעלע, געשווינד, מיט די נעגעל און מיט די ציין עס אויפגעבונדען און האַסטיג אַ וואָרף געטהון דער

מוטער אין פּנים אַריין עטליכע קופּערנע מטבעות.

—נאַ, געמיינע בעסטיע!—האָט זי אין טיעפען צאָרען גע-שריען.—נאַ דיר די גאַנצע צוועלף קאָפּיקעס! ווער דערוואָרגען מיט זיי! פערגיס דיר דיינע מיאוסע אויגען! דו רייסט ביי מיר אויס, אויסגעריסען זאָלסטו ווערען, בלוטזויגערין! דו האָסט מיך שוין אָנגעטרונקען! מיט בלוט האָסטו מיך אָנגעטרונקען!

און זי האָט זיך ביטער צעוויינט.

אַקולינע, ערשטוינט פון דער טאָכטער׳ס אומגעריכטער גוטס-קייט—האָט זיך פריהער ווי פערלוירען, נור באַלד איז זי צו זיך געקומען און גענומען אויפקלויבען פון דער ערד די מטבעות.

זי איז צוגעגאַנגען צום בופעט און מיט אַ טאָן פון אַ בע-ליידיגטער, האָט זי גענומען ריידען:

—האַ, מלכה׳שי? זעהסט וואָס פאַר אַ טאָכטערעל איך האָב אויסגעהאָדעוועט? מיט מיין בלוט געקאָרמעט? האַ?... גיב אַ האַל-בע קוואָרט!—האָט זי פּלוצלונג איבערגעריסען איהרע טענות און דערלאַנגט מלכה׳ן געלד.

בעקומענדיג בראָנפען, האָט זי מיט פערגעניגען גענומען לאַנגזאַם טרינקען.

אָבטרינקענדיג האַלב, האָט זי אַנידערגעשטעלט די כלי אויפ׳ן טיש, האָט אָבגעזיפצט, אַרומגעקוקט זיך, און נאָך אַ ווײַלע וואַק-לען זיך, האָט זי נישט קוקענדיג אויף גלאַשקען, רוהיג געזאָגט:

—נעהם, פּאַסקודניצע, טרינק אויס!

און איז צוגעגאַנגען צו דער לעזשאַנקע.

גלאַשקע, וועלכע האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף דער מוטער מיט ברענענדע אויגען, איז גאָרנישט געריהרט געוואָרען פון דער מוטער׳ס גרוימוטיגקייט. וואַרפענדיג אויף איהר אַ פערהאַסטען בליק, האָט זי אַרויסגעמורמעלט: בלינד זאָלסטו ווערען! און, צו-געהענדיג צום בופעט, האָט זי אַריינגעקוקט אין דער כלי צי ס׳איז נאָך עפּעס דאָ, און אויסגעטרונקען דאָס איבעריגע. דערנאָך האָט זי ביי מלכה׳ן גענומען אַ פּאַפּיראָס, פערריכערט און זיך רוהיג אַוועקגעזעצט אויף דער צווייטער עק באַנק. אויף וועלכער איהר מוטער איז געזעסען.

אין עטליכע מינוט ארום איז אקסעניע אריינגעקומען פון הויף, א שמוציגע, א צעשויבערטע, א פערשלאפענע.

די בעטלערין וועלכע האט טלכה׳ן פערקויפט די וועש און האט זיך די גאנצע צייט נישט אומגעקוקט אויף דעם געשלעג צווישען אקולינען און גלאשקען, האט איצט געענדיגט עסען. אויסגעטרינקען איהר בראנפען און קלויבענדיג זיך צום ארויסגעהן, האט זי א קוק געגעבען אויף אקסעניע׳ן און זי רוהיג געפרעגט:

—וואו האסטו זיך אזוי איינגעשמירט? און נישט ווארטענדיג אויף קיין ענטפער איז זי ארויסגעגאנגען.

—אין שטאל, ביי דער ליבינקער קוה בין איך געשלאפען—האט אקסעניע געענטפערט שטארק גענעצענדיג און אויסווישענדיג זיך די אויגען.

זי איז צוגעגאנגען צום בופעט און, דערלאנגענדיג געלד, האט זי לאקאניש א זאג געטהון:

— „סאטע“!

אויסטרינקענדיג, האט זי זיך אנידערגעזעצט אויף דער פאדלאגע און גענומען זיך גריבלען אין איהרע טארבעס.

## ד

זי טהיר האט זיך געעפענט פון א שטויס מיט׳ן פוס און אין שענק איז אריינגעקומען א מענש פון א יאהר פערציג, בויגענדיג זיך אונטער דער משא פון א פול זעקעל געלען זאמד. אין אנ׳אלטען פערלאטעטען, מיט זאמד בעשמוצטען שינעל, און אויסגעטרעטענע שטיוועל און—מיט א נייע היטעל, אויך, אין זאמד אויסגעשמירט.

צוגעהענדיג צו א טישעל, האט ער זיך אוועקגעשטעלט דערביי מיט׳ן רוקען, האט אראבגעלאזט די משא, אריבערגענומען איבער׳ן קאפ דעם שטריק מיט וועלכען ער האט דאס זעקעל געטראגען און האט זיך אויסגעגלייכט.

אויף דעם מאגערען, געלען און קרענקליכען געזיכט פון

דעם זייעם גאַסט איז געווען צו זעהען אַ שטאַרקע מידקייט, דער שטערן איז בעדעקט געווען מיט קליינע טראָפּענס שווייס, די אויגען האָבען געברענט מיט אַ שווינדזיכטיג פייערעל.

דאָס אַריינקומען, פון אָט דעם מענשען האָט אַריינגעבראַכט אַ גרויסע צערודערונג צווישען די בעטלערס אין שענק. אַקולינע, וועלכע איז ביז איצט געזעסען אומבעוועגליך, מיט האַלב פערמאַכטע אויגען און מיט אַ טעמפער גלייכגילטיגקייט אויפ'ן געזיכט, איז פלוצים צעטראָגען געוואָרען, זי איז געשווינד אויפגעשטאַנען און, כאַפּענדיג דעם שטעקען איהרען, וועלכער איז געשטאַנען ביי דער וואַנד, האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ פערטייגענדיגער פּאָזע, און אין איהרע פער'שכור'טע אויגען איז גלייכצייטיג געוועזען אַ בייז אַרויספאָדערענדיג פייערעל. גלאַשקע האָט זיצענדיג אויף איהר אָרט זיך אויסגעגלייכט און אָנגעשטעלט אויף דעם אַריינגעקומענעם אַ ברענענדיגען בליק פול שנאה. נור אַ בעזונדער שטאַרקען איינדרוק, האָט דאָס אַריינקומען פונ'ם נייעם גאַסט געמאַכט אויף אַקסעניע'ן. זי איז אויפגעשפרונגען, איינבויגענדיג זיך אויף אַלע פיער און אַ פּאַטש געבענדיג מיט די הענד אָן דער פּאָדלאָגע, האָט, זיך אויסגעגלייכט און שטאַרק צערייצט אויסגעשריען:

—דער זשוליק סטאַניסלאַוו איז דאָ!!

סטאַניסלאַוו האָט זיך, וואהרשיינליך, וועניג וואָס אַדורכגענומען מיט דעם קבלת פּנים, פערקעהרט, עס האָט אויסגעזעהען ווי ער וואָלט זי נישט בעמערקט אַפילו. ער האָט רוהיג, פעראַכטענד און שפּאָטיש אַ קוק געטהון אויף די בעטלערינס און האָט נישט הויך, מילד און גלעטענדיג-ווייך אַ זאָג געטהון:

—אַ-אַ, אַלע שלעפּערינס זענען דאָ, קיין איינע איז נאָך נישט געפּגר'ט?

און נישט וואַרטענדיג אויף קיין ענטפער איז ער צוגעגאַנגען צום בופעט:

—גוט מאָרגען, מלכה'לע! זאָמד ווערסטו נעהמען?—האָט ער געפרעגט מיט אַ מידע און נידערגעשלאָגענע שטים, אָבווישענדיג זיך דעם שווייס פון שטערן מיט'ן אַרבעל.

—כ'וועל נעהמען,—האָט מלכה געענטפערט,··אָבער נישט אויף

פינף קאָפּיקעס נאָר אויף פּיער, מיכאַילאָ ביט אויך אַוועק פאַר פּיער...

—מלכּה'לע—האָט ער געלאָסען און בעטענדיג גערעדט—דאָס שוואַרצע איז דאָך שווער צו בעקומען אַהערצו, ס'איז שווער אַזאַ ווייטען וועג צו טראָגען עס... דאָס איז דאָך אַזאַ שעהן זאַמד! אָ, זעה!

און נעהמענדיג אַ הויפען טרוקען זאַמד, האָט ער עס פּלינק, מיט אַ געניטע האַנד, שלענגעלדיג צעשיט איבער דער פּאָדלאָגע.

—עס זאָל אַפילו זיין גאָלד, וועל איך נישט געבען מעהר פון פּיער קאָפּיקעס—האָט מלכּה ענטשלאָסען געזאָגט.

—נו, נעהם צו—האָט סטאַניסלאַוו אָבזיפצענדיג איינגעשטימט. ער האָט אויסגעשיט דאָס זאַמד אין אַ ווינקעל און אומקעהרענדיג זיך צום בופעט האָט ער אַנידערגעלעגט דריי קאָפּיקעס.

—גיס אָן אַ „סאָטקע"!

אויסטרינקענדיג דעם בראָנפען, האָט ער ווי פריהער, אַ קוק געטהון אויף די בעטלערינס און האָט, זיך ווענדענדיג צו מלכּה'ן געזאָגט:

—מלכּה'לע! צו וואָס לאָזסטו די שלעפּערינס איבער דיין שוועל צריבער? פאַרוואָס יאָגסטו זיי נישט אַרויס?

—זשוליק! סטאַניסלאַוו זשו-ו-ליק!! גערענק!—האָט אַקסעניע אויסער זיך געשריען.

—גענעראַל!... געפגר'טע נבלה!... פּויליש בעשעפעניש!—האָט גלאַשקע חוצפּה'דיג און גיפטיג בייז געשריען.

—וואַרט, וואַ-אַ-ר-ט, קאַטאָרזשניק! איך האָב פאַר דיר אָנגעגרייט אַ גו-וטען שטעקען—האָט אַקולינע געשיפּעט.

סטאַניסלאַוו איז זיך רוהיג, נישט ענטפערענדיג און אַפילו קיין בליק נישט שענקענדיג זיי, צוגעגאַנגען צו דער לעזשאַנקע, האָט זיך אַנידערגעזעצט און ווענדענדיג זיך נאָכאַמאָל צו מלכּה'ן האָט ער געזאָגט:

—מלכּה'לע! וואָס שרייען זיי אַזוי, די שנאָרערינס, ווי משוגע'נע? וואָלסט זיי גלייכער אַרויסגעיאָגט אַלע פון דיין שטוב!

—אַנטיכריסט! דעם צלם זיינעם האָט ער ביי חיים׳ען פּער-זעצט!—האָט אַקולינע געשריען.

—אַהאַ, זשוליק! דעם צלם האָט ער פערמשכנט!—האָט אַק-סעניע זיך מיט אַלע כּוחות געריסען.

סטאַניסלאַוו האָט אויף איהר אָנגעשטעלט זיין שטרענגען בליק און האָט מיט אַ שמייכעלע געזאָגט:

—ווער האָט דאָס דיר, טייערע, אַזאַ לאַמטערן אונטער׳ן אויג געמאַכט?

—נישט דיין עסק!—האָט זי הויך אַ געשריי געטהון ווי זי וואָלט אַ קלאַפּ בעקומען.

—עך, שלעפּערינס, שלעפּערינס!—האָט סטאַניסלאַוו ווייטער גערעדט מיט פעראַכטונג און בעדויערונג, אָבער נאָך אַלץ מיט אַ רוהיג, גלעטענד־ווייכען טאָן.—נאָך וואָס לעבט איהר גאָר אויף דער וועלט. איהר האָט זיך אָנגעלעגט אויף פרעמד ברויט! קראַנק זייט איהר צו אַרבייטען, גלייך ווי אַלע מענשען? איהר זייט צעלאָזען געוואָרען, ווי די חזרים, איהר ווייסט נישט מעהר, נאָר ווי צו שכּור׳ען און אונטער׳ן בריק אַרומצושלעפּען זיך... נידער-טרעכטיגע אויסוואורפען וואָס איהר זייט! מ׳דאַרפט אייך אַלע אויף איין בוים אויפהענגען!...

ער איז אַנטשוויגען געוואָרען און אויסבויגענדיג זיך פאָר-אויס, האָט ער. אָבוואַרטענדיג, זיי אָנגעקוקט מיט זיין פיבערהאַפט, קרענקליכען בליק. ער האָט געוואוסט וואָס פאַר אַן׳איינדרוק זיינע ווערטער וועלען מאַכען און ער האָט זיך איצט געקוויקט מיט אַ ברענענדיג נקמה־געפיהל, אַליין נישט וויסענדיג פאַרוואָס.

און ער האָט ווירקליך קיין טעות נישט געהאַט. די זעלבע פאַרוואורפען, וועלכע די בעטלערינס וואָלטען גלייכגילטיג אויס-געהערט פון אַנ׳אַנדערען מענשען, נישט זייער׳ס גלייכען, האָט זיי איצט ווי אָבגעגאָסען מיט קאָלטעדיג וואַסער, ווען אַ „געפאַלע-נער מענש״, אַנ׳אָבגעריסענער, אַ היימלאָזער, אַ שכּור, ווי זיי, האָט זיי דאָס געוואָרפען אין פּנים אַריין, אַ מענש וועלכען זיי האָבען בשום אופן נישט געוואָלט אָנערקענען, אַלס העכער פון זיך, כאָטש ער איז קיין בעטלער נישט געווען. אָט דאָס דאָזיגע „נישט

אָנערקענונג״, איז אפשר געווען די הויפט סיבה פאַרוואָס סטאַ-ניסלאַוו האָט זיי אַזוי פערפאָלגט מיט זיינע זידלערייען.

סטאַניסלאַוו׳ס רייד האָט זיי אין גרעסטען כּעס אַריינגע-בראַכט. זיי האָבען אַלע מיט אַמאָל געשריען:

—„איך האָב אין וואַרשע אַ רייכע פאַמיליע״!—האָט גלאַש-קע הייזעריג שנעל נאָכגעמאַכט זיין שטים.—אַ „רייכע פאַמיליע״ האָט ער און אַליין קריגט ער זיך מיט „בעטלער׳ס״ אַרום!...

צו וואָס קריכסטו נאָר צו „בעטלער׳ס״?!

—בעטלערישע טאָרבע! בעטלערישע טאָרבע! ווייבערישע יובקע! בע-ע-ע!—האָט אַקסעניע אויסער זיך, זיך געריסען.

—„כ׳האָב אַ רייכע פאַמיליע״!—האָט גלאַשקע ווייטער גע-שריען—און אַליין איז ער דער גרעסטער שנאָרער. ביסט אַליין אויך אַ בעטלער און אונז זידעלסטו?!

די לעצטע ווערטער גלאַשקעס האָבען אויף סטאַניסלאַוו׳ען געווירקט. ער האָט מיט אַמאָל אויפגעהערט צו הערשען איבער זיך, אויף זיין געל פּנים זענען אַרויסגעטרעטען רויטע שווינדזיכ-טיגע פלעקען, אין די אויגען האָט זיך באַוויזען אַ בייז פייערל. אויפשפרונגענדיג פון דער לעזשאַנקע, האָט ער מיט אַ ציטערי-גער שטים אין וועלכער ס׳האָט געקלונגען כּעס און דראָהונג, געשריען:

—גלאַ-אַשקע!... היט זיך! וואו האָסטו מיך געזעהען בעט-לען?! איך וועל דיר ווייזען אַ בעטלען. אַז דו וועסט עס האָבען דריי יאָהר צו געדענקען און אויף׳ן פיערטען וועסטו פגר׳ען...

אָבער דאָ איז אַקולינע, מלא רציחה, צוגעשפרונגען מיט אַנ׳אויפגעהויבענעם שטעקען:

—פרוב זי נאָר אָנריהרען, קאַטאָרזשניק! פרוב נאָר אָנריה-רען מיין טאָכטער, דעם קאָפּ וועל איך דיר צעשפּאַלטען!

—א—א, זשוליק! ער האָט זיך געכאַפּט צו זיין׳ס גליי-כען!—האָט אַקסעניע געליאַרעמט, לויפענדיג איבער׳ן שענק—אַקו-לינע! דערלאַנג איהם מיט׳ן שטעקען! דערלאַנג איהם! אהאַ, זשוליק! ביסט אויך אַ „בעטלער״! אַ „בעטלער״! אַ „בעטלער״! בע-ע-ע!...

סטאַניסלאַוו איז אַ מינוט געבליבען שטעהן אַרומגערינגעלט פון די בעטלערינס, ציטערענדיג אינגאַנצען פאַר כעס. דערנאָך האָט ער זיך ראַפּטום אַ דרעה אַוועק געגעבען, רופענדיג בייז צו יעדער בעזונדער:

—נבלה! נבלה! נבלה! טפוי!!

ער איז צוריק אַרויף אויף דער לעזשאַנקע. ער האָט נאָך געוואָלט עפּעס אויסרופען, אָבער ער האָט זיך פּלוצלונג צעהוסט. ער האָט לאַנג, פערשטיקט און שרעקליך געהוסט. עס האָט זיך געדוכטען, אַז אַלץ רייסט זיך דאָרט אָב אינוועניג אין ברוסט, פון דעם מאַטערענדען הוסט. אויפ'ן שטערען זענען איהם אַרויס־געטראָטען גרויסע טראָפּענס שוויים. דאָס געזיכט איז אַזש שוואַרץ געוואָרען, די אויגען מאַט. ענדליך האָט זיך ביי איהם דאָרט אין ברוסט עפּעס אַ וואָרף געטהון, ער האָט אָבגעסאָפּעט און אַ שפּיי אויס געטהון אויף דער פּאָדלאָגע מיט אַ שטיק בלוט. דערנאָך האָט ער, כאַפּענדיג זיך פאַר דער זייט, זיך צוגעדריקט צו דער וואַנד, קוים דעם אָטעם אָבכאַפּענדיג. דאָס געזיכט איז געל גע־ווען ווי וואַקס, אין די אויגען האָט זיך בעוויזען דאָס פריהער־דיגע פיבערהאַפטע פייערעל. סטאַניסלאַוו האָט איצט געקוקט אויף די בעטלערינס מיט אַזאַ האַס, גלייך ווי זיי וואָלטען געווען די איינציגע שולדיגע אין זיין קרענק.

ווען סטאַניסלאַוו האָט געהוסט זענען די בעטלערינס גע־ווען אויסער זיך פאַר פרייד.

—פגירה! פגירה!—האָט אַקסעניע פרעהליך געשריען.

—די שווינדזוכט וועט דיך אין דר'ערד אַריין ברענגען, אין קבר אַריין נעבעך!—האָט אַקולינע זיך געפרעהט.

—ער פגר'ט אַוועק דער הונד און ער האָט נאָך חשק צו קריגען זיך—האָט גלאַשקע מיט צאָרן אויסגערופען.

זעהענדיג פונדעסטוועגען דאָס בלוט, זענען די בעטלערינס אין שרעק און שטוינונג שטיל געבליבען.

אָבער סטאַניסלאַוו אַליין האָט זיי פון דעם צושטאַנד אַרויס־געפיהרט. אָברוהענדיג זיך אַ ביסעל, האָט ער מיט אַ שוואַכער, נידערגעשלאָגענער שטים, געזאָגט צו מלכה'ן:

—מלכה'שי... הייס די נבלות זיך אָבטשעפּען... צוליב זיי קען קיין אָרענטליכער מענש נישט אַריינקומען צו דיר, אַלע זאָגען שוין אַזוי אויך, אַז „דער תהום" שטינקט פון די בעטלער'ס...

סטאַניסלאַוו האָט געטראָפען אין פינטעל אַריין. מלכה, איז אַפּערגעגאַנגען פון הינטער'ן בופעט און האָט, ווענדענדיג זיך צו די בעטלערינס, געזאָגט:

—אפשר וועט שוין צייט זיין פאַר אייך צו געהן? איהר האָט מיר שוין דעם קאָפּ דול געמאַכט, ס'איז גאַנץ גענוג פאַר אַ „סאָטע" אַ גאַנצען טאָג דעם קאָפּ צו פערדרעהען.

—האַלט מיט איהם, האַלט מיט איהם, מלכה, מיט דעם זשוליק! ער וועט דיר דעם קאָפּ פון האַלז אַראָבדרעהען—האָט אַקולינע געשריען.

—„אַנ'אָרענטליכער מענש קען נישט אַריינקומען"—האָט גלאַשקע נאָכגעקרומט—קום זשע נישט אַריין! מיר וועלען נאָך דיר אַ קאַרעטע שיקען! „היט זיך, קינדער, דער גובערנאַטאָר פאָהרט"!—האָט זי צוגעגעבען אויף יודיש.

—מלכה, טרייב איהם אַרויס! טרייב איהם אַרויס—האָט אַקסעניע אין אויפרעגונג געשריען—טרייב איהם אַרויס, מלכה! כ'וועל נעהמען איצט אַ האַלבע קוואָרט! אַלע שמאַטעס וועל איך אויסלייזען! כ'שווער דיר, אַז כ'וועל אויסלייזען, נאָר דעם זשוליק טרייב אַרויס,

—„פיינער מענש"!—האָט גלאַשקע נישט אויפגעהערט חוזק צו מאַכען—זשוליק! קאַטאָרזשניק! חיים זאָגט, אַז דו האָסט אַ האַנטוך ביי איהם צוגעגנב'עט! גנב!

—גנב?!—האָט סטאַניסלאַוו ווילד אויסגעשריען און, אַראָבשפּרינגענדיג פון דער לעזשאַנקע, האָט ער זיך געוואָרפען צו גלאַשקען און מיט'ן גאַנצען אימפּעט איהר אַ זעץ געטהון אין געזיכט. אַקולינע איז צוגעשפּרונגען און צוזאַמען מיט גלאַשקען האָבען זיי זיך איינגעגעסען אין סטאַניסלאַווען. ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַ שאַרף געשלעג. אַלע דריי זענען אַנידערגעפאַלען אויף דער ערד, נישט אויפהערענדיג זיך צורייסען, און אָנגעפילט די שענק מיט משוגענע קולות.

אַקסעניע האָט זיך אין דער ערשטער מינוט, צעמישט פונ׳ם געשלעג, גאָר פערלוירען, דערנאָך האָט זי ווילד גענומען לויפען איבער דער שענק מיט אַ געשריי, געכאַפּט ערגעץ אַ שטעקען און וואַרפענדיג זיך אויף די שלעגער׳ס, גענומען קלאַפּען נישט איבערקלויבענדיג. דערנאָך האָט זי אַוועקגעוואָרפען דעם שטעקען, צוגעשפּרונגען צום בופעט און הייזעריג, פערסאָפּעט, אויסגעשריען:

—מלכּה!! אַ סאָטע!!

זי האָט האַסטיג אַרויסגעכאַפּט די לעצטע פינף קאָפּיקעס און אַנידערגעוואָרפען אויפ׳ן מיש.

מלכּה האָט זי געפּרובט אָבהאַלטען איצט פון טרינקען, אָבער אַקסעניע האָט מיט אַזאַ כּעס אַ טופּע געטהון מיט׳ן פוס און אַ געשריי געטהון: מאַ-אַ-ל-ל-קאַ!!—אַז זי האָט נאָר אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד און איהר אָנגעגאָסען בראָנפען. אויסגעטרונקען מיט איין ציה, האָט אַקסעניע זיך ווידער געוואָרפען צום געשלעג. אָבער חנה׳קע האָט שוין בעוויזען זי, פונאַנדערצורייסען. איצט האָט זיך אַקסעניע ווידער געוואָרפען אויף סטאַניסלאַווען מיט אַ געשריי:—זשוליק!

סטאַניסלאַוו, וועלכער האָט זיך נאָר וואָס געהאַט אויפגעהויבען פון דער פּאָדלאָגע, אַ צעבּלוטיגטער, אַ פערסאַפּעטער, האָט מיט׳ן גאַנצען אימפּעט אַ וואָרף געטהון פון זיך אַקסעניע׳ן. זי איז, פאַלענדיג אַרויף מיט׳ן קאָפּ אויף אַ ברעג טיש, אַ פאַל געגעבען אויף דער ערד און געבליבען ליגען אונבעוועגליך, אַ פערגאָסענע מיט בלוט. אַ מינוט זענען אַלע שטיל געבליבען פאַר שרעק, דערנאָך האָבען זיך די בעטלערינס און די שענקערינס מיט געשרייען געוואָרפען צו אַקסעניע׳ן און גענומען זי מונטערען. זי האָט אָבער קיין צייכען פון לעבען נישט אַרויסגעוויזען. חנה׳קע איז אַריינגעלאָפען אין קיך, געבּרענגט פון דאָרטען אַ ן׳עמער וואַסער און אויסגעגאָסען עס אויף אַקסעניע׳ס קאָפּ, דערמיט האָט זי זי אויפגעמונטערט, זי האָט אויפגעעפענט די אויגען, זיך אַרומגעקוקט און זיך אויפגעהויבען אינגאַנצען אַ נאַסע און אַ פערבלוטיגטע. דערמאָנענדיג זיך וואָס ס׳איז פאָרגעקומען, האָט זי גענומען שילטען, אָבער צום שלאָגען איז זי שוין מעהר נישט געקראָכען,

אַקולינע און גלאַשקע האָבּען זיך אויך עטוואָס בּערוהיגט און די לעצטע האָט, בּרענגענדיג אין אָרדנונג איהרע אויסגעקנוידערטע מלבּושים, זיך געווענדעט צו אַקולינע'ן:

—קום, מאַמינקע... דער קאַטאָרזשנער זשוליק וועט אַליין פּגר'ען! די שווינדזוכט וועט איהם שוין צורעכט מאַכען!—האָט זי צוגעגעבּען, ווי זי וואָלט זיך אַליין געטרייסט.

אַקולינע האָט צונויפגענומען איהרע טרבּעס און געדר; הס סטאַניסלאַווען מיט'ן שטעקען:

—געדענק, קאַטאָרזשניק!

און צוזאַמען מיט גלאַשקע'ן איז זי אַרויסגעגאַנגען.

# ה

סטאַניסלאַוו איז צוריק אַרויף אויף דער לעזשאַנקע זון, כאַפּענדיג זיך מיט בּיידע הענד פאַר דער בּרוסט, איז ער עט-ליכע מינוט געזעסען כמעט בּעוואוסטלאָז, בּלייך ווי דער טויט און פערסאָפּעט. קומענדיג עטוואָס צו זיך, האָט ער מיט אַ ציטערענדיגער שטים אַרויסגעשעפּטשעט:

—יעזוס מאַריע, הייליגער יוזעף! ער האָט זיך אַ וויש געטהון מיט דער האַנד איבּער'ן געזיכט. דערזעהן בּלוט אויף דער האַנד, איז ער אַראָבּ פון דער לעזשאַנקע, איז אַריין אין קיך, האָט זיך פלייסיג אַרומגעוואַשען און איז צוריק אַריין אויף דער לעזשאַנקע אַרויף.

ער איז געזעסען אונבּעוועגליך, מיט אַ שטאַרק-פערקלערטען בּליק אין דער לופט. זיין גאַנצע פיגור איז געוואָרען איינגע-שרומפּען. אויף זיין געזיכט איז געלעגען אַנ'אויסדרוק פון טיפע ליידען, אין די פערקלערטע אויגען—אַנ'אונאויסדריקליכער אומעט און אַ בּיטערע פערצווייפלונג.

סטאַניסלאַוו'ן האָט פערדראָסען: ער אַליין האָט געבּראַכט דערצו, ער זאָל זיך וואַלגערען מיט זיי אויף דער ערד. וויפיעל מאָל ער האָט זיך שוין נישט געגעבּען דאָס וואָרט קיין שום עסקים מיט

זיי נישט צו האָבען, אויסצומיידען זיי, נישט צו קוקען אַפילו אין זייער זייט! נאָר יעדעס מאָל ווען ער בעגעגענט זיך מיט זיי, פערגעסט ער אָן זיין וואָרט. איין בליק נאָר אויף די בעט־לערינס, רופט אין איהם אַרויס, צוזאַמען מיט אַ מיאוסען עקעל, אויך אַמין ברענענד, קרענקליך געפיהל, וועלכעס פערשפור׳ט איהם, ער פיהלט אַ בעדערפעניש אָבצושפעטען פון זיי, מאַטער׳ן און בע-ליידיגען זיי, אַריינברענגען זיי אין כעס אַריין.

אַנ׳ערך פון אַ פירטעל שעה, איז ער אַזוי געזעסען אונבעוועגליך אויף דער לעזשאַנקע. דערנאָך, האָט ער זיך ווי פון שלאָף אויפגעכאַפּט, זיך אַרומגעקוקט, האָט טיעף אָבגעזיפצט, און, אַראָבקריכענדיג פון דער לעזשאַנקע, איז ער צוגעגאַנגען צום בופעט:

—גיב פאַר צעהן קאָפּיקעס ספּירט—האָט ער מיט אַנידעריגע שטים געזאָגט און דערלאַנגט געלד.

חנה׳קע האָט איהם געוואָלט עפּעס זאָגען, אָבער סטאַניסלאַוו, פערשטעהענדיג אַז זי וויל ריידען וועגען פריהערדיגען געשלעג, האָט קרענקליך און צערייצט אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד. חנה׳קע האָט איהם שווייגענדיג דערלאַנגט דעם בראָנפען. ער האָט עס לאַנגזאַם אויסגעטרונקען, האָט טיעף און שווער אָפּגעזיפצט און, מיט אַ געזונקענעם קאָפּ, איז ער אַרויס פון שענק.

אַקסעניע האָט נאָך לאַנג געשאָלטען סטאַניסלאַוו׳ן, דערנאָך האָט זי זיך אַנידערגעזעצט אויף דער ערד, גענומען וויינען און יאָמערען.

—פאָ-אַר וואָ-אָס האָט ער מיך געשלאָגען?!

און וואָס מעהר זי האָט געשריען, אַלץ מעהר האָט זי זיך אַדורכגענומען מיט אַ רחמנות געפיהל צו זיך.

—פאַ-אַ-אַר וואָ-אָס האָט ער מיך געשלאָ-אָגען?! — האָט זי געשריען און זיך בעגאָסען מיט טרעהרן.—מיין פּאַפּאַ איז געוועזען אַנ׳אָפיציר!!... די מאַמינקע איז געוועזען פון קו-ורסק!!... איך האָב זיך געלערענט!!... פאַר וואָ־אָס האָט ער מיך געשלאָ־אָגען!!

זי האָט געפּאַטשט מיט דער האַנד אָן דער פּאָדלאָגע און היסטעריש געכליפּעט:

—איך האָב געלערענט!! איך קען אַלץ! אַלץ! אַלץ! גראַ-מאַטיק!! „מעניטבאַ” — דיטיאָ! „ראַדיטנאַ”—דיטיאָ! —„דאַטענאַ”—דיטיאָ! „מעניטבאַ”—דיטיאָ! איך קען אַלץ! פאַ-פאַר וואָ-אָס האָט ער מיך געשלאָ-אָגען?!

ווען סטאַניסלאַוו איז אַוועק, איז חנה׳קע צוגעגאַנגען צו אַקסיניען, האָט זי גענומען ביי דער האַנד, כדי איהר צו העל-פען אויפשטעהן.

—נו, גענוג דיר שוין צו שרייען, גענוג! שטעה אויף! געה וואַש זיך אָרום, דו ביסט אינגאַנצן פערבלוטיגט.

—כ׳וועל זיך נישט וואַשען!!! פאַר וואָס האָט ער מיך געשלאָ-אָגען?!

—נו, קלאָג איהם אָן אין געריכט—האָט חנה׳קע געלאַכט.—צו וואָס ביסטו געקראָכען!

—פאַר וואָס האָט ער מיך געשלאָ-אָגען? האָט אַקסיניע זיך געהאַלטען ביי איהרס.

זעהענדיג אַז אַקסיניע וועט זיך נישט לאָזען איבעררייידען, האָט חנה׳קע זיך גענומען פאַר אַ צוויים מיטעל וועלכעס זי האָט שוין נישט איינמאָל אָנגעווענדעט בנוגע אַקסיניען.

אָנשטעלענדיג אויף איהר אַנ׳איינגעגעסענעם בליק, האָט זי גישט הויך, נאָר זעהר דייטליך געזאָגט:

—אַקסעניע, הער נאָר!!

אַ—אַ... פאַפאַלאַס... נו? און, איינבויגענדיג זיך צו איהר, האָט זי ווייטער אויף איהר שטיף-עקשנות׳דיג און אָבוואַרטענדיג געקוקט.

אַקסעניע האָט מיט אַ מאָל איבערגעריסען איהרע קלאָגען און גענומען וויינענדיג, הויך שרייען צופאַטשענדיג ביי יעדען וואָרט מיט דער האַנד אָן דער פאַדלאָגע:

„אַ פאַפאַלאַס! פטיטשקאָ! סטאָי!” ניע אוידיאָט איז סיעט!...

—אַקסעניע, זאָג נאָר! „פראָפאַדאַי”! נו?—האָט איהר חנה׳-קע מיט׳ן זעלבען טאָן און מיט׳ן זעלבען ריטם איבערגעשלאָגען.

אַקסעניע האָט מיט אַ מאָל איבערגעריסען איהר „ליעד” און גענומען שרייען:

„פראפאדאי! מאיא סיעליעגא! וסיע סשעסירע! קאלעסא!!"

— אקסעניע! „פאפיראסקא... נו? — האט חנה׳קע ווייטער געזאגט.

„פאפיראסקא דרוג מאי סאיני.

ליובליו טאביא דושאי! — האט אקסעניע שוין רוהיגער, אבער נאך אלץ וויינענדיג געזינגען, ביז זי האט זיך אינגאנצען בערוהיגט. דעמאלס האט איהר חנה׳קע געהאלפען אויפשטעלען זיך, האט זי אבגעפיהרט אין קיך אריין און איהר געגויט זיך אבוואשען.

אבוואשענדיג זיך, איז אקסעניע צו צום בופעט און אויפגערעגט אויסגערופען:

— א סאטע! אויף דעם קליידעל!

חנה׳קע האט, ווייזט אויס, פערשטאנען אז אקסעניע מוז איצט דורכאויס טרינקען און זי האט איהר אהן איבריגע רייד אנגעגאסען „א סאטע".

— געדענק זשע, אקסעניע, איצט קומט פון דיר איין און פיפציג קאפיקעס, אכט און צוואנציג אויפ׳ן טיכעל און דריי און צוואנציג אויפ׳ן קליידעל.

אקסעניע האט אויסגעטרינקען און מיט א מאל מונטער געווארען. זי האט פרעהליך אויסגערופען!

— כ׳געדענק חנה׳קע, כ׳געדענק! אכט און צוואנציג אויפ׳ן טיכעל, דריי און צוואנציג אויפ׳ן קליידעל.

און אנכאפענדיג דעם ריטם פון דער פראגע, האט זי פלוצים לוסטיג גענומען זינגען:

אכט און צוואנציג אויפ׳ן טיכעל!
דריי און צוואנציג אויפ׳ן קליידעל!
אכט און צוואנציג אויפ׳ן טיכעל!
דריי און צוואנציג אויפ׳ן קליידעל!

בערחזרענדיג אזוי די זעלבע פראזע אהן א סוף, האט זי זיך ערשט פערנומען צו טאנצען א ביסעל איבער דער שענק,

ס׳איז אָבער באַלד געפאַלען און ליגענדיג אויף דער ערד, האָט די ווייטער געצויגען איהר „אייגען ליעד״ ביז זי האָט זיך דער-מיט אַליין איינגעשלעפט.

די שענק איז ביסלעכווייז פול געוואָרען מיט געסט.

צוויי פויערען זענען אַריינגעקומען און זיך געזעצט טרינ-קען. איינער נאָכ׳ן צווייטען זענען אַריינגעקומען עטליכע גרופּעס „טשינאָווניקעס״ און זענען אַריין אין יענער זייט „וואוין-העלפט״. עס איז אַריינגעקומען אַ בעל-מלאכה מיט אַן אַלטע מוטער, וועל-כע האָט געהאַט רויטע אויגען פון טרערען. נעהמענדיג אַ האַלבע קוואַרט, האָבען זיי זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ בעזונדער טישעל און דער זוהן האָט מיט אַ נידריגע שטים, גענומען טרייסטען די מו-טער, וועלכע האָט אָקאָרשט נאָר וואָס, בעקומען אָנגעשלאָגען פון זיין פאָטער.

ביסלעכווייז, איז אין שענק לעבעדיגער געוואָרען. ביים בופעט האָבען זיך געשטויסען עטליכע געסט פון „פראָסטען פובליקום״. פון די אינעווייניגסטע צימערען האָט זיך אָפט געהערט רופען:

אַ פלעשעל „בראָנפען״! „ביער״! א. ז. וו. מלכה האָט הינ-טער׳ן בופעט פלינק געמאָסטען, דערלאַנגט, היטענדיג גלייכצייטיג מיט די אויגען, אַז עמיצער פון די נישט אָרענטליכע געסט זאָל נישט עפּעס צונעהמען. חנה׳קע האָט זיך אַרומגעפּאָרעט איבער דער שענק, צוטראָגענדיג די געסט בראָנפען און פערבייסען, אי-בערוואַרפענדיג זיך אָפט מיט אויסגעשרייען מיט דער באָבען. אין שענק איז געווען אַ טומעל, אַ גערויש פון פערשידענע קולות, גערעדערייען, געלעכטער און זידלעריי. די לופט אין שענק, אָנ-געזאַפּט מיט טאַבאַק-רויך און אַלקאָהאָל, איז געווען שווער און מוטנע.

אויפגעוועקט פון גערויש, האָט זיך אַקסעניע פערקליבען אין אַ ווינקעל און איז עטליכע מינוט געזעסען, שווייגענדיג אַרום-

קוקענדיג זיך אין אַלע זייטען מיט איבערשראָקענע אויגען. דערקענענדיג איינע פון די טרינקערינס, האָט זי עפּעס אַ רעד געגעבען צו זיך אַליין. דערנאָך האָט זי בעמערקט אַ צווייטען, אַ דריטען און וועגען יעדען עפּעס גערעדט עטליכע אָבגעריסענע פראַזען צו זיך אַליין. איינעם האָט זי איהר ברכה געשיקט, אַ צווייטען האָט זי בייז געשאָלטען און געזידעלט, צו אַ דריטען האָט זי געלאַכט. דאָס בעווייזען פון אַ פרישען מענש, האָט אויף אַ ווילע איבערגעריסען דעם פאָדעם פון איהרע שוואַך צונויפגעבונדענע געדאַנקען, נאָר באַלד האָט זי ווייטער דאָ צאָרענדיג געשאָלטען און באַלד אומגעריכט, לעבליך געבענשט. איהרע רייד האָבען זיך אָבער פערלוירען אין אַלגעמיינעם טומעל און נאָר חנה'קע, וועלכע איז אַרומגעלאָפען איבער דער שענק, האָט זיך עטליכע מאָל אויף איהר אָנגעבייזערט, אָנטרעפענדיג זיך אויף איהר אין וועג.

עס איז אַריינגעקומען אַ מענש פון אַ יאָהר פערציג, אין בלויע ברילען, אַ געלען פאַלטאָ און אַ היטעל פון אַ טשינאָווניק און מיט אַ שמוציגע צעקנייטשטע מאַנישקע. ער איז אַריינגעקומען אין שענק שטייף ווי אַ סטרונע, מיט אַ מין קינסטליכען, כמעט אויטאָמאַטישען טריט; ער האָט אויסגעזעהען ווי ער וואָלט איצט געגאַנגען אויף אַ שמאָל ברעטעל און הונדערטער אויגען קוקען אויף איהם. נאָך איהם איז אין שענק אַריין נאָכגעלאָפען אַ גרויסער הונד.

—פעאָדאָסין דער פרינץ!—האָט איהם אַקסעניע בעגעגענט מיט אַ קוויטש, אַ פּאַטש טהוענדיג מיט דער האַנד אָן דער פּאָדלאָגע—פעאָדאָסין פרינץ! האַלט דיך, האַלט דיך ביי דער פערפלוכטער! זי וועט דיך אַרויסטרייבען פון דער דירה, ווי פעאָדאָראָוון! זי וועט דיך אַרויסיאָגען!

פרינץ פעאָדאָסין—אַבראַמאָוו, נישט חושד זייענדיג, אַז פון דער גאַנצער קאַקאַפאָניע האָט אַפילו איין גאָמבע אַ שייכות צו איהם, איז געבליבען שטעהן אין מיטען שענק אין אַ טעאַטראַלער, פּאָזע מיט אַן'אויפגעהויבענעם קאָפּ און אַרויסגעשטופּטע ברוסט. וואַרפענדיג אויף אַלע, אַ שטאָלצען, אַרויספאָדערענדען בליק, איז ער צו-

געגאַנגען צום בופעט און אָנגעקוקט מלכה'ן פון איבער די ברילען אַריבער, מיט אַ דורכדרינגענדען, הויך פעראַכטענדען בליק. ער האָט אַנידערגעלעגט אויפ'ן טיש דרייסיג קאָפּ. און מיט אַ בעפעה-לערישען זשעסט, געפאָדערט אַ פלעשעל בראָנפען. ער האָט עס בעקומען. נעהמענדיג פון טיש אַ גלעזעל, איז ער צוגעגאַנגען צו אַ בעזונדער טישעל און שטעהענדיג נאָך, האָט ער זיך אָנגעגאָ-סען אַ גלעזעל בראָנפען און האָט עס לאַנגזאַם אויסגעטרונקען. דער-נאָך האָט ער דעם הונד געוואָרפען אַ זעמעל, האָט זיך אַנידערגעזעצט אָנגעשפּאַרט מיט די הענד אָן די קניה און איז עטליכע מי-נוט געזעסען אונבעוועגליך, קוקענדיג שטאַר אין איין פונקט אַריין. דערנאָך האָט ער זיך אָנגעגאָסען אַ צווייט גלעזעל, האָט אויסגע-טרונקען און איז ווייטער געבליבען זיצען אין דער פריהערדיגער פּאָזע. דאָס האָט זיך אַזוי עטליכע מאָל איבערגעחזר'ט און וואָס ווינציגער עס איז געבליבען אין פלעשעל, אַלץ מעהר זע-גען אָבראַמאָווס אויגען געוואָרען מוטנע, דער בליק—בלאָנדזשענד, ס'פּנים—געל און איינגעשרומפּען. בעמערקענדיג ביי די פיס זיין הונד, וועלכער האָט אויפגעגעסען די זעמעל און איז איצט געלעגען, וואַרטענדיג אויפ'ן בעל-הבית און געדולדיג צוגעוואָרטשעט, האָט ער אָנגעשטעלט אויף איהם זיין שווערען מאַטען בליק. דער הונד איז פון דעם בליק אונרוהיג געוואָרען, האָט אָנגעהויבען דרעהען מיט'ן עק און האָט זיך ענדליך אויפגעשטעלט אויף די פיס.

—האַמלעט!—האָט דער בעל-הבית זיינער, איהם נישט הויך, אָבער אויסדריקליך גערופען און קוקענדיג ווייטער אויף איהם אַזוי שטאַר און ערנסט, האָט ער נאָך אַ מינוט שווייגען געפרעגט:

—טרינקען—אָדער נישט טרינקען?

ער האָט דאָס געפרעגט אַזוי ערנסט, מיט אַזאַ אויפריכטי-גען צווייפעל אין דער שטימע, אַז מען האָט געקענט מיינען דאָס ער האָט פאַר זיך נישט קיין הונד, נאָר אַ נאָהעטען ליבען מענ-שען.

דער הונד האָט זיך אַ וואָרף געטהון. האָט בענגליך אַ קוק געגעבען אויף דער טהיר און האַווקענדיג אָבגעריסען, האָט ער אויפגעהויבען די אויגען אויפ'ן בעל-הבית. עטליכע מינוט האָבען

זיי זיךביידע געקוקט אין די אויגען אַריין מיט אַ קלוגען, פּרע־גענדיגען בליק. אי דער מענש, אי דער הונד, האָבען איינער פון צווייטענס אויגען געוואָלט טרעפען, וואָס יעדער פון זיי קלערט.

אַבּראַמאָוו האָט זיך אַראָבגעבויגען, האָט מיט ביידע הענד אָנגענומען דעם הונד׳ס קאָפּ, צוגעלעגט זיין געזיכט און האָט שעפּטשענדיג שטיל גערעדט:

—פריינד דו מיינער, האַמלעט! קוק דו ניט אויף מיר מיט אַזאַ פאָרוואורף. משפט נישט — וועסטו אויך נישט געמשפט זיין! איינס נאָר זאָלסטו יויסען זיין: איך בין עהרליכער און איידעלער פון אַלע צוויי-פיסיגע חיות, וועלכע דו זעהסט דו!...

ער האָט צערטליך אַ קוש געטהון דעם הונד אין מאָרדע, גלעטענדיג איהם איבער׳ן קאָפּ, האָט זיך ווידער אויסגעגלייכט און שטאָלץ, כמעט הוצפּהדיג, מיט׳ן פולען בעוואוסטזיין פון זיין גרויסקייט, האָט ער גענומען בעטראַכטען דעם עולם. ענדליך האָט ער זיין בליק אָנגעשטעלט אויף אַקסעניע׳ן, וועלכע האָט גראָד איצט עפּעס געשריען אויפ׳ן אַדרעס פון אַ בעל-עגלה, וואָס איז אָקאָרשט נאָר וואָס אַריינגעקומען. זי האָט, ווי ס׳ווייזט אויס, פעראינטערעסירט אַבּראַמאָוו׳ען, וועלכער האָט זיך, אויסבויגענדיג פאָראויס, גענומען צוהערען צו איהרע נישט מיושב׳ע ווערטער. ער האָט געקוקט, דאָ אויף איהר און דאָ אויף די געסט, צו ווע-מען זי האָט אייגענטליך גערעדט. און וואָס מעהר ער האָט אויף איהר געקוקט, אַלץ בעלעבטער איז געוואָרען זיין געזיכט, אויף וועלכען עס האָט זיך ווידער געוויזען יענער ווייכער, פריינדליך-האַרציגער אויסדרוק, וועלכען ער האָט געהאַט, שמועסענדיג מיט׳ן הונד.

נעהמענדיג פון טיש אַ שטיקעל ווייך ברויט, האָט ער אויס-קנעטען עטליכע קייקעליך און גענומען געאיילט, מיט אַ מין גוטמוטיגען אינטערעס, וואַרפען אַקסעניען. איינס פון די קייקעלעך און האָט געטראָפען אַקסעניען אין שטערען אַריין. זי האָט איבערגעריסען איהרע רייד, האָט אַ צאַפּעל געטהון, אַרומגעקוקט זיך און אַ געשריי געטהון גלאַט אַזוי אין דער וועלט

אריין: זשוליק!—און האָט ווייטער גענומען איינטענה'ן וועגען פאַמיליען לעבען פון איינעם פון די געסט. דאָך האָט זי זיך שוין, ווען ס'צווייטע קייקעלע האָט איהר געטראָפען, אויפמערקזאַמער אַרומגעקוקט. דערזעהענדיג אַז אַבראַמאָוו קלויבט זיך ווידער צו וואַרפען, האָט זי מיט כעס אויסגעשריען:

פרינץ פעאָדאָסין!!—און האָט געוואָלט איהם אָנשילטען. אָבער דערזעהענדיג אויף אַבראַמאָווס געזיכט אַ גוטהאַרציג און צאַרט-אומעטיג שמייכעלע, הערענדיג זיין שטיל לוסטיג געלעכטערעל, האָט זי מאָמענטאַל פערגעסען איהר כעס און אויף איהר געזיכט האָט זיך אויסגעגאָסען אַ ברייטער, גליקליכער שמייכעל. פערמרווזשענדיג די אויגען האָט זי לוסטיג אויסגערופען:

—נו וואַרף נאָך! וואַ-אַרף!!

אָבער אַבראַמאָוו האָט שוין מעהר אין איהר נישט געוואָרפען, ער האָט נאָר פריינדליך געזאָגט:

—דו ביסט אַ קלוג בעשעפעניש... דו, קריטיק פון לעבען! און צעלאַכענדיג זיך, האָט ער צוגעגעבען:

קום אַהער, דו קריטיק פון לעבען, לאָמירביידע צוזאַמען אויסטרינקען.

אַקסעניע האָט פלייסיג, מיט די הענד און מיט די פוס, גענומען זיך אויפשטעלען, זי איז וואַקלענדיג זיך, צוגעלאָפען צו אַבראַמאָוו'ן און מיט ענטוזיאַזם אויסגעשריען:

פרינץ פעאָדאָסין!... איך בין שכור!—און זי האָט זיך פרעהליך צעלאַכט.

אַבראַמאָוו האָט זיך אויך צעלאַכט, גענומען זי ביי דער האַנד און אַ נידערזעצענדיג זי נעבען זיך, האָט ער מיט אַ פערשטיקטער שטימע צו איהר געזאָגט:

—לאָמיר אויסטרינקען, דערנאָך וועלען מיר שמועסען וועגען געשעפטען.

—וועלען מיר שמועסען וועגען געשעפטען!—האָט אַקסעניע ענטוזיאַסטיש איבערגערעדט.

אַבראַמאָוו האָט זיך אויסגעגלייכט, שטאָלץ ווי אַ האָן זיך אַרומגעקוקט און אַגעשריי געטהון צו יונה'קען:

—עי! מאַטעמאַטיק פון לעבען! קום אַהער!

חנה׳קע וועלכע איז אַרומגעלאָפען איבער דער שענק, האָט זיך אומגעקוקט אויפ׳ן רוף און האָט פון דערווייטענס אומגעדולדיג געפרעגט:

—וואָס דאַרפט איהר?

אַבראַמאָוו האָט ווייטער שטאָלץ אויפגעהויבען די האַנד און אויסדעקלאַמירט מיט פּאַטאָס:

—„מיר דאַרפען ברויט! מיר דאַרפען געלד". און האָט ווייטער אַ געשריי געטהון:

—מאַטעמאַטיק פון לעבען! דאָ קום אַהער!

—איך האָב קיין צייט נישט מיט אייך צו באַלעמוטשען— האָט חנה׳קע געענטפערט—זאָגט, וואָס איהר פערלאַנגט?

—איך וויל דו זאָלסט אָננהעמען דאָס קריסטענטום, שיין יודיש מיידעל!

חנה׳קע האָט פעראַכטליך אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד און איז אַריין אין די אַנדערע צימערען.

אַבראַמאָוו האָט איהר לאַנג נאָכגעקוקט, דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו אַקסעניען און שטיל, אָבער איבערצייגענד און ערנסט געזאָגט:

—זי איז קלוגער פון אַריסטאָטעל׳ן, קלוגער פון ניוטאָנ׳ען, קלוגער פון וואָלטער׳ן—כ׳פערזיכער דיר!

—קלוגער!—האָט אַקסעניע פרעהליך נאָכגעזאָגט.

—זי האָט פערשטאַנען, וואָס דאָס איז אַזעלכעס לעבען.— לעבען דאָס איז מאַטעמאַטיק!

ער האָט זיך אויפגעהויבען און וואַקלענדיג זיך, איז ער צוגעגאַנגען צום בופעט. קוקענדיג גלייך אויף מלכה׳ען, איז ער אַזוי אַ מינוט געשטאַנען שווייגענדיג און אונבעוועגליך.

קענענדיג שוין, ווי ס׳וויזט אויס, דאָס משגעת פון איהר שטענדיגען גאַסט, האָט איהם מלכה בייז געפרעגט:

—זאָגט וואָס פערלאַנגט איהר? דולט מיר נור נישט דעם קאָפּ!

—דו וועסט שטאַרבען איינזאַם און אָהן תשובה!...—האָט

אַבראַמאָוו שטיל און שטרענג אַרויסגעזאָגט און אַריינוואַרפענדיג אין טעלער מיט פיש אַ זילבערנע מטבעה, האָט ער מיט כעס צו־געגעבען:

—זיי פערשאָלטען!

—זיי אַליין פערשאָלטען!—האָט מלכה בייז אָבגעענטפערט און אַרויסכאַפּענדיג פון טעלער-פיש די זילבערנע מטבעה, האָט זי מיט איינגעהאַלטענעם כעס געפרעגט:

—וואָס געבען אייך?

—אַ האַלבע קוואָרט און אַ זעמעל,—האָט ער מיט אַנ׳עכטען געשעפטס-טאָן געזאָגט.

ער האָט בעקומען און איז צוריק צו זיין טישעל.

דורך די עטליכע מינוט איז אין אַקסעניעס שטימונג פאָר־געקומען אַ שאַרפע ענדערונג. דערמאָנענדיג זיך וועגען אַבראַ־מאָווס ווירטין פון קוואַרטיר, האָט זי זיך גלייכצייטיג דערמאָנט, אַז די לעצטע, האָט זי אָנומעלט אָנגערופען גנב. דאָס האָט זי מיט אַ מאָל שרעקליך אויפגערעגט:

—אַזעלכע! זי האָט געוואַגט! ווי אַזוי!—האָט זי געשריי־ען, בעגיסענדיג זיך מיט טרערען—מיין גאַנץ לעבען האָב איך ניט געגנב׳עט! טאַטינקע!

און, אָבררייסענדיג מיט איינמאָל דעם קאָלנער פון איהר העמדעל, האָט זי ווייטער געשריען:

—חיים האָט מיר דריי רובל געטרויט! אָבצוטוישען! כ׳האָב עס אָבגעטוישט ביי זיסעלען, ביז צו איין קאָפּיקע האָב איך אָב־געברענגט! אַלץ! און זי האָט נאָך געוואַגט!...

צוקומענדיג, האָט אַבראַמאָוו אַ מינוט ערנסט און אויפ־מערקזאַם זיך איינגעהערט צו איהרע טענות, דערנאָך האָט ער לעגענדיג זיין האַנד אויף אַקסעניעס אַקסעל, מיט אַ ווייכער און פערשטיקטער שטים געזאָגט:

—ווער האָט דיך בעליידיגט, מאַרפאַ?

—כ׳הייס ניט מאַרפאַ! נאָר אַקסעניע!—האָט זי מיט כעס אויסגעשריען.

אַבראַמאָוו האָט זיך שטיל צעלאַכט און אומקוקענדיג זיך

האָט ער צו זיך פערוואונדערט געזאָגט.

—זי האָט זיך בעליידיגט... יעדען איז-זיך זיין נאָמען טייער...

ער האָט אָנגענומען אַקסעניען ביי דער האַנד און האָט צאַרט געזאָגט:

—נו, זעץ זיך, אַקסעניע, און דערצעהל ווער עס האָט דיך בעליידיגט.

—דיין בעל-בית׳טע! פעאָדאָסיע!—האָט זי אויסגעשריען.

—דאָס האָט זיך די „בורזשואַזיע פון לעבען" בעליידיגט! כאַ-כאַ-כאַ!—האָט ער זיך צעלאַכט מיט אַ טרוקען און נישט נאַטירליך געלעכטער.—דערפאַר האָב איך דיך ליב. די „בורזשואַזיע פון לעבען" בעליידיגט מיך אויך! פערשטעהסט, מיך, די „פילאָזאָפיע פון לעבען"! כאַ-כאַ-כאַ!

ער האָט אָנגעגאָסען צוויי גלעזער בראָנפען און האָט איינס דערלאַנגט אַקסעניען.

—טרינק, וועסטו פערגיסען אַלע בעליידיגונגען!

אויסטרינקענדיג זיין בראָנפען, האָט ער גענומען די זעמעל און געוואָלט וואַרפען דעם הונד, אָבער ער האָט זיך פלוצים אָבגעהאַלטען:

—האַמלעט!—האָט ער האַלב שטיל גערופען און האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, עס זאָל ווער נישט דערהערען.

דער הינד האָט זיך פויל אויפגעהויבען און צוגעגאַנגען צו איהם.

—האַמלעט, טרינט אויס, דעם בראָנפען... האָט ער זיך ביים הונד געבעטען און צוגעטראָגען דעם בראָנפען צום הונדס פיסק. דער הונד איז געבליבען אונבעוועגליך, נאָר האָט זיך עטליכע מאָל אָבגעשאָקעלט.

אַבראַמאָוו האָט זיך איינגעבויגען, האָט עפּעס איינגערוימט דעם הונד אויפ׳ן אויער, אויפגעריסען איהם דעם פיסק און אַריינגעגאָסען דעם בראָנפען. דער הונד האָט שנעל, קאָנוואולסיוו אָראָבגעשלונגען דעם בראָנפען, האָט זיך געגעבען אַ דרעה אין

אַרעדעל איבער דער שטוב, האָט געגאָסען און עטליכע מאָל יאָ-מערדיג אַביל געטהון.

אַבראַמאָוו האָט ערנסט און אויפמערקזאַם, מיט אַנ׳אויסדרוק פון אומעט אויפ׳ן געזיכט, נאָכגעקוקט דעם הונד, דערנאָך האָט ער איהם דערלאַנגט די זעמעל און געזאָגט:

—פערבייס און ענטשולדיג...

אַקסעניען האָט די סצענע אַריינגעבּרענגט אין ענטציקונג. פערגעסענדיג די טרערען און די בעליידיגונג, האָט זי אין עקסטאַז אויסגעשריען:

—ער טרינקט! אַהונד טרינקט בראָנפען! גאָטעניו! און אַראָבּזעצענדיג זיך אויף דער פּאָדלאָגע, האָט זי צערטליך גע-נומען צורופען דעם הונד.

—צו—צו—צו!

אַבראַמאָוו האָט אַרויפגעלעגט זיין האַנד אויף אַקסעניעס אַקסעל, האָט טיעף אָבגעזיפצט און מיט ביטערניש געזאָגט:

—לאָז איהם צורוה! דאָס איז אַנ׳אומגליקליכע חיה, אַנ׳-אומגליקליכע—און אַנ׳איידעלע!... טרינק דיין בראָנפען. און ער האָט איהר געהאָלפען אויפהויבען זיך.

שטעהענדיג אַזוי אויף איין אָרט, האָט ער זיך איינ-געבויגען צו אַקסעניען, און אַרומנעהמענדיג זי, ליב און צערטליך געזאָגט:

—אַדיע, מיין לעבען, מיין פרייד, מיין גליק! דו ביסט אויך אַנ׳איידעלע בעשעפעניש!... דו ווערסט היינט ביינאַכט שטאַר-בען אַשכורע אונטער אַפלויט...

און אויסגלייכענדיג זיך, האָט ער ווידער געוואָרפען אַ שטאָלצען בליק איבער דער שענק און הויך אויסגעשריען:

—לעב וואויל קעניגין פון „תהום״! לעב וואויל „מאַטעמאַ-טיק פון לעבען״!

און אויפהויבענדיג הויך דעם קאָפּ, איז ער פּאַמעליך, מיט אויטאָמאַטישע טריט, אַרויסגעגאַנגען און נאָך איהם „האַמלעט״.

# ז

אין שענק איז וואָס אַמאָל געוואָרען וויינינגער געסט. אין אַ האַלבע שעה אַרום איז אין תּהום געוועזן אונגעוועהנליך שטיל, ווי נאָך אַ שטורם. נאָר די נאַסע, קלעבענדיגע טישלעך, די אָנגעשטעלטע גלעזער, די אָנגעוואָרפענע שיריים, פון עסען, פּאַפּיראָסען איבער דער פּאָדלאָגע און דער ריח פון אַלקאָהאָל, האָבען דערמאָנט אָן דעם פערלאָפענעם טומעל פון שכורים.

מלכּה און חנה׳קע,ביידע מידע אָבער צופרידענע, זענען געזעסען הינטער׳ן בופעט און האָבען זיך האַלב שטיל געטיילט מיט די איינדריקען. אַקסעניע איז געלעגען אויף דער פּאָדלאָגע אין אַ זעהר אומגעלומפּערטער פּאָזע און האָט עפּעס געמורמעלט פון שלאָף.

עס איז אַריינגעקומען איינע פון די שטענדיגע בעזוכערינס פון „תּהום״ די בעטלערין מאַלאַשקאָ און צוגעהענדיג צום בופעט, האָט זי געפאָדערט אַ „סאָטע״.

—נאָר גיס מיר, מלכּה לעבען, צו ספּירט, אַז נישט וועל איך ניט קענען טרינקען!—האָט זי צוגעגעבען.

אויסטרינקענדיג, האָט זי געבעטען אַ פּאַפּיראָס.

—זעקס קאָפּיקעס האָט זי געגעבען צו לייזען און גיב איהר שוין אַ פּאַפּיראָס און קרענק און קדחת!—האָט מלכּה זיך געבייזערט און צוגעוואָרפען מאַלאַשקען אַ פּאַפּיראָס.

מאַלאַשקע האָט פעררויכערט און איז ווי אַ קאַץ אַ שפּרונג צו געטהון צו דער לעזשאַנקע. פערבייגעהענדיג פערביי אַקסעניען, האָט זי מיט אַ כּיטרע, זיס און פאַלש קול׳כ׳על געזאָגט:

—אַ-אַ, אַקסעניושקע איז דאָ... זי שלאָפט די טייערע!...

אַקסעניע האָט אויפגעפּעפּעט די אויגען און פערשלאָפּענערהייד אויסגעשריען מיט כּעס:

—אַקסעניע! אַקסעניע! צו וואָס טויג דיר אַקסעניע?!...

זי האָט געוואָלט ווידער איינשלאָפען, אָבער אין דער מינוט

האָט זיך די טהיר האַסטיג געעפענט און אין שענק איז טאַנצענ־דיג אַריינגעקומען אַ נידריגע, ברייט־געבויטע פרוי פון אַ יאָהר פופציג מיט אַ יונגעטשקע פנים׳על און מיט העלע, גוטמוטיגע פרעה־ליכע אויגעלעך. איהר געזיכט און די גאַנצע פיגור איהרע, האָט געאָטעמט מיט פרייד, מיט גליק און ענערגיע. נישט אומקוקענ־דיג זיך אויף קיינעם איז זי געבליבען שטעהן אין מיטען שענק, האָט זיך שטאַרק איינגעקוקט אין דער שמוציגער פּאָדלאָגע און שטעהענדיג אַזוי עטליכע סעקונדען אונבעוועגליך, האָט זי גענו־מען טאַנצען איבער איין ברעט פון דער פּאָדלאָגע, טרעטענדיג הילכיג און וואַרפענדיג מיט די פיס און מיט אַ יונג געעשיקט־ליכקייט האָט זי צוגעזונגען:

או פּאָראָגאַ סטאָיאַלאַ! סטאָיאַלאַ!

האָפּ! האָפּ!

ביי יעדען „האָפּ״ האָט זי שטאַרק צוגעטופּעט מיט די פיס און געשיקט געבויגען מיט׳ן קאָפּ אין אַלע זייטען.

אַדורכטאַנצענדיג אַזוי הין און צוריק איבער איין ברעט, איז זי פּלוצים געבליבען שטעהן, זיך גענומען מיט די הענד פאַר די זייטען און וואַרפענדיג אויף אַלע אַ לוסטיגען בליק האָט זי פרעהליך אויסגעשריען:

—געזונד זאָלסטו זיין מלכה! חנה׳קע, אַקסעניע, מאַלאַשקע—געזונד זאָלט איהר זיין!

אַקסעניע האָט אַ שטיקעל צייט פערשלאָפענערהייד געקוקט ערשטוינט אויף דעם אומגעריכטען גאַסט. נאָר פּלוצים האָט זיך אויף איהר געזיכט בעוויזען אַ ברייטער, פרעהליכער, שכור׳ער שמייכעל:

—אַ־אַ, ראָזאַלקע!—האָט זי אויסגעשריען און קוים אויפ־הויבענדיג זיך, האָט זי זיך אויך געשטעלט אויף איין ברעט.

—ראָזאַלקע! שטעה!

ראָזאַלקע איז אָבגעשפרונגען און דער צווייטער זייט ברעט און, צוטופּענדיג מיט די פיס האָט זי אַנטקעגען געטאַנצט אַקסע־ניע׳ן. אַקסעניע האָט געפּרובט אַנטקעגען טאַנצען ראָזאַלקען אָבער

נישט אויף איין ברעט, נאָר מאַכענדיג זיגזאַגען איבער דער גאַנ-צער שענק.

—נישט אַזוי!—האָט זי ראָזאַלקע מיט היץ אָבגעשטעלט—נישט אַזוי, די פיאַטעס אַרונטער און די פינגער פאָראויס! און אויף איין ברעט אַזוי ווי איך! זעה!

און זי האָט ווידער, אויף איהר שטייגער, גראַציעז זיך אַדורכ-געשפּאַצירט איבער דעם ברעט.

אַקסעניע האָט אויף איהר געקוקט מיט ענטציקונג און פּלו-צים האָט זי זיך געוואָרפען צו איהר, זי אַרומגענומען מיטביידע הענד און פרעהליך אויסגעשריען:

—כ׳קען נישט אויף איין ברעט! איך בין—שכור! איך בין שכור, ראָזאַלקע!

און האָט זי גענומען קושען.

—שכור?—האָט ראָזאַלקע אַ געשריי געטהון, נו, טרינק זשע נאָך!

און אָבשטופענדיג פון זיך אַקסעניע׳ן, האָט זי נאָכאַמאָל גע-נומען טאַנצען אויף איין ברעט און צוזינגען:

פּאָלקאַ ליוביט שצעגאָליאַט!

מלכה! גיב אַ האַלבע קוואָרט!

מאַלאַשקע האָט זיך אויך דערפרעהט מיט ראָזאַלקעס אַריינ-קומען, זי איז אָבער נישט צוגעגאַנגען, נאָר האָט זיך צו איהר צוגעשאַרט פון אַ זייט און האָט מיט אַ ליבלעך שמייכעלע חנופה׳-דיג געזאָגט:

—אַ-אַך, ליבינקע נשמה מיינע: געזונד זאָלסטו מיר זיין, ראָזאַלקעלע האַרציגע, כע-כע-כע!

דערזעהענדיג זי האָט ראָזאַלקע אויסגעשריען:

—ווילסט אויך טרינקען? קום אַהער! מלכה, נאָך איין „סאָטע״!

מאַלאַשקע האָט געכאַפּט ראָזאַלקעס האַנד און געוואָלט אַ קוש טהון, אָבער ראָזאַלקע האָט זי אָבגעשטויסען:

—דעם פּאָפּ קוש, מיט מיר,—אין פּיסק!

און זי האָט זיך צעקושט מיט מאַלאַשקען.

בעקומענדיג דעם בראָנפען, האָט ראָזאַלקע אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע אַ הויפען קופּערנע מטבעות צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען צוויי פּאַפּירלעך.

אָט וויפיעל געלד!—האָט זי מיט שמחה אויסגעשריען. כ'האָב דריי וואָכען געוואַשען ביי דער סאָפּראָניכע—היינט האָב איך בעקומען געלד, און כ'וועל אַלץ פערטרינקען—פערהוליען!

—נישטאָ קיין געלד—טוישט מען אַ רובל!—האָט זי אויסגעשריען צוטופּענדיג מיט'ן פוס.

זי האָט בעצאָהלט פאַר'ן בראָנפען, די רעשט געלד אַריינגעלעגט אין טאַש און ווייטער לוסטיג דערצעהלט:

—סאָפּראָניכע האָט זיך געבעטען, כ'זאָל נאָך צו אַרבייטען ביז שבת, כ'זאָל נישט געהן שכור'ען, עס ליגט נאָך אַ גאַנצער באַרג וועש! און איך האָב נישט געוואָלט הערען. „לאָמיר זיך צורעכענען"! „כ'וויל געהן שכור'ען"!—האָב איך געשריען.

אַ טי פּיט בודיעש!

אי גוליאַט בודיעש!

אַ סמערט פּרידיאָט!

פּאָמיראַט בודיעש!

זי האָט צעגאָסען דעם בראַנפּט איז דריי גלעזער און אַלע האָבען אויסגעטרינקען.

## ח

„שענק איז אַריינגעקומען אַ הויכער מענש, מיט איינגעפאַלענע, מאָגערע באַקען, אַ לאַנג נישט געגאָלטער. פון זיין אָרימער, פערוואָרלאָזטער קליידונג, האָט מען אין איהם גלייך געקענט דערקענען אַ בעל-מלאכה—אַ שכור. בלייבענדיג אַ מינוט שטעהן, האָט ער אָנגעקוקט די דריי שכור'ע ווייבער מיט אַ גלייכגילטיגען בליק פון זיינע גרויע, פאַרבלאָזע אויגען, איז מיט פעסטע טריט צוגעגאַנגען צום בופעט, שנעל און בעטענדיג אַ קוק געטהון אויף מלכה'ן און מיט אַמאָל זיך געוואָרפען איהר צו די פיס:

מלכה, דערבאַרים זיך!—האָט ער מיט אַ טרוקענע, הייזעריגע נאָר גענוג רוהיגע שטימע אויסגערופען.

ער האָט דאָס אַלץ אַזוי שנעל געמאַכט, אַז מלכה האָט נישט בעוויזען זיך אַרומצוקוקען און זי האָט זיך אַ ביסעל דערשראָקען. קומענדיג צו זיך, האָט זי אָבער זיך בייז אָנגעשריען:

— מיאוסער מענש! נידערטרעכטיגער! אומפערשעמטע שכורע אויגען! נאָך וועניג פאַר דיר, אַז דו האָסט פאַר אַ רובל סחורה אויסגענאַרט—קומסטו נאָך איצט נאָך בעטען! וואָן! וואָן!...

שטעה גלייך אויף—האָט זי אויסגעלאָזט, טופענדיג מיט די פיס.

—כ׳וועל נישט אויפשטעהן, עהרען וואָרט, כ׳וועל נישט אויפשטעהן, ביז דו וועסט מיר נישט געבען אַ „סאָטע׳—האָט ער מיט אַ געשעפטס-טאָן געענטפערט.

ראָזאַלקע און די בעטלערינס, וועלכע זענען שטאַרק פעראינטערעסירט געוואָרען מיט דער אָריגינעלער סצענע, זענען צוגעלאָפען צום בופעט.

—אַ, נו, כ׳וועל אַריבערשפּרינגען?—האָט ראָזאַלקע אויסגעשריען און איז טאַקי באַלד אַריבערגעשפּרונגען איבער די אויסגעצויגענע פיס פונ׳ם ליגענדיגען. נאָך ראָזאַלקען האָבען אויך די בעטלערינס געוואָלט דאָס זעלבע טהון אָבער זיי האָבען זיך פערפּלאָנטערט און זענען איהם אַרויפגעפאַלען אויף די פיס. ראָזאַלקע האָט זיך מיט אַ געלעכטער אויך געוואָרפען אויף זיי.

דער ליגענדיגער האָט אונטערגעהויבען דעם קאָפּ, האָט האַרט אַ קוק געטהון אויף דער לעבעדיגער קופּע וועלכע האָט זיך געוואַלגערט אויף זיינע פיס און האָט בייז געזאָגט.

—הע! פערשאָלטענע ווייבער! איהר זאָלט אייך היטען. כ׳וועל וועמען פון אייך פערפאַהרען מיט אַ פוס, וועט עס אייך נישט שמעקען!

און אַ שטויס טהוענדיג מיט אַ פוס, האָט ער אַוועקגעוואָרפען די ווייבער אָן אַ זייט.

—מלכה, גיב אַ „סאָטע״, עהרען וואָרט, כ׳וועל מאָרגען אַ פּאָר פּאַנטאָפעל אויפנייען...—האָט ער מיט אַ לאַנגוויליגען טאָן געזאָגט און, אונטערהויבענדיג דעם קאָפּ, האָט ער אויף מלכה׳ן

אַ קוק געטהון מיט אַ פרעגענדיגען בייזען און האַרטען בליק.

—זאָל איך שוין אַ מיתה-משונה איינגעהמען! זאָל איך שוין שטאַרבען! זאָל איך זיך שוין פון אָרט דאָ נישט קענען ריהרען! אויב דו וועסט כאָטש איין טראָפּען בעקומען, וועסט אַפילו דריי טעג דאָ ליגען—וועל איך דיר אויך נישט געבען! אָט וואָס!

—נו, וועסט נישט געבען—דאַרף מען נישט! איז, הייסט עס, פערפאַלען דיין סחורה—האָט ער רוהיג געענטפערט און האָט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד.

—לוקיאַן! איך פונדעווע דיר אַ „סאָטע” עהרען וואָרט!— האָט ראָזאַלקע אויסגערופען.

—פונדעוועסט?—האָט לוקיאַן איבערגעפרעגט און אַ קוק גע־טהון בייז און נישט גלויבענדיג אויף ראָזאַלקען.

—יאָ, עהרען וואָרט, אַז כ׳פונדעווע! זעהסט וויפיעל געלד איך האָב!

און זי האָט זיך אַ קלאַפּ געטהון איבער דער קעשענע.

לוקיאַן האָט אויפגעלעבט, ער האָט אַ וואָרף געטהון מיט׳ן קאָפּ און האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישעל.

—נו, דערלאַנג!!

ראָזאַלקע איז צוגעשפרונגען צום בופעט נאָך בראָנפען, אָבער, בעמערקענדיג מלכה׳ס ברוגז פנים, איז זי טרויעריג געוואָרען.

—אָ, אָ, מלכה לעבען, ווי בייז דו ביזט, נו, הער אויף, האַרציגע! כ׳קען נישט קוקען ווי מ׳בייזערט זיך, כ׳קען נישט!

—אָך, טשעפּע זיך אָפּ פון מיר!

—מלכה׳לע,—האָט ראָזאַלקע פלוצים פריידיג אויסגעשריען — ווילסט צוויי רובל? כ׳האָב צוויי פּאַפּירלעך. ווילסט? נעהם, האַר־ציגע און איך וועל זיי ביי דיר מיט בראָנפען ביטערינקען אָב־טרינקען, פערהוליען. נעהם—נאָר זיי נישט אין כעס!

און זי האָט איהר דערלאַנגט די פּאַפּירלעך.

דאָס מיטעל האָט געווירקט—מלכה׳ס געזיכט איז באַלד אויס־געלייטערט געוואָרען. זי האָט צוגענומען די פּאַפּירלעך און געזאָגט:

—אַ דאַנק דיר ראָזאַלקע. דו ביזט אַזאַ חכמה! איך דאַרף איצט זעהר נויטיג האָבען געלד.

—ראָזאַלקע האָט זיך געשמאָלצען פון פרייד און, אַ פּאַטש געבענדיג זיך מיט די הענד איןביידע זייטען, האָט זי מיט אַ קינדערישער פרייד אויסגעשריען:

—אַ חכמה, ראָזאַלקע איז אַ חכמה!

זי האָט בעקומען אַ פלעשעל בראָנפען און איז צוגעלאָפען צום טישעל:

—נו, לוקיאַן —

קום טרינקען בראָנפען, ווייבער! בראָנפען טרינקען!

לוקיאַן האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טישעל מעשה בעל-הבית, האָט צעטיילט דעם בראָנפען און געוואָלט נעהמען טרינקען.

—ניין! וואַרט! גיב פריהער אַ קוש!—האָט ראָזאַלקע געשריען.

—גיב אַהער!

און ער האָט איהר אַ קוש געגעבען אין די ליפּען.

נאָכ'ן אויסטרינקען, האָט לוקיאַן אַוועקגעזעצט ראָזאַלקען ביי זיך אויף דער קניה, האָט זי מיט איין האַנד אַרומגענומען און אַוועקמאַכענדיג זיך מיט דער צווייטער האַנד די וואָנסעס, האָט ער גענומען זינגען מיט אַ גראָבער באַס-שטימע:

פּאָ גאַראַם טוואַים קאַפּקאַס

ראַזדאַיאַטסאַ סלאַוואַ וו'נאַס!

„ראַזדאַיאַטסאַ סלאַוואַ וו'נאַס"!—האָבען מאַלאַשקע און אַקסעניע, שוין אינגאַנצען שכורע, אונטערגעכאַפּט. ראָזאַלקע האָט אויך אָנגעהויבען אונטערזינגען, אָבער פלוצים האָט זי האַסטיג אַ דרעה אויס געגעבען זיך מיט'ן פנים צו לוקיאַנען און אויסגעשריען:

—לוקיאַן! וואַרף אַוועק דיין אַלטע נבלה! קום מיט מיר חאווינען! זעה!

זי איז אַראָבגעשפּרונגען פון זיין קניה, האָט גראַציעז אונטערגעהויבען עטוואָס דאָס קלייד און האָט קאָקעטיש גענומען טאַנצען איבער איין ברעט, צוקלאַפּענדיג מיט די פיס און צווינגענדיג „גרעטשאַניקי".

לוקיאַן האָט ערנסט און פלייסיג זיך צוגעקוקט צו איהר טאַנצען, נאָר ווען זי איז אַרויסגעקומען מיט'ן רוקען צו איהם

האָט ער פלינק אָנגעגאָסען אַ כוס'ע, אַ וואָרף אַריין געטהון אין מויל און, ווי קיינמאָל גאָרנישט, האָט ער ווידער זיך צוגעקוקט צו איהר טאַנצען.

—לוקיאַן, זאָג, וואָס מיינסטו?—האָט זיך מלכה צו איהם, פלוצים געווענדעט—איך האָב דיר געגעבען סחורה אויף אַ פּאָר פּאַנטאָפעל, צי ניין?

—געגעבען...—האָט לוקיאַן רוהיג געענטפערט, נישט אומדרעהענדיג זיך אַפילו צו איהר.

—וואושע האָסטו עס אַהינגעטהון

—ביי חיים'ען פערמשכנ'ט...

—פאַר וויפיעל?

—כ'געדענק שוין נישט... געה, פרעג חיים'ען—האָט ער נאָכלעסיג געענטפערט.

אָך, נידערטרעכטיגער מענש!—האָט מלכה צאָרנדיג געשריען. לוקיאַן האָט זיך אומגעקעהרט צו איהר:

—וואָלסטו מיר פריהער געזאָגט אַ „סאָטע״, ווען איך האָב געבעטען—וואָלט איך דיר אויפגענייט פּאַנטאָפעל, כ'שווער דיר, כ'וואָלט אויסגעלייזט די סחורה און אויפגענייט. אָבער איצט—טיו-טיו!—פערפאַלען!

אויסטרינקענדיג דעם איבריגען בראָנפען, האָט ער זיך אויפגעהויבען און בעפעהלעריש אַ געשריי געטהון צו ראָזאַלקען, וועלכע האָט נאָך אַלץ געטאַנצט.

—נו, גענוג דיר צו טאַנצען! נעם צוויי פלעשלעך בראָנפען און קום.

—צו מיר?

—צו דיר, מכשפה, צו דיר!

ראָזאַלקע האָט גענומען צוויי פלעשלעך בראָנפען און איז אַרויסגעגאַנגען, אַרומגענומען מיט לוקיאַנען.

III

# פֿאַמיליען־סצענעס

## א

אין מיטען טאָג.

אין „תּהום“ הערשט אַ שווערע, אונגעווּעהנליך טויטע שטיל־קייט. די בּרודיגע, אוּנהיימליכֿע צימערען, זעהען איצט אויס נאָך מעהר גרוי און פֿערלאָזען.

הינטער'ן בּופֿעט, איז מלכּה געזעסען איינגעבּויגען, די האָט זעהר פֿלינק געשטריקט אַ זאָק און אָהן ווערטער עפּעס געמאַכֿט מיט די ליפּצען. זי איז געוועזען שטאַרק פֿערטראַכֿט. זי האָט גע־טראַכֿט וועגען דעם, אַז ס'איז היינט זעהר אַ שטילער שלימזל'די־גער טאָג. דער אָנהויבּ איז אַפּילו היינט געוועזען פֿאַר בּאַר-געלד און פֿונדעסטוועגען איז נאָך נישטאָ אין קאַסע פֿון דער פּריה אָן קיין האַלבּער רובּל. זי טראַכֿט אויך וועגען דעם, אַז פֿון בּראָנ־פֿען-פֿאַס געהט שוין נישט קיין פֿולער שטראָם, זי ווייסט, אַז ס'איז צוליבּ דעם, וואָס אין פֿאַס איז שוין גאָר ווייניג דאָ...

איילענדיג זיך, מיט אַ סוחרישע מינע, איז אַקסעניע אַריינ־געקומען אין שענק, אַ ניכֿטערע און ערנסטע, צוגעהענדיג צום בּופֿעט, האָט זי אַנידערגעלעגט זיבּעצעהן קאָפּיקעס און האָט

ענטשלאָסען און אַפּילו עטוואָס בייז, געזאָגט:

—גיב די וואַטענע קאָפּטע און ס׳טיכעל.

מלכּה האָט עטוואָס פערוואונדערט אַ קוק געטהון אויף איהר, האָט אפּעהרגענומען פון אונטער׳ן בופעט די קאָפּטע און ס׳טיכעל, האָט עס איהר דערלאַנגט און גוטמוטיג, ווייך געזאָגט:

—אָט אַזוי האָב איך דיך ליעב, אַז דו קויפסט אויס די שמאַטעס!...

אַקסעניע האָט זיך געפיהלט געשמייכעלט פון די רייד, אָבער זי האָט אויפ׳ן געזיכט ווייטער געמאַכט דעם אויסדרוק פון שטרענגער ענטשלאָסענקייט און האָט האַרט געזאָגט:

—כ׳וועל היינט גאָרנישט טרינקען. אין אָווענד וועל איך אויסקויפען דאָס קליידעל און די שיך.

זי האָט אָנגעטהון די קאָפּטע, האָט פערוואָרפען אויף די פּלייצעס דאָס טיכעל און איז געבליבען שטעהן אין מיטען צימער, נישט וויסענדיג וואָס צו טהון. ענדליך האָט זי גוטמוטיג געזאָגט:

—לאָז מיך, מלכּה׳לע, כ׳וועל דיר אָבוואַשען די פּאָדלאָגע ביי דיר אין שלאָף-צימער...

—וואַש-אָב... כ׳וועל דיר געבען דריי קאָפּיקעס...

—אומזיסט וועל איך וואַשען, מלכּה׳לע—האָט אַקסעניע בעזונדערס צערטליך געענטפערט.

## ב

זי האָט נאָך נישט בעוויזען צו ענדיגען, ווי אין טהיר האָט זיך בעוויזען אַ משונה׳דיגע געשטאַלט: אַ הויקערדיגע, אַ קרומע, מיט ברייט צושטעלטע, קרומע פיס. אָט די חוזק׳דיגע געשטאַלט, איז אַ מינוט געבליבען שטעהן אין דער טהיר און דערזעהענדיג אַקסעניען, גענומען זיך צאַפּלען שנעל ווי אַ מאַלפּע און צו איהר זיך שאַרען מיט׳ן גאַנצען קערפּער און מיט דער קורצער קוליע.

דאָס איז געוועז איינער פון די פּריווילעגירטע בעטלער, מיכאַליק.

מיכאַליק האָט זיך ווי ס'ווייזט אויס, שטאַרק דערפרעהט מיט אַקסעניען. אויף זיין יונג געזיכט, מיט גאַנץ מעסיגע געזיכטס-שטריכען, מיט'ן דריי-עקיגען, בלאָנדען בערדעל, האָט זיך בעוויזען אַ צופריעדען, עטוואָס כיטרע שמייכעלע. צו הינקענדיג צו אַקסעניען איז ער געבליבען שטעהן נעבען איהר, און אָנגעקוקט זי מיט אַ פרעגענדיגען איראָנישען בליק. ער האָט שפּאָטיש געפרעגט:

—האָסט שוין „פערגאָסען"?

אַקסעניע האָט זיך אינגאַנצען איינגעקורטשעט אונטער מיכאַליקס שאַרפען בליק. צעמישט און פערלוירען, האָט זי קוים אַרויסגערעדט:

—שוין „פערגאָסען"...

מיכאַליק האָט זיך ברייט צעשמייכעלט, האָט לוסטיג אַ קוק געטהון אויף איהר און צוגעהינקט צום בופעט.

—קום, נאָך טרינקען,—האָט ער געהענדיג, געזאָגט צו איהר. אַקסעניע האָט זיך נישט געריהרט פון אָרט, זי האָט נאָר נאָכגעקוקט מיכאַליקען מיט אַ שווערען, כמעט בעליידיגטען בליק. מיכאַליק האָט זיך געהייסען געבען אַ האַלבע קוואָרט און ווענדענדיג זיך צו חנה'קע'ן, וועלכע איז אָקאָרשט נאָר וואָס אַריינגעקומען, האָט ער לוסטיג אַ זאָג געטהון.

—ס'געהט מיר נישט, חנה'קע, כאָטש טהו זיך אַ מעשה אָן! נעכטען בין איך צוויי מאָל דאָ געווען—און זי נישט געטראָפען (ער האָט געוויזען אויף אַקסעניען) און היינט, אַז כ'האָב זי שוין יאָ געטראָפען, איז זי ניכטער'ן און זויער... זי וועט זיך נאָך אינגאַנצען אָבגעוואוינען פון מיר, כאַ-כאַ-כאַ!

—ביזט אַ גוטער מענש!—האָט חנה'קע פערדראָסיג געזאָגט—ווי קען מען דאָס אַזוי שלאָגען אַ מענש, ווי דו שלאָגסט זי? דו האָסט זי דאָך די וואָך שיער נישט דערהרג'עט!

—איך וועל די אָבגעוועהנען פון בראָנפען, האָט מיכאַליק, אַלץ מיט דעמזעלבען שמייכעלע געענטפערט און זיך צעלאַכט.

—וועסט אָבגעוועהנען—האָט אַקסעניע געלאַסען און קרענקליך אומעטיג, זיך אָבגערופען.—מעסט אַרויסקלאַפען די נשמה—חעסטו אָבגעוועהנען!

—פון דיר וועט מען זי נישט אַזוי גיך אַרויסקלאַפּען. איך קלאַפּ די דאָך, דוכט זיך געווג—און קלאַפּ אַלץ די נשמה נישט אַרויס. זי מוז פעסט זיצען, כאַ-כאַ-כאַ! נו, קום אַהער, טרינקען!—האָט ער בעפעהלעריש געענדיגט, צעגיסענדיג דעם בראָנפען אין צוויי גלעזער.

—כ'וועל נישט טרינקען...—האָט אַקסעניע טרוקען און גע-לאַסען געענטפערט.

—אַט, אַ הייליגע, כאַ-כאַ!—האָט זיך מיכאַליק לוסטיג צע-לאַכט. — וועהסט, חנה'קע, איך האָב זי שוין אָבגעוועהנט פון בראָנפען.

און ווענדענדיג זיך צו אַקסעניען, האָט ער שטרענגער צו-געגעבען:

-נו, קום טרינקען, אַז מ'זאָגט דיר!

אַקסעניע האָט זיך נישט גערוהרט פון אָרט.

מיכאַליק האָט בייז אַ קוק געטהון אויף איהר און אין זיינע אויגען האָט אַ גלאַנץ געטהון עפּעס מערדערישעס. אַ קלאַפּ טהוענ-דיג מיט דער קוליע אָן דער פּאָדלאָגע, האָט ער דראָהענד געזאָגט:

—אַק-סענ-יע!

אַקסעניע האָט אַ צאַפּעל געטהון אָך, מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, ווי אַ פּער'משפּט'ע, איז זי צוגעגאַנגען צום בופעט.

—אַזוי געמיין שטיק!—האָט מיכאַליק מיט פּערדראָס געזאָגט.— די וויל נאָך נישט! אַז מען הייסט דיך טרינקען—טרינק. דו האָסט שוין לאַנג נישט פּערזוכט די קוליע?

אַקסעניע האָט שוויינענדיג גענומען דאָס גלאָז און אויס-געטרונקען. מיכאַליק האָט אויך אויסגעטרונקען.

—דו וועסט זיך נאָך דערשפּילען, מיכאַליק, מיט דער קוליע דיינער אין טורמע אַריין!—האָט זיך חנה'קע אָנגערופען.

ביי מיכאַליקען אויפ'ן געזיכט האָט זיך ווידער בעוויזען אַ גליקליך שמייכעלע און אין די אויגען אַ כיטרע פייערעל.

—פּאַרוואָס וועל איך זיך דערשפּילען?—האָט ער איבער-געפרעגט מיט אַ געמאַכטער נאַאיוויטעט, און האָט מיט ליבשאַפט אַ בליק געטהון אויף דער קוליע.

—דו האָסט דאָך מאַשקען צומזיק׳ט. זי איז דאָ נעכטען געווען זי קען קוים געהן. דער גאַנצער פוס איז איהר געשוואָלען, אַ שרעקליכע וואונד. דו האָסט איהר איבערגעהאַקט אַנ׳אָדער אין פוס...

—כ׳האָב זי אויך אָבגעוועהנט פון בראָנפען, כאַ-כאַ!—האָט מיכאַליק ווי פריהער לוסטיג געענטערט.

—אָבגעוועהנט האָט ער. זי וועט געהן אין פּאָליציי זיך בעקלאָגען, וועסטו בעקומען ס׳דייניגע.

—זי וועט זיך נישט בעקלאָגען,—האָט מיכאַליק פערזיכערט און אין די אויגן האָט זיך ביי איהם ווידער בעוויזען עפּעס בייזעס.

און ווענדענדיג זיך צו אַקסעניען, האָט ער מיט אַ מערדעריש געלעכטער׳ל געזאָגט:

—און דו ביזט נאָך נישט געווען אין פּאָליציי קלאָגען זיך אויף מיר?

אַקסעניע האָט אויפגעעפענט ס׳מויל עפּעס צו זאָגען, אָבער זי האָט נאָר טיעף אָבגעזיפצט.

—אָ, זי קרעכצט!—האָט זיך מיכאַליק צעלאַכט.

אַרויסנעהמענדיג פון טאַש אַ בייטעלע, האָט ער אָבגעצעהלט זעקס קאָפּיקעס און דערלאַנגט אַקסעניען.

—נאַ! זיי מתפלל פאַר מיין זינדיגער נשמה איבער אַ סאָטקע, כאַ-כאַ! און אין אָווענד זאָלסטו אַריינקומען צו איוואַנאָוונאַ!... נאָר נישט שפּעט, אַז נישט זעהסטו!

און ווייזענדיג איהר די קוליע האָט ער אַרויסגעהינקט.

עטליכע מינוט האָט אין שענק געהערשט אַ טיעפע שטילקייט.

—בהמה! פאַרוואָס צושיידסט דו זיך נישט מיט איהם—האָט זיך חנה׳קע ענדליך אָבגערופען. ער וועט דאָך דיך ווען עס איז דער׳הרג׳נען...

—געוויס, ער וועט דער׳הרג׳נען... האָט אַקסעניע טרויעריג געזאָגט.

—טאָ פאַרוואָס וואַרפסטו איהם נישט אַוועק?

—ער וועט זיך דאַן אָבטשעפּען?... ווען איך וואָלט קיין

בראָנפען נישט געטרונקען...

און אַראָבשלינגענדיג די טרערען וואָס האָבען זי ביים האַלז געשטיקט, האָט זי מיט אַ פערשטיקטע שטימע צוגעגעבען:

—איהם, די חיה, איז אַלץ איינס, צי דו לעבסט מיט איהם, צי נישט... אָט האָט דאָך מאַשקע מיט איהם נישט געלעבט און ער האָט זי אַזוי צעשעדיגט.

—פאַרוואָס זשע געהסטו נישט אין פּאָליציי?—האָט חנה'קע נאָכאַמאָל געפרעגט און, נישט וואַרטענדיג אויף קיין ענטפער, איז זי אַרויסגעגאַנגען.

אַקסעניע האָט האָפנונגסלאָז אַ מאַך געטהון מיט, דער האַנד און האָט טיעף אָבגעזיפצט.

## ג

אַ פרוי פון אַ יאָהר דרייסיג, אַ בלייכע, מיט צעשויבערטע האָר, מיט אַ צעקרומט, דערשראָקען געזיכט און צעמישטע אויגען, איז געקומען אַריינצולויפען.

—אוי, מלכה, ראַטעווע!! בעהאַלט מיך שנעלער!! ער יאָגט מיך! ער וויל מיך דערהרג'נען!

און זי האָט גענומען אַרומלויפען ווי אַנ'אונטערגעשאָסע-נע, זוכענדיג, וואו זיך צובעהאַלטען.

—ווער?... וואו?... וואָס?... האָבען מלכה און אַקסעניע אין שרעק אויסגעשריען און האָבען מיט די אויגען געזוכט דעם פער-פאָלגער.

—אַנטאָן!!—האָט די פרוי אין פערצווייפלונג אויסגעשריען—גאָט מיינער, גיכער, גיכער!!

—לויף אין שלאָף-צימער און בעהאַלט דיך הינטער דער שאַפּע!—האָט די אַלטע איילִיג אויסגערופען און אַריינגעשלעפּט די צעמישטע פרוי אין די אינווענינסטע צימערען, צוריקקומענדיג איז זי געבליבען שטעהן אין מיטען שענק און מיט שרעק גע-קוקט אויף דער איינגאַנגס-טהיר.

--מלכה לעבען! גאָה, זעץ זיך ביים בופעט, אַז נישט, וועט

ער נאָך בעמערקען!—האָט אַקסעניע איילענדיג אַרויסגעשעפּטשעט און האָט זיך אַליין אויך אַוועקגעזעצט ביי דער לעזשאַנקע.

א קליינע ווײלע האָט אין שענק געהערשט אַ טיפע פער־ביסענע שטילקייט, ווי פאַר אַ שטורם.

פּלוצים האָט זיך די טהיר רוישיג, מיט אימפּעט געעפענט פון אַ העפטיגען שטויס פון דרויסען און אין שענק האָט זיך אַריינ־געריסען אַ מאַן פון אַ יאָהר פערציג, אַ הויכער, אַ געזונדטער, אַ געשטופּעלט געזיכט מיט גרויע, האַלב שכור׳ע און צורייצטע אוי־גען. דאָס אונטערגעשוירענע, געדיכטע, געלע בערדעל, די וואָנסען־בערשטען און די בולטע, קיענבאַקען־ביינער, האָבען צוגעגעבען זיין געזיכט אַנ׳אויסדרוק פון ליידענשאַפט און ברוטאַליטעט. אָנגעטהון איז ער געווען אין שפּאָגעל נייע מלבושים: אין אַ נייעם פּאַלטאָ, הוט און שטיבלעטען, אויף דער רייגער מאַנישקע איז געווען פערבונדען אַ בונטער קראַוואַט. אין אַלגעמיין, איז אויף דעם גאַנ־צען אויסגעפּוצטען פּאַרשוין געווען צו דערקענען צעלאָזענהייט און פערדאָרבענקייט.

אַרומקוקענדיג זיך בייז איבער דער שענק, האָט ער מיט אַ ציטערדיגע שטימע פון כעס געזאָגט:

—וואו איז פּראַסקאָוויאַ?

—פון וואַנען זאָל איך וויסען, וואו דיין פּראַסקאָוויאַ איז?—האָט מלכה ציטערדיג פון שרעק, מיט אַ וויינענדיגער שטים גע־ענטפערט.

—אַנטאָן מאַקסימיטש!—האָט אַקסעניע שעפּטשענדיג און האַלב איינרוימענדיג, זיך אָנגערופען. זי איז אָקאָרשט נאָר וואָס אַריין אין אַפּטייק... כ׳האָב עס דורכ׳ן פענסטער געזעהן, זאָל איך פגר׳ען! זי איז געוויס צו דער שוועסטער אַריינגעלאָפען.

אַדורכשפּיזענדיג זי מיט אַ בייזען בליק, האָט אַנטאָן, מיט׳ן גאַנצען אימפּעט אַ זעץ געטהון מיט׳ן קולאַק אין טיש און האָט ווילד אויסגעשריען:

—פּראַ־אַסקאָוויאַ׳ן גיב אַהער!! הערסט, פערפלוכטע זשי־דאָווקאַ, וואָס מ׳רעדט צו דיר? פּראַסקאָוויאַ׳ן גיב אַהער!

פון זעץ מיט׳ן קולאַק אָן טיש, זענען אַלע גלעזער און־

טערגעשפרונגען און איין פלאַש איז אַראָבגעפאַלען אויף דער ערד און צעבראָכען געוואָרען.

—געוואַלד, ער צעברעכט מיר אַלץ!—האָט מלכה אין שרעק זיך צעשריען.

—כ׳וועל צעברעכען! מיין ווייב גיב מיר אַהער!—האָט אַנטאָן נישט אויפגעהערט סקאַנדעלעווען.

געוואַלד, וואו זענען אַלע אַהינגעקומען? לויפט ווער אין פּאָליציי—האָט די אַלטע געיאָמערט.

—אין פּאָליציי? אָט האָסטו דיר מיין פּאָליציי!

און כאַפּענדיג פון טיש די שיסעל מיט פיש, האָט ער זי מיט אימפּעט אַ שליידער געטהון אין דער ערד.

און דאָס פּאַסקודסטוואָ—וועל איך שוין אַליין געפינען! פון אונטער דער ערד וועל איך זי אויסזוכען!—האָט ער געשריען און האָט זיך געלאָזט און די אַנדערע צימערען.

מלכה איז געבליבען שטעהן פערשטיינערט אויפ׳ן אָרט, מיט אַ פערגליווערטער שרעק אין די אויגען. אַקסעניע איז געשטאַנען אַ צעמישטע מיט צענומענע הענד און נישט געוואוסט וואָס צו טהון.

פון די אינווענינגסטע צימערען האָט זיך פריהער דערהערט אַ פאַלען פון מעבעל, דערנאָך האָט זיך דערטראָגען אַ הילכיג געשריי פון פּראַסקאָוויאַ׳ן:

—ראַטעוועט!! ר׳דערהרג׳עט!!

און אַריינלויפענדיג אין שענק-שטוב, האָט זי זיך געוואָרפען צו דער טהיר. אָבער אַנטאָן האָט זי דעריאָגט, אָנגעכאַפּט און מיט אימפּעט אָבגעשליידערט פון דער טהיר, שרייענדיג:

—דעם שליסעל פון דער שטוב, נבלה, גיב אַהער!

פּראַסקאָוויאַ איז אומגעפאַלען, נאָר זי איז גלייך אויפגעשפּרונגען און לויפענדיג איבער דער שענק, האָט זי פערצווייפעלט און מיט טרעהרען געשריען:

—כ׳וועל דעם שליסעל נישט געבען! כ׳וועל דיר נישט געבען, גזלן, פרעמדע וועש צו פערשכור׳ען! דער׳הרג׳ע—און געבען וועל איך נישט!

אַנטאָן האָט זיך געוואָרפען נאָך איהר, זי אָנגעכאַפּט בײַ'ר

די האָר, אַנידערגעוואָרפען און גענומען שלאָגען. אָבער אין גע-שלעג האָט זיך אַקסעניע אַריינגעמישט—און מיט איהר הילף האָט זיך פראַסקאָוויאַ'ן איינגעגעבען אַרויסצורייסען פון מאַנס הענד.

אַנטאָן האָט זיך ווייטער געוואָלט וואַרפען אויף פראַסקאָ-וויאַ'ן, אָער ער האָט זיך פּלוצלונג בעקלערט.

—נו, גוט! וועסט נישט געבען דעם שליסעל—וועל איך די טהיר אויסברעכען און נעהמען וואָס כ'וויל.

און ער האָט זיך געוואָרפען צו דער טהיר. ביי דער שוועל האָט ער זיך אָבגעשטעלט און מיט אַ דראָהענדער שטימע האָט ער אויסגערופען:

— געדענק, נבלה! דו וועסט שוין קיין לעבעדיגע נישט זיין! כ'וועל דיך דערקוילענען, ווי מיר האָבען אַ גאַט אויף דער וועלט—כ'וועל דיך קוילען!

און ער איז אַרויסגעלאָפען.

פראַסקאָוויאַ האָט איהם געוואָלט נאָכלויפען, נאָר מלכה האָט די אַ דערשראָקענע אָבגעהאַלטען.

—אוי, וואוהין לויפסטו! אוי, ער וועט דאָך דיך דער-הרג'ענען! ווצה, ווצה, ער האָט מיך בדלות געשטעלט!

—ער וועט דאָך דעם שלאָס אַראָבדרעהען און די פרעמדע וועש צונעהמען!—האָט פראַסקאָוויאַ געיאָמערט, נאָר איבערגע-בליבען איז זי. און פּלוצלונג האָט זי זיך אונמעכטיג אַראָבגע-לאָזט אויף דער באַנק און זיך היסטעריש צעוויינט.

אַקסעניע, וועלכע האָט אין געשלעג געכאַפּט עטליכע שטאַר-קע קלעפּ איז צוגעלאָפען צו דער טהיר און נאָכגעשריען אַנ-טאָנ'ען:

—קאַטאָרזשניק! רויבער! מערדער! מע-ע-ער-דער!!

און סאַפּענדיג איז זי צוריק אַריין צום בופעט צו, אַנידער-געוואָרפען אויס'ן בופעט די זעקס קאָפּיקעס, וועלכע מיכאַליק האָט איהר געגעבען און געהייסען זיך דערלאַנגען אַ „סאָטע".

## ד

אין שענק איז אַריינגעקומען אַ הויכער, עטוועס איינגעהויקערטער מאַן פון אַ יאָהר פערציג, מיט אַ גוטמוטיג נאַאיוו געזיכט, מיט אַ כמעט אויסגעקראָכען ציגען-בערדעל. אין זיינע העל-בלויע אויגען איז געווען אַ מין קינדישע אונבעהאָלפענקייט, אָדער ערשטוינונג. בלייבענדיג שטעהען אין מיטען שענק, האָט ער זיך אומגעקוקט און געפרעגט:

— ע?... עפּעס זענען די ווייבער אַזוי?...

— אַ באַנדיט איז דאָ געווען! אַ קאַטאָרזשניק! אַ קרענק זאָל איהם נעהמען! — האָט אַקסעניע אויפגערעגט געזאָגט.

— ע?... האָט דער אַריינגעקומענער ווייטער זיך געוואונדערט.

— אַך, לעאָן, לעאָן — פאַרוואָס ביזטו פריהער נישט אַריינגעקומען! — האָט מלכה מיט אַ וויינענדיגער שטימע געזאָגט, אויפקלויבענדיג די פיש פון דער ערד. מ'האָט אונז דאָ שיער נישט דער הרג'עט... אַלע כלים צעבראָכען... די פיש! זעהסט?

— איהר מאַן... — האָט אַקסעניע איינרוימענדיג ערקלערט, ווייזענדיג מיט די אויגען אויף פראַסקאָוויאַ. ער איז אַריינגעלאָפען, האָט זי אויסגעשלאָגען, און איך האָב אויך געכאַפּט.

אַך, זאָלען איהם פליגען און קאָמאַרעס עסען! — האָט לעאָן אויסגערופען, נישט אַזוי פון פערדראָס, ווי פון פערוואונדערונג. ס'ווייב האָט ער געשלאָגען?... אָט האָסטו דיר!

און צוגעהענדיג צום בופעט, האָט ער מיט אַ ברייטען שמייכעל אויפ'ן געזיכט געזאָגט:

— גיב אַהער, מלכה, די שטיוועל! כ'האָב געבראַכט געלד!

און אַרויסנעהמענדיג פון טאַש אַ הויפן קופערנע און זילבערנע מטבעות, האָט ער עס נישט צעהלענדיג, אַנידערגעלעגט אויפ'ן טיש.

— אָ, וויפיעל געלד, כאַ-כאַ! — האָט ער מיט אַ פרעהליך געלעכטער אויסגערופען — וויפיעל קומט דיר?

—דריי און זעכציג קאָפּיקעס, פאַר ניין „סאָטעס״ ספּירט— האָט מלכה געענטפערט.

—נו, גוט! אָט האָסטו געלד, צעהל דיר אַליין און נעהם וויפיעל עס קומט דיר... אי... איך וויים נישט, כאַ-כאַ! עסען דיך פליגען און קאָמאַרעס!

און אַ מאַך טהוענדיג צוטרויליך מיט דער האַנד האָט ער זיך צעלאַכט מיט אַ שטיל, פרעהליך געלעכטער׳ל

צופרידען פון אַזאַ אונגעוועהנליכען צוטרוי פון לעאָנ׳ען, האָט מלכה געהאַלטען פאַר נויטיג צו ווייזען, אַז זי פערדינט עס. זי האָט געצעהלט דאָס געלד אויף דער ברייט געעפענטער פאַראויס אויסגעשטרעקטער האַנד און האָט, מיט אַ טאָן פון בעליידיגטער אונשולד, גערעדט:

—איך וויל קיין פרעמדס נישט נעהמען... עס זאָל אַפילו געלד ליגען... איך דאַרף נישט קיין פרעמדס... איך בין שוין דאַנקען־טאָן, נישט דאָס ערשטע יאָהר סוחר׳טע... אַ, זעה אַליין... דאָ איז אַ רובל מיט זעקס און פערציג קאָפּיקעס... בלייבט הייסט עס איבער דריי און אַכציג קאָפּיקעס... זאָל איך זיי איבערלאָזען, אָדער דיר געבען?—האָט זי געענדיגט מיט אַ טאָן פון איינעם, וואָס איז דאָס קיין שום נוועון פאַר זיך נישט אויסען.

—לאָ־זאָ עס דיר! כ׳וועל עס מיט בראָנפען אָבנעהמען— האָט לעאָן, ווי פריהער גוטמוטיג געענטפערט. פלוצים האָט ער, ווי דערמאָהנעהנדיג זיך עפּעס, דערשראָקען צוגעגעבען:

—פעאָדאָסיע איז דאָ נישט געוועז? ניין?

—ניין, ניין! זי איז דאָ נישט געוועז! זי איז נישט אַריינגעקומען—האָבען איהם מלכה און אַקסעניע אויפאַמאָל בערוהיגט.

לעאָן האָט גענומען אַ האַלבע קוואָרט בראָנפען, האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ בעזונדער טישעל און גוטמוטיג איבערגעפרעגט:

—אַזוי זאָגסטו? דער מאַן האָט זי געשלאָגען? אַך, זאָלען איהם גאַנצען עסען!

ער האָט זיך אָנגעגאָסען אַ גלאָז בראָנפען און מיט הנאה אויסגעטרינקען.

—ער האָט זי געשלאָגען און מיך און די אָרימע מלכה

נעבעך, האָט אויך געגאַסען: אַ שיסל מיט פיש האָט ער אַראָב-געוואָרפען!—האָט אַקסעניע זיך געהיצט. פלוצים האָט זי אומ-געריכט צוגעגעבען:

—לעאָן גאַוורילישט! הייסט געבען אַ „סאָטע”! זייט אַ לייב-ליכער פאָטער! ביז אין קבר אַריין!...

—עך, זאָלען דיך עסען!... האָט זיך לעאָן גוט-האַרציג צעלאַכט—נו, טרינק! מלכּה, גיס איהר אָן אַ סאָטע... נאָר גע-דענק אַקסעניע, פעאָדאָסיען... קיין וואָרט...—האָט ער שוין ערנסט צוגעגעבען.

—גאָרנישט! אוי, גאָטעניו מיינער! ווייס איך דען נישט!—האָט אַקסניע אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד.

אויסטרינקענדיג די סאָטע, האָט זי געכאַפּט זיין האַנד, אַ קוש געטהון און געזאָגט זעהר געריהרט:

—לאז דיר גאָט געבען געזונד און אַלדאָס גוטס!

## ה

פּראַסקאָויאַ, וועלכע איז די גאַנצע צייט געזעסען אין אַ זייט, דערשלאָגען, מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, האָט טיעף, טיעף אָבגעזיפצט און שטיל, צו קיינעם זיך נישט ווענדענדיג, גענומען ריידען:

—גאָט מיינער, גאָט מיינער! פאַרוואָס בין איך אַזוי אומ-גליקליך אויף דער וועלט געקומען! פאַרוואָס האָט מיך מיין מו-טער קליינערהייד נישט דערשטיקט! כ׳וואָלט דאַן פון אַ זעלכע קאַטאָרזשנע יסורים נישט געוואוסט!... ס׳איז דאָך נישטאָ דער טאָג, ער זאָל מיך נישט פייניגען... זינט ער איז פון „סלוזשבע” אַהיימגעקומען, האָט זיך פאַר מיר אַ קאַטאָרגע אָנגעהויבען... שוין פינף יאָהר... ר׳האָט זיך צענויפגעקאָמפּאַניעט מיט „נאַטשאַלסטוואָ”... מיט׳ן גובערנאַטאָר׳ס לאָקייען... גאַנצע נעכט ביז פאַרטאָגס הוליעט ער מיט זיי אויף בעלער, טענץ און נאָך אַנדערע זאַכען... אַך-אַך-אַך! ר׳האָט אויפגעהערט צו אַרבייטען!...

—וואָס פאַר אַ בעל-מלאכה?—האָט לעאָן געפרעגט.

—אַ שוסטער. און נאָך וואָס פאַר אַ בעל-מלאכה! גאָלדע-נע הענד. ער וואָלט געקאָנט זיין דער ערשטער שוסטער... אַזוי, אַזוי! האָב איך נאָך ווייניג געהאַט זיין שיכּרות, האָט ער נאָך פאַראַיאָהרען גענומען נאָכלויפען נאָך מאַרפע׳ן—זי האָט דעמאָלט ביי מיר געוואַשען. דערנאָך האָט ער מיך איינגאַנצען אַוועקגע-וואָרפען און געגאַנגען מיט איהר וואוינען... מיט איהר לעבּט ער און אַז ער דאַרפט געלד, קומט ער צו מיר „גיב אַהער!“ כ׳האָב געליטען, אַלץ האָב איך איבערגעטראָגען... פאַראַיאָהרען איז ער חולה געוואָרען, אויף פּאָקען... און איז אָפּגעלעגען דריי חדשים. מאַרפע האָט זיך צוליב דעם אַריינגעקליבען צו מיר אין דירה און מיר זענען ביידע אַרומגעגאַנגען אַרום איהם, גאַנצע נעכט נישט געשלאָפען, צום טויט געהאָרעוועט. דאָקטוירים, רע-צעפּטען—אַלץ. און מיר האָבען איהם פון דער קרענק אַרויסגע-נומען. ער איז געזונד געוואָרען, און איז ווייטער אויף זיין שטייגער. ר׳איז נאָך ערגער געוואָרען, ער טרינקט אָהן אַ מאָס... נעכטען האָט ער אַ גאַנצע נאַכט גע׳שיכּור׳ט... היינט ביי טאָג קומט ער צו געהן: „גיב דריי רובל!“ איך האָב דאָך קיין גראָ-שען נישט“, זאָג איך איהם. „נו, זאָגט ער, פערזעץ זשע די וועש!“ זעה איך, אַז ער וועט זיך נישט אָבטשעפּען, און מאַר-פע איז גראָד אין שטוב נישט געוועזן, האָב איך איהם אָבגע-טהוען אַ שטיקעל: „געה זשע, זאָג איך, אויפ׳ן בוידעם אַרויף נאָכ׳ן קויש“, און אַזוי ווי ער איז אַרויסגעגאַנגען, האָב איך דערווייל אָנגעהאָנגען אַ שלאָס אויף דער טאַטע און אַנטלאָפען, אָך-אָך-אָך!

—וואָלסט זיך אפשר אויף איהם געגאַנגען קלאָגען?—האָט אַקסעניע נישט זיכער אַרויסגעשטאַמעלט, דערמאָהנענדיג זיך חנה׳קעס עצה.

פּראַסקאָוויא האָט אויף איהר אומעטיג אַ קוק געטהון.

—האַרציגע מיינע! וואָס וועט מיר העלפען דאָס קלאָגען זיך? מען וועט איהם אויף אַ וואָך איינזעצען אין אַרעסט, וועט

זיך שוין דורך דעם זיין כאַראַקטער ענדערן? ער וועט נאָך ערגער ווערען.

זי האָט טיף אָבגעזיפצט.

—גאָטעניו!—האָט זי ווייטער אין גרויס פערצווייפלונג גע-רעדט.—און וואָס פאַר אַ מענש דאָס איז, ווען ער איז ניכטער! אַ קלוגער, אַ געבילדעטער. אַלץ קען ער, אַז ער רעדט, איז דאָ וואָס צו הערען. אַזאַ טענצער, אַז ס'איז גאָר זיין גלייכען אין שטאָדט נישטאָ! און פון דעם אַלעם ווערט אַ תל. ער איז פערפאַלען צוליב דעם פערשאָלטענעם בראָנפען!...

## ו

שנעל, מיט נערוועאישע טריט איז אין שענק אַריינגעקו-מען אַנ'אויסגעפוצט מיידעל פון אַ יאָהר פינפאונצוואַנציג, מיט געלע האָר, מיט אַ ליב פנימ'ל, מיט אַ חוצפה'דיגען בליק און אַנ'עטוואָס אַרויפגעריסען נעזעל.

—פּאַשאַ, ער האָט דיך געשלאָגען?—האָט זי ציטערענדיג פאַר כעס און מיט אַנ'אויפגערעגטער שטים געפרעגט צוגעהענ-דיג צו פראַסקאָוויא'ן.

—ר'האָט געשלאָגען, מאַרפינקע!...—האָט פראַסקאָוויא קלאָ-גענדיג זיך, געענטפערט.

—וואָס מיינט ער מיט זיך, דער מנוול?—האָט מאַרפע אין טיפער אויפרעגונג אויסגעשריען.—ווי ער האָט זיך דאָס צולאָזט! אָנשטאָט צו דאַנקען פאַר'ן עסען, טרינקען און קליידען—שלאָגט ער גאָר! ער האָט דאָך נעכטען מיר אויך אַנ'אויג אונטערגע-האַקט! האַ? נו! איך וועל איהם שוין—נישט דו! איך וועל איהם דאָס נישט מוחל זיין! קיינמאָל נישט!!

אַקסעניע, וועלכע האָט אויסגעהערט מאַרפעס רייד מיט אַנ'אַלץ וואַקסענדער אויפרעגונג, איז פלוצלונג צוגעשפרונגען צו איהר, האָט אַ שטאַרקען פּאַטש געגעבען מיט די הענד און האָט צאָרנדיג אויסגעשריען:

—ער האָט דיר אַנ׳אויג אונטערגעהאַקט—און דו ביזט עס ווערט! ביזט עס ווערט! זאָ,סט נישט אָבריידען קיין פרעמדע מענער! אָט האָסטו אַ בעלוינונג! ביזט עס ווערט.

—כאַ-כאַ-כאַ!—האָט זיך לעאָן צולאַכט. אָט האָט זי בע-קומען! אָט האָט זי אָבגעריסען! כאַ-כאַ-כאַ! נו, אָט וואָס אַ נקבה קען, ווי וואוילו! עך, זאָלען דיך עסען!...

מאַרפע האָט אַ ציטער געטהון, האָט זיך האַסטיג אומגע-קעהרט צו אַקסעניע׳ן, האָט זי אָבגעמאָסטען מיט אַ שטאָלצען פעראַכטליכען בליק און האָט מיט אַנ׳איינגעהאַלטענעם כעס גע-זאָגט:

—דו, פיגור, האַלט ס׳מויל, און רייד נישט קיין סך, מיש זיך נישט אין פרעמדע עסקים, הערסט?

און נעהמענדיג צערטליך פראַסקאָוויע׳ן אונטער׳ן אָרעם, האָט זי ווייך צוגעגעבען:

—קום, פאַשענקאַ!...

פראַסקאָוויא איז שווייגענדיג, אונטערטעניג, מיט אַנ׳אַראָב-געלאָזטען קאָפּ איהר נאָכגעגאַנגען.

אַקסעניע האָט זיך אָבער נישט בערוהיגט:

—שווייגען זאָל איך? שררה׳טע גרויסע! כ׳וועל עס שטענ-דיג זאָגען! פערפיהר נישט קיין פרעמדע מענער!

און צולויפענדיג צו דער טהיר, האָט זי מאַרפע׳ן נאָכ-געשריען:

—קאָכערלעפעל! נבלה! הולטאַיקע!

לעאָן, וועלכער איז שוין דערוויילע געוועזען גוט שיכור, איז גאָר אַריינגעקומען אין עקסטאַז פון אַקסעניעס זידלעריי.

—וואָס אַ נקבה קען!—האָט ער געשריען פאַטשענדיג זיך אין די זייטען. נו, די אַקסעניע! עך, זאָלען דיך עסען!... כאַ-כאַ-כאַ! אַקסעניע!—האָט ער אַ געשריי געטהון,—ווילסט טרינקען נאָך אַ סאָטע?...

# ז

ער האָט פלוצלונג איבערגעהאַקט אין מיטען די רייד.
אויף דער שוועל האָט זיך, ווי אַ שרעקליכע ערשיינונג, בעווי-
זען זיין ווייב פעאָדאָסיע. אַ קורנאָסע פרוי, מיט אַ געזונדט
ענערגיש געזיכט פון אַ בריה'שער מאַרק-זיצערין.

שטעהענדיג אויף דער שוועל, האָט פעאָדאָסיע אָנגעקוקט
לעאָנ'ען מיט כעס און זיך אָנגערופען מיט אַ גיפטיג-ווייך דין
שטימעלע:

—זי וועט טרינקען, לעאָן גאַווריליטש! זי וועט טרינקען!
דו הייס נאָר געבען—און זי וועט שוין טרינקען, זיי רוהיג!

און צופאַלענדיג צו לעאָנ'ען האָט זי זיך צעשריען מיט
איהר אמת'ער שטימע:

—עך, דו פערשאָלטענער פלאָקען, דו! האָסט שוין אָבגע-
היטען די מינוט ווען איך וועל נישט זיין? האָסט אַרויסגענומען
פון שופלאָד די גאַנצע מזומנים און איצט טרינקסטו אַלע אויס-
וואורפען אָן מיט בראָנפען! האַ? אַהער גיב דאָס געלד!—האָט
זי אויסגעלאָזט, אַ שטאַרקען טופע טהוענדיג מיט'ן פוס.

לעאָנ'ען, שרעקליך צעמישט, הילפלאָז און צעטראָגען, האָט
עפעס אומגעלומפערט געשטאַמעלט מיט דער צונג:

—נו, נו! וואָס איז דיר? עך, זאָלען דיך פליגען...

—מאַך דיך נישט תמ'עוואַטע!—האָט פעאָדאָסיע דראָהענ-
דיג אַ געשריי געטהון.—דאָס געלד גיב אַהער! וואו האָסטו עס?

און נישט וואַרטענדיג אויף קיין ענטפער, האָט זי איהם
צעקנעפעלט דעם פאַלטאָ און גענומען זוכען אין די קעשענעס.
לעאָן האָט נישט נאָר זיך נישט געוועהרט, נאָר האָט נאָך
אַרויסגעשטופט די ברוסט, צענימען די הענד, איבערגעבענדיג
אינגאַנצען אין ווייבס רשות אַלע זיינע קעשענעס, דערביי האָט
ער גאַנץ נאַאיוו גע'טענה'ט:

—נו, נאַ, נאַ! זוך! כ׳זאָג דיר, אַז כ׳האָב נישט גע-נומען...

—דו האָסט נישט גענומען? און פאַר וועלכען געלד טרינק-סטו און גיסט נאָך אַנדערע צו טרינקען? און פון שופלאָד וואו זענען אַהינגעקומען דער רובל מיט דרייסיג קאָפּיקעס? האַ?

—נקבה, נאַרישע! נו, נו, וואָס רודערסטו אַרום? נו, טרינק אויס אַ סאָטע... האָט לעאָן, אינגאַנצען זיך פערלירענדיג, געבעלעבעטשעט.

נישט געפינענדיג קיין געלד ביי לעאָנ׳ען אין די קעשע-נעס, האָט זיך פעאָדאָסיע פּלוצלונג געווענדט צו מלכּה׳ן מיט אַ בעפעהלערישען טאָן:

—מלכּה! ס׳געלד גיב אַהער! הערסט, וואָס איך זאָג דיר, גיב אַהער ס׳געלד!

מלכּה, נישט ריכטענדיג זיך אויף אַזאַ מין פערלאַנג, האָט ערשטוינט געזאָגט:

—וואָס, ביזטו משוגע געוואָרען, צי וואָס? וואָס פאַר אַ געלד?

—מאַך נישט קיין אָנשטעלען, הערסט? ער האָט דיר אַוועק-געגעבען דאָס געלד!... און מעהר זאָלסטו איהם קיין בראָנפען נישט פערקויפען.—האָט זי אויסגערופען אַ טופּע טהוענדיג מיט׳ן פוס.

די לעצטע ווערטער האָבען שוין גאָר אויפגערעגט מלכּה׳ן. קוקענדיג אויף פעאָדאָסיע׳ן מיט אַרויסגעזעצטע אויגען, האָט זי בייז געזאָגט:

—אַי-אַי, וואָס פאַר אַ שטרענגע שררה׳טע! „זאָלסט איהם מעהר קיין בראָנפען נישט פערקויפען”. כ׳וועל דיך קומען פרע-גען. און פאַרוואָס וועל איך פאַטענט צאָהלען? איך האַנדעל, גאָט צו דאַנקען, נישט אָהן פאַטענט!

אַ גאָר שטאַרקען איינדרוק האָבען פעאָדאָסיעס לעצטע ווערטער געמאַכט אויף אַקסעניע׳ן. די ווערטער האָבען זיך איהר אויסגעוויזען אויף אַזוי פיל נאַריש און קאָמיש, אַז זי האָט זיך ־ויך צעלאַכט:

–אוי, מלכה-לעבען, אוי הארצינקע! כ׳שטארב אוועק פון געלעכטער,–האט זי געשריען קאטשענדיג זיך.–אוי, אוי, „מעהר זאלסטו איהם קיין בראנפען נישט פערקויפען!” כא-כא-כא!

אקסעניעס געלעכטער האט שרעקליך אויפגערעגט פעאדא-סיע׳ן. זי האט זיך מיטאמאל אומגעקעהרט צו אקסעניע׳ן, האט אויף איהר א שארפען קוק געטהון און אויסגעשריען:

–האלט ס׳מויל, עופש׳דיגע שנארערין! כ׳וועל דיר די מארדע אויספאטשען!

–כ׳פייף אויף דיר!–האט אקסעניע אבגעענטפערט.–מיינסט, אז דו ביזט רייך, האב איך מורא פאר דיר? כ׳לאך פון דיר! אנו, פרוב מיר די מארדע צו פאטשען, פרוב!...

פעאדאסיע האט אין גרימצארן זיך געווארפען אויף איהר מיט די פויסטען, זי האט אבער בעקומען א שטארקען קלאפ אין געזיכט און אין א מינוט ארום זענען שוין ביידע ווייבער, האלטענדיג זיך איינע די אנדערע ביי די האר, געלעגען אויף דער ערד.

–לעאן! לעאן!–האט פעאדאסיע סאפענדיג געשריען.–דער-לאנג איהר! רייס זי אוועק! לעאן!

לעאן האט זיך שוין גאר אינגאנצען פערלוירען. טיף אין הארצען איז ער אייגענטליך געווען צופרידען, וואס זיין פעא-דאסיע בעקומט איצט ס׳איהריגע, אבער דאס געפיהל איז פער-שטיקט געווארען פונ׳ם בעוואוסטזיין, אז אלס מאן, מוז ער זיך אננעהמען פאר פעאדאסיע׳ן. און לאנגזאם, נישט ווילענדיג, האט ער זיך אויפגעהויבען צו צענעהמען די ווייבער.

–נו, ווייבער, ווייבער!... זענען משוגע געווארען... גענוג שוין... איהר האט זיך שוין געשלאגען אויך–און איצט גע-נוג, נו!

מלכה איז אויך נישט ווילענדיג צוגעגאנגען און ביידע צוזאמען איז געלונגען פונאנדערצורייסען די ווייבער.

–ווארט, געמיין שטיק! איך וועל דיר נאך ווייזען–האט אקסעניע אויפגערעגט געשריען.

פעאָדאָסיע, בעפרייענדיג זיך פון אַקסעניע׳ן, האָט זיך געלאָזט צו לעאָן און איהם אַריינגעוואָרפען צוויי פעטש.

—אָט האָסטו דיר. מען שלאָגט מיך, און דו—גאָרנישט? מעהר זאָלסטו מיר נישט אַהיימקומען!

און זי איז אַרויסגעלאָפען פון שענק.

לעאָן איז אַ מינוט געשטאַנען צעמישט און צעטראָגען, דערנאָך האָט ער מעכאַניש אָבגעווישט די באַקען, זיך אַרומגע-קוקט, און פלוצלונג האָט ער זיך אויסגעגלייכט און אין די אויגען האָט זיך איהם אָנגעצונדען אַ פייערל.

—אַ-אַך, נבלה מיאוסע! איך וועל דיר ווייזען!—האָט ער אויסגעשריען מיט היץ און איז אַרויסגעלאָפען נאָכ׳ן ווייב.

## ח

חנה׳קע איז צוריקגעקומען פון באַזאַר צוזאַמען מיט גלאַש-קע׳ן, וועלכע האָט איהר נאָכגעטראָגען דעם קאָרב מיט פרוכ-טען, וואָס זי האָט איינגעקויפט. גלייך ווי זיי זענען נאָר אַרי-בער די שוועל, האָבען זיך מלכה און אַקסעניע געוואָרפען זיי דערצעהלען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען בעת זייער אָבוועזענ-הייט. די אַלטע האָט זיך געקלאָגט און גלייכצייטיג אויסגעלעגט אַ גאַנצען צעטעל נסים, וואָס האָט זי געטראָפען: אַנטאָן האָט זי געקאָנט דער׳הרג׳ענען—און האָט זי נישט דער׳הרג׳עט; ער האָט געקאָנט צוברעכען ס׳גאַנצע געפעס—און האָט נאָר צובראָכען אַ פלעשעל און אַ שיסעל (די פיש האָט מלכה אויפגעהויבען פון דער פאָדלאָגע); פעאָדאָסיע האָט געקאָנט אַריינקומען איידער לעאָן האָט איהר אַוועקגעגעבען ס׳געלד א. אַ. וו. אַקסעניע ווידער, האָט דער עיקר גערעדט וועגען דער מאָראַלישער זייט פון די געשעהענישען: זי האָט געשטראָפט אַנטאָנ׳ען, מאַרפע׳ן, פעאָדאָסיע׳ן און מיט צופרידענקייט האָט זי דערצעהלט, ווי זי האָט אָנגעשלאָגען „די גראָבע מאָרדע".

די טהיר האָט זיך לאַנגזאַם געעפֿענט, און ס׳האָט זיך פֿריהער בּעוויזען אַ בּעטלער-שטעקען און דערנאָך, מיט דער פֿאָרזיכֿטיגקייט פֿון אַ בּלינדען, איז אַריינגעקומען אַ מענש פֿון אַ יאָהר פֿינפֿאונפֿערציג, אין אַנ׳אַלטען פֿערלאַטעטען זעלנער-שינעל, אין קאַלאָשען אַרומגעפֿלאָכטען מיט לאַפּטעס און מיט אַ טאָרבּע איבּער די פּלייצעס. אויפ׳ן קאָפּ האָט ער געטראָגען אַנ׳אַלט זעלנעריש היטעל מיט אַ פֿערפֿעצטען צוריסענעם דאַשיק. ס׳כמעט יונגע פּנים איז געווען אַרומגענומען מיט אַ קליין, שוואַרץ געקרייזעלט בּערדעל. די קיילעכֿדיגע אויגען מיט די געלבּליכֿע ווייסלעך און מיט די ווייסליכֿע שליים אין די ווינקלען, האָבּען אויסגעזעהן גאָר ווי געזונדטע, נאָר זיי האָבּען געשראָקען מיט זייער משונה׳דיגען אויסדרוק. זיי האָבּען מיט דערזעלבּער גלייכֿגילטיגקייט געקוקט אי אויף די ווענד, אי אויף מענשליכֿע פּנים׳ער און האָבּען זיך ענדליך פֿערקוקט אויף עפּיס אַ צופֿעליגען פּונקט אין דער לופֿט. דאָס האָט דעם געזיכֿט צוגעגעבּען אַנ׳אויסדרוק פֿון אַ בּעזונדערער פֿערטיפֿטקייט אין זיך. בּכֿלל איז לייכֿט געווען צו דערקענען, אַז די ווייסע אויגען שפּיגלען נאָר אָבּ אינערליכֿע איבּערלעבּונגען און נעהמען נישט אויף קיין אויסערליכֿע איינדרוקען. דער אויסדרוק איז נאָך שטאַרקער געווען צוליבּ דער אָנגעשטרענגטקייט פֿונ׳ם געזיכֿט, וואָס איז צו בּעמערקען בּיי אַלע בּלינדע און טויבּע.

נאָכֿ׳ן בּלינדען איז אַריינגעקומען אַ פֿרוי פֿון אַ יאָהר פֿינפֿאונדרייסיג מיט אַ תּמ׳עוואַטע געזיכט און גרויע נאַריש-פֿרעהליכֿע אויגען. די היבּשע בּראָדאַווקע אונטער דער סאַמע נאָז בּיי איהר, וועלכֿע איז געווען פֿערשמירט פֿון שמעק-טאַבּאַק, האָט איהר פּנים צוגעגעבּען אַנ׳אויסזעהן פֿון אַ בּעטלערין, וועלכֿעס האָט גאָרנישט האַרמאָנירט מיט דעם אויסדרוק פֿון איהרע אויגען. אָנגעטהון איז זי געווען אין שמאַטעס און בּעהאָנגען מיט טאָרבּעס. זי האָט געהאַלטען אויף די הענד אַ קליין זויגקינד גוט פֿערוויקעלט אין שמאַטעס.

די בּעטלערס זענען אַריינגעקומען נישט געאיילט, פֿאָרטזעצענדיג אַ שמועס, וועלכֿען זיי האָבּען נאָך פֿריהער אָנגעהויבּען.

—אַי, אַ גוטען, מלכּה! חנה׳קע! וואָס מאַכט איהר?—האָט דער בלינדער גערעדט פאַר זיך, אין כּלל אַריין, צוליעב וואָס ס׳האָט זיך אויסגעדוכט, ווי ער וואָלט גערעדט פון אַ פאַס אַרויס. אַ ברייט גוטהאַרציג שמייכעלע, נאָר אַ בלינדס, אָהן אַ שום אויסערליכען אורזאַך, האָט זיך צוגאָסען איבער זיין גע-זיכט. לאַנגזאַם, נאָר מיט זיכערע טריט, איז ער צוגעגאַנגען צום בופעט.

—איוואַן! זדראַסטוואָיטיע!—האָט איהם אַקסעניע פריידיג בעגריסט.

איוואַן האָט קוים בעמערקבאַר אַ ציטער געטהון, האָט אויסגעדרעהט דעם קאָפּ צו דער זייט, פון וואַנען די שטימע קומט און, קוקענדיג איבער אַקסעניעס קאָפּ אַריבער, האָט ער צופרידען געזאָגט:

—אָ-אָ, אַקסעניע איז אויך דאָ! זדראַסטוואויטיע!

ער האָט געהייסען זיך געבען אַ האַלבע קוואָרט, אַרויס-גענומען פון בוזעם אַ פערקניפּט טיכעלע און גענומען צעהלען דאָס געלד, בעטאַפּענדיג יעדע מטבע.

די פרוי, וועלכע איז צוזאַמען מיט איהם אַריינגעקומען, איז געשטאַנען נעבען איהם און מיט ברענענדיגע אויגען געקוקט אויפ׳ן געלד, וואָס אין טיכעלע.

—גיב מיר, איוואַנושקאַ! איך וועל איבערצעהלען!—האָט זי וויינענדיג-קאָקעטיש, ווי אַ צעבאַלעוועט קינד, געזאָגט. און פלוצ-לונג האָט זי זיך אומגעקעהרט צו מלכּה׳ן, האָט צו איהר גע-היים אַ וואונק געטהון מיט די׳ אויגען און אַרויסגעשטעקט די צונג. דערנאָך האָט זי אַ קוק געטהון איוואַנען אין די אויגען מיט אַזאַ טייוועלשען בליק, וואָס האָט בעוויזען, אַז זיינע אָפּע-נע בלינדע אויגען בעאונרוהיגען זי גאָרנישט.

—לאָז, לאַרקע!—האָט איוואַן זיך אַ צאַפּעל געטהון און האָט אָבגעשטויסען איהר האַנד.—וועסט נאָך עפּעס צו׳לקח׳נען!

מלכּה האָט צוגאָסען דעם בראָנפען אין צוויי גלעזער און האָט איינס געגעבעז איוואַנ׳עז איז האַנד אַריין. ס׳צווייטע האָט לאַרקע גענומען.

בעצאָהלט און בעהאַלטען דאָס טיכעלע מיט'ן איבעריגען געלד אין בוזעם, האָט איוואַן אַ ווײלע געהאַלטען ס'גלאָז אין האַנד, קוקענדיג אויף דער ערד מיט אַ פערגליוורט שמייכעלע.

—צום געזונד, מלכּה, אַקסעניע!

—לאָז דיר זיין צו געזונד, איוואַנושקאַ,—האָט גלאַשקע געענטפערט, קוקענדיג די גאַנצע צייט אויף איוואַנ'ען מיט אַ ווייכען אומעט.

דער בלינדער האָט האַסטיג אומגעדרעהט דעם קאָפּ אין דער זייט פון גלאַשקע'ן און האָט זיך צעלאַכט:

—איך האָב אָבער געפּיהלט, אַז עס איז נאָך ווער דאָ אין שטוב, נאָר ווער—האָב איך נישט געוואוסט. ביזט דו עס גאָר, גלאַשקע! נו, צו געזונד דיר!

—וואו ביזטו עס היינט געזעסען?—האָט איהם אַקסעניע געפרעגט.—אויף דער בריק ביזטו נישט געווען.

איוואַן האָט געשווינד אויסגעטרונקען דעם בראָנפען און האָט מיט צופרידענקייט געזאָגט:

און איך האָב היינט מיין אָרט אָבגעטרעטען דעם הויקער פאַר אַ „פּיאַטאַטשאָק" און אַליין האָב איך זיך געזעצט ביי דער „דוואָריאַנסקע סאָבראַניע"... מיר גיט מען דאָרט אויך!—האָט ער שטאָלץ און צופרידען צוגעגעבען.

—אָ, מיין ליבענקער, נעבעך! דיר גיט מען אומעטום,—האָט איהם גלאַשקע סענטימענטאַל געצערטעלט. קום מיין לי-בענקער, קום, כ'וועל דיך אַוועקזעצען אויפ'ן בענקעלע,—האָט זי נאָך סענטימענטאַלער צוגעגעבען, נעהמענדיג איוואַנ'ען פאַר דער האַנד.

איוואַן האָט לייכט אָבגעשטויסען איהר האַנד, כאָטש עס האָט איהם, ווי עס ווייזט אויס, הנאה געטהון איהר צערטליכ-קייט—און האָט זיך אַליין, אָהן איהר הילף, אַוועקגעזעצט אויפ'ן בענקעל. לאַרקע האָט זיך אויך אַוועקגעזעצט נעבען איהם, אָבער ס'קינד האָט פּלוצלונג אָנגעהויבען צו וויינען און זי איז אַוועק צו אַ צווייטער באַנק, האָט אַרויסגענומען פון די שמאַטעס אַ מאָגער, קרענקליך קינד פון אַ זעקס-זיבען חדשים. ס'קינד האָט

שוואַך געפּישטשעט נישט עפּענענדיג די פאַרמאַכטע אויגעלעך. לאַרקע האָט עס אַריינגעלעגט אין דיזעלבע נאַסע שמאַטעס און עס געגומען איינוויקלען, איבערדרעהענדיג עס פון איין זייט אויף דער צווייטער. פּלוצלונג האָט זי מיט אַן׳אומגעלומפּערטער בע-וועגונג אַראָבגעוואָרפען ס׳קינד פון דער שמאָלער באַנק אויף דער פּאָדלאָגע. ס׳קינד האָט אַן׳אומגעריכטען הויכען געשריי גע-טהון. איוואַן האָט אַ צאַפּעל געטהון, אויפגעשטאַנען און אין זיינע אויגען האָט אויפגעבליצט שרעק און כעס.

—האָסט שוין ווידער אַראָבגעלאָזט דאָס קינד!—האָט ער אין פערצווייפלונג אַ געשריי געטהון.—דו וועסט איהם נאָך ווען ס׳איז דער׳הרג׳ענען, נבלה!

לאַרקע האָט, נישט איילענדיג זיך, צוריק אויפגעהויבען דאָס קינד און גאַנץ רוהיג עס ווייטער געוויקעלט. דערנאָך האָט זי זיך פונאַנדערגעשפּילעט די קאָפטע, אַריינגעלעגט דאָס קינד ביי דער סאַמע ברוסט, פערמאַכט און שטאַרק אונטערגעגאַר-טעלט, אַזוי, אַז ס׳קינד האָט זיך שוין אַליין געהאַלטען ביי דער ברוסט, אָהן דער הילף פון איהרע הענד.

איוואַן איז אַ צייט געזעסען שטילשווייגענדיג, מיט אַ גע-זונקענעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך בעמיהט עפּעס צו דערמאָהנען.

—ס׳וועט זיין מלחמה!—האָט ער אויטאָריטעטיש אַ זאָג אַרויס געטהון און אויפהויבענדיג דעם קאָפּ, האָט ער איבערגע-פיהרט מיט די בלינדע אויגען איבער דער שענק—און ס׳וועט נישט לאַנג געדויערן: מ׳האָט געשמועסט אין באָד...

גלאַשקע, וועלכע האָט זיך זעהר אינטערעסירט מיט פּאָ-ליטיק, האָט אויפגעלעבט.

—ווער וועט זיך מיט אונז שלאָגען?—האָט זי געפרעגט.

—די אַנגליטשאַנקע, ווער דען?—האָט איוואַן, הויבענדיג מיט די אַקסלען געענטפערט.

—זי לאָזט נאָך אַלץ נישט צורוה?

—אודאי!—האָט איוואַן טיפזיניג געצויגען—אָבער איצט איז אַן׳עק מיט איהר:

און נאָך אַ מינוט שווייגען האָט ער צוגעגעבען:

—זי האָט אַזוי לאַנג געאַרבייט מעשים, ביז עס איז איהר סוף אויך געקומען! כל זמן דער זוהן איז נאָך קליין געווען, האָט זי געטהון וואָס זי האָט געוואָלט, נאָר ווען ער איז אויפ-געוואַקסען, זאָגט ער צו איהר: „איך וויל נישט, געהן געגען ווייסען צאַר. גיב מיר, זאָגט ער, אָב, מיין האַלבע מלוכה". הכלל, דאָס, יענק, זי האָט געפּרובט דרעהען אַהין, אַהער און זי האָט נעבעך געמוזט אָבגעבען זיין האַלבע מלוכה. דער זוהן, ווייטער, מאַכט זיך גאָרנישט וויסען, האָט צוגענומען זיינס און איז גלייך אַוועק צו אונזער צאַר דינען איהם.

—פיין!—האָט זיך גלאַשקע דערפרעהט.

—און איצט, אַז עס וועט קומען צו מלחמה, וועט ער געהן מיט אונז געגען דער מוטער.

—געגען זיין אייגענער מוטער?—האָט זיך גלאַשקע גע-וואונדערט.

—און דו שלאָגסט זיך נישט מיט דער מוטער, אַז זי גנב'עט דיר עפּעס צו?—האָט חנה'קע לאַכענדיג זיך אַריינגע-מישט.

לאַרקע, וועלכע האָט זיך נישט אינטערעסירט מיט קיין פּאָליטיק, האָט זיך צוגעזעצט צו איוואַנ'ען, האָט איהם אַרומגע-נומען און גענומען גלעטען. דער בלינדער האָט זיך גליקליך צעשמייכעלט, אָבער ער האָט דאָך לייכט אָבגערוקט לאַרקע'ן פון זיך.

—לאָז געמאַך!—האָט ער ווייך געזאָגט, צעלאַכענדיג זיך.

ער האָט דורכאויס געוואָלט ווייטער פיהרען דעם פריהערדיגען שמועס וועגען פּאָליטיק.

—כ'וועל נישט אָבלאָזען!—האָט לאַרקע קאָקעטיש אויסגע-שריען און אָנהייבענדיג פּלוצים מיט אַ וויינענדיג-בעטענדיגען טאָן, האָט זי געזאָגט:

—איוואַנושקאַ! קויף פאַר דיין לאַרקעס וועגען נאָך אַ „סאָטע"! קויף, מיין ליבענקער בלינדער!

—ס'וועט שוין גענוג זיין—האָט איוואַן אַ צאַפּעל געטהון—דער בעל-הבית'טע קומט שוין דרייסיג קאָפּיקעס.

אָבער לאַרקע איז נישט אָבגעשטאַנען; זי האָט געבעטען, אויף די קניה זיך איהם געזעצט און גלייכציטיג געוואונקען מיט די אויגען און געמאַכט עפּעס געהיימע צייכענס צו חנה׳קען און גלאַשקע׳ן. איוואַן האָט זיך ענדליך געלאָזט איבעררײידען און געהייסען געבען אַ האַלבע קוואָרט.

פלוצלונג האָט ביי לאַרקע׳ן זיך דאָס קינד צעוויינט. נישט צעגאַרטלענדיג זיך, האָט זי דאָס קינד אַרויסגענומען פון בוזעם און דערצו גערעדט:

—גליוצענקאַ! טע-עכטע-ערעל! טפּרר! ווילסט בראָנ-פעלע?

—גיב איהר נישט קיין סך!—האָט זיך איוואַן מיט שרעק אָנגערופען.

לאַרקע האָט אָנגענומען אַ מויל מיט בראָנפען, זיך איינ-געבויגען צום קינד און אַרײנגעגאָסען איהם דעם בראָנפען אין מייל׳כעל אַריין. דאָס קינד האָט זיך הויך פערכלינעט, עטליכע מאָל אַ געשריי געטהון און סאָפּענדיג אַרויסגעשטעקט דאָס צינגעל.

—אַך, דו פאָדלע! זי האָט איהם שוין געוויס אַ האַלבע סאָטע אַרײנגעגאָסען אין מייל׳כעל—האָט איוואַן אויסגעשריען.— זי וועט קיינמאָל נישט האָרכען וואָס מען רעדט צו איהר!

לאַרקע האָט רוהיג אויסגעטרונקען איהר בראָנפען אין גענומען פערשאָקלען ס׳קינד:

—איצט שלאָף איין! איין... איין!—האָט זי עס געוויגט.

—זי וועט איינשלאָפען...—האָט איוואַן אָנגעהויבען און נישט ענדיגענדיג וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען, האָט ער האָפּ-נונגסלאָז אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד און אויסגעטרונקען זיין „סאָטע״.

# ט

עס איז אַריינגעקומען אַ פּאָפּ אין אַ „פּאָווּאַסע“ און אין נייע כראָמאָווע שטיוועל. דערזעהענדיג די בעטלערס, איז ער אַ מינוט געבליבען שטעהן אונענטשלאָסען ביי דער טהיר, דערנאָך איז ער געשווינד מיט קליינע טריטעלעך, מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ צו צום בופעט און אַריבערבויגענדיג זיך האָט ער כמעט שעפּטשענדיג געזאָגט:

—גיט מיר אַריין אין אַ בעזונדער צימער פּאַר פּופצעהן קאָפּיקעס בראָנפען און אַ קיכעל.

ער האָט געשווינד געוואָלט אַריבערגעהן אין דער וואוין-העלפט, אָבער לאַרקע איז צו איהם צוגעלאָפען און איהם פערשטעלט דעם וועג.

—באַטיושקאַ!—האָט זי געבעטען—בענשט מיר מיין טעכטערל! בענשט!

און האָט געפּרובט אָנכאַפּען דעם גלח׳ס האַנד. דער לעצטער האָט אָבער שטאַרק צעמישט בעהאַלטען די האַנד און פערלירענדיג זיך אינגאַנצען, האָט ער געמורמעלט:

—אַנ׳אַנדערש מאָל... נישט דאָ... גאָט וועט בענשען!

און ער איז געשווינד אַוועק.

—משוגע׳נע! אין אַ שענק בעט מען אַ ברכה!—האָט גלאַשקע איהר פאָרגעוואָרפען.

—זי מאַכט זיך תמיד צו נאַר, די פערשאָלטענע!—האָט איוואַן אויסגעשריען און געכאַפּט פּאַר׳ן שטעקען. ער האָט זיך אָבער גלייך בערוהיגט פון אַקסעניעס אַ פילאָזאָפישער בעמערקונג:

—פּאָפּען טרינקען שוין אויך בראָנפען! אָך, אָך, אָך, גאָטעניו, האַרציגער!

—אָבער נאָך ווי אַזוי געטרינקען!—האָט איוואַן אויפגעלעבט. ווען אונזער פּאָלק איז געשטאַנען אין ווילנאָ, האָב איך

געקענט אַ פּאָפּ, וועלכער האָט אויסגעטרינקען אַ פּערטעל פּעסעל אַ טאָג.

—און דו האָסט שוין אַמאָל געפּרובט אַליין אויסטרינקען אַ „פּערטעל״?—איז גלאַשקע נייגעריג געוואָרען.

איוואַן האָט נאָכגעדענקט.

—כ׳האָב געפּרובט—האָט ער מיט אַ בערוהיגענדען טאָן געענטפערט.—ווען כ׳בין געווען אויף מלחמה, האָב איך געפּרובט.

—דו האָסט זיך עפּעס פיל געשלאָגען?

—איך?-האָט איוואַן בעלעבט אויסגעשריען. איך, ברודער, בין הינטער סאַמע פּלעוונע געווען! פּאַרוואָס האָט מען מיך דען פּאַר אונטעראָפיציר געמאַכט, אַז נישט פּאַר מיין שלאָגען זיך! הינטער פּלעוונע טאַקע בין איך דאָך בלינד געוואָרען—האָט ער אומעטיג צוגעגעבען.

—ווי אַזוי פּיזטו דאָס בלינד געוואָרען?—האָט חנה׳קע, וועלכע האָט שוין גאַנץ גוט געוואוסט די גאַנצע געשיכטע זיי-נע, געפרעגט.

—ווי אַזוי! גאָר פּשוט. די טערקישע כשוף-מאַכער האָבען אויף אונז אַרויפגעלאָזט אַזאַ בלינדען נעפּעל און גענוג, פּער-טיג! פיל פון אונז זענען דאַן בלינד געוואָרען!

—זענען, הייסט עס, די כשוף-מאַכער געווען אין פּלעוונע?

—וואו דען? די גאַנצע נעסט זייערע איז דאָרט געווען. די געצענדינער זענען דאָרטען אין אַלע לעכער פול געווען. זיי האָבען געוואָלט סקאָבעלעוו׳ן אַליין בלינד מאַכען, אָבער אַ מכה זיי!

ער האָט זיך פרעהליך צעלאַכט.

—סקאָבעלעוו האָט אויפ׳ן האַלז געטראָגען אַ צלם פון „פּאָטשאיעווער לאַווריע״ און אויף דעם צלם איז געווען אַזאַ מין שפּרוך געגען קוילען און געגען כשוף...

לאַרקע, וועלכע האָט זיך אַרומגעדרעהט איבער דער שענק מיט׳ן קינד, איז איצט אונטערגעגאַנגען צו איוואַנ׳ען און אַ קוק געגעבענדיג אויף איהם מיט אַ גנב׳ישען בליק, האָט זי ויך אונטערגעגנב׳עט און אַ כאַפּ געטהון אַ זעקעלע מיט געלד,

וועלכעס האָט אַרויסגעשטעקט איוואַנ׳ען פון בוזעם, איז אָבגע-שפרונגען אין אַ ווינקעל און האָט זיך דאָרט אַריינגערוקט.

איוואַן האָט זיך אַ כאַפּ געטהון מיט דער האַנד פאַר דער ברוסט, פונקט ווי מען וואָלט איהם אַ קלאַפּ געטהון, האָט גע-כאַפּט דעם שטעקען און אויפגערעגט אויסגעשריען:

—לאַרקאַ—ס׳געלד! !

און נישט וואַרטענדיג אויף קיין ענטפער האָט ער זיך געוואָרפען נאָך איהר, פונקט ווי ער וואָלט געזעהן וואו זי איז אַנטלאָפען. לאַרקא האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אַנ׳אַנדער ווינקעל אַריין, איוואַן איז, ווי אַ זעהענדיגער, איהר נאָכגעלאָפען מיט אַנ׳אויפגעהויבענעם שטעקען. אַלע האָבען זיך מיט שרעק אָבגע-רוקט פאַר דעם בלינדענס שטעקען. פערטשעפּענדיג אָבער מיט׳ן שטעקען אָנשטאָט לאַרקע׳ן—דאָס קינד, איז איוואַן גאָר אויסער זיך געוואָרען, די אויגען זענען איהם פערלאָפען געוואָרען מיט בלוט - און ער האָט ווילד גענומען לויפען איבער דער שענק, פאָכענדיג מיט׳ן שטעקען און שילטענדיג לאַרקע׳ן. גלאַשקע און אַקסעניע האָבען ענדליך איהם געוואָלט קומען צו הילף, נאָר לאַרקע׳ן האָט זיך גראָד אין דער מינוט איינגעגעבען צוצוכאַ-פּען צו דער טהיר און אַרויסצולויפען.

—זי איז אַוועק!...—האָט איוואַן אין אָהנמעכטיגען כעס אויסגערופען. און פּלוצלונג האָט ער אַראָבגעלאָזט דעם שטעקען און איז געבליבען שטעהן אין מיטען שענק בלייך און הילפלאָז. זיין געזיכט האָט נערוועז געצוקט.

—דרייאונצוואַנציג קאָפּיקעס איז דאָרט געווען.—האָט ער שטיל געזאָגט און איבער זיין געזיכט האָט זיך קוים בעוויזען אַ שוואַך קרענקליך שמייכעלע...

נאָך אַ מינוט איז ער אַזוי געשטאַנען אינמיטען שענק. דערנאָך האָט ער אָבגעזיפצט און שוויינענדיג, מיט אַ געזונקע-נעם קאָפּ, איז ער אַרויסגעגאַנגען, טאַפּענדיג פאָרויס פאַר זיך מיט׳ן שטעקען.

# אינהאַלט

פון

## זיבעטען באַנד


חנה די קעכין . . . . . . . . . . . . . 7
מענדעל טערק. . . . . . . . . . . . . 61
שטיפקינדער . . . . . . . . . . . . . 105
אין שענק*) . . . . . . . . . . . . . 167